STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01277

DI HELDEN FUN YERUSHOLAIM

D. L. Mordovtsev

•

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Bobbie Margolis
in memory of
Eli Schneider

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
העלדען פון ירושלים
א היסטארישער ראמאן
נאך דניאל מארדאווצעוו.

בעארבייטעט דורך מ. י. פרייד.

הערויסגעגעבען פון

מ. ספעקטאר.

ווילנא

דרוק פאן שרגא פייבל גארבער

שנת תרס"ג לפ"ק

ДИ ГЕЛДЕНЪ ФОНЪ ІЕРУШЕЛАЕМЪ
т. е. ГЕРОИ ІЕРУСАЛИМА.

Иторическій расказъ Д. Л. Мордовцева.

ВИЛЬНА

Типографія Ф. Гарбера, Завальная ул. д. № 2006.

1903

C

42411 au. 2,'09

HOLYOKE PUBLIC LIBRARY

ySp 32 h

Дозволено Цензурою 3 Сентября 1902 г, Варшава

ו.

דער חורבן הויבט זיך אן.

גלייך ווי א גוסס מיט'ן לעבען האט זיך דאס קאניגרייך פון יהודה געבאנגעלט מיט זיין עקזיסטענץ. אגריפוס דער ערשטער איז געשטארבען און זיין זוהן אגריפוס דער צווייטער האט זיך ווייניג וואס געקיממערט וועגען זיין פאטערלאנד. א בעל-פחדן און דערצו א עגאיסט האט דער לעצטער יודישער קאניג גערנער פערבראכט אין רום ווי אין ירושלים. דארטען האט ער צוגעקוקט ווי דער אכזר נירון קיסר האט זיך אין גאנצען אריינגעלאזט אין ווילדע תאות און רשעות. דער רוימישער קיסר, וועלכער האט יעטצט מיט געוואלט געהערשט כמעט איבער די גאנצע וועלט איז ניט זאט געווארען מיט דער ממשלה אין דער היים און האט געוואללט אויסווייזען זיין נארישע גאוה אויך אין דער פרעמד. און מיט גרויסס פאראד מאכט ער דער שלעכטער מענש און גרעסטער קיסר די לאנגע נסיעה, איבער די עללאדא וואו ער קוממט פאר אין אללע זיינע נארישע ראלען אלס זינגער, שפילער און אקטער, דער נארישער בעל גאוה זעהט ניט ווי דאס פובליקום פא... "בראווא" נור פון ווייט, פון מורא אבער ניט פון גוטען ווילען.

דער קיסר שפירט עס ניט און מיט שטאלץ קוקט ער ; די 1800 לארבען־קראנץ, וועלכע ער האט געקראגען אין עללאדא *) פון זיינע אונטערטהאנער און איהם דאכט זיך, אז דאס איז טאקי דערפאר וויל דאס פאלק, איז ענטציקט פון זיין זינגען און שפיעלען.

ס'איז אויך קיין וואונדער ניט אז דער פוסטער בעל גאוה רעדט זיך איין אזעלכע זאכען, פון דער גאנצער סוויטא איז ניט דא איין מאן, וועלכער זאלל האבען די העזה דעם קיסר אויפמערקזאם צו מאכען, אז איהם פעהלט פיעל צו א טאלענט, ער האט א קול צום טאנצען און ער איז אזא שפיעלער ווי אקטיער, די גאנצע פארשטעלונג האט קיין טעם ניט, דאס הייסט זיך און אנדערע צום נארען מאכען. גיין, קיינער זאגט איהם עס ניט און נירון איז שטאלץ פון די בראוועס, שרייט „אני ואפסי עוד" איך בין דער גראססטער, כ'בין דער קליגסטער, אויסער מיר איז ניט דא קיין פאעט קיין אקטער, קיין זינגער און קיין שפיעלער, איך נירון קיסר בין גראססער פון אללע מענשען און דריבער בין איך א גאטט...

און דער מענשליכער גאטט איז ניט אויף א געלאכטער ביי געווארען וועגן מען

*) עללאדא האט אמאל געהייססען גריכענלאנד.

האט איהם אָנגעזאָגט די בְּשׂוֹרָה אַז די יודען האָבען זיך בֶּעשְׁלָאסֶען אָבצוּוואַרְפֶען פון זיך דעם רוֹמִישֶׁען יָאךְ.

די קְלֵיינֶע שְׁוואַכֶע יְהוּדָה איז מִיעד געוואָרען צו טְרָאגֶען דעם אָבְצָאהל אין רוֹמְס קאססא, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹבְ׳ס קִינְדֶער, וועלכֶע האָבען אויף דעם בּאַרג סִינַי מְקַבֵּל געווען די תּוֹרָה פון איין גאָטט, וואס צו איהם געהערט די הִימֶעל מִיט די עֶרְד אונ ער איז אַ מוֹשֵׁל אִיבֶּער די גאַנְצֶע וועלט, דער בּוֹרֵא, וועלכֶער מאַכְט קאֶנִינְין אַללֶע מְלָכִים אונ אין זיין האַנד איז דאס לֶעבֶען אונ דער טוידט פון דעם קְלֶענְסְטֶען ווארֶעמֶעל בּיז דעם שְׁטאַרְקְסְטֶען לֵייב, די יודען, וואס די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה האט אויסגעשארפט זייער שֵׂכֶל, אויסגעעֶדֶעלט זייער כאַראַקְטֶער, האָבען פערשְׁטאַנגֶען אַז נירון קֵיסַר איז אויךְ מֶעהר ניט ווי אַ מֶענְשׁ פון בְּלוּט אונ פְלֵייש וועלכֶער וועט ניט עֶבִּיג געוועלְטִיגֶען אין אַללֶענְפאַלְס איז איהם נאָךְ ווייט צו ווערען זייער גאָטט.

געדוּלְדִיג האָבען די יודען געלִיטֶען צָרוֹת פון נירוֹנְס מִילִיטֶער אונ פִּירְשְׁטֶען ניט איין מאָל האָבען זיי געמוּזְט בֶּעצָאהלֶען זייער פְרֵייהֵייט מִיט געלְד, נור אַז דער שׂוֹנֵא האט געוואָללְט זיי שְׁטֶערֶען אין אֱמוּנָה, זיך אַריינמִישֶׁען אין רֶעלִיגְיאָנְס פְרַאגֶען, דעמָאלְט האט די געדוּלְד געפְּלאַצְט אונ די יודען האָבען זיך דערמאָנְט אָן אַמאָלִיגֶע גְבוּרוֹת פון זייערֶע פאָלְק, אָן דעם מֶלֶךְ דָוִד, די העלְדֶען חַשְׁמוֹנָאִים אונ די עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע איז זיי געלוּנְגֶען.

מִיט ווֶענִיג מֶענְשֶׁען האָבען זייא פֶערְיָאגְט פון יְרוּשָׁלַיִ׳ם מְהוֹוֶערֶען די שְׁטאַרְקֶע רוֹמִישֶׁע מִילִיטֶער מִיט זייער אַנפִיהְרֶער צֶעסְטָאס גאַללוּס. דער נִצָּחוֹן איז געווען אַזוי גְרוֹיס אַז די יודען האָבען נאָכגעיאָגט דעם שׂוֹנֵא אַ שְׁטִיק ווֶעגְס אונ געמאַכְט פון איהם אַ תֵּל. מען קענן זיך לַייכְט פָארשְׁטעללען וויא די יְדִיעָה האט געשְׁמֶערְצְט דעם רוֹמִישֶׁען קֵיסַר. נירון איז געוואָרען אויסער זיך פון כַּעַס. די גאַנְצֶע וועלט איז שוין כִּמְעַט זיינֶע, די גְרוֹיסֶע בֶּעריהמְטֶע הֶעללאַדֶע מִיט איהרֶע פִילָאזאָפֶען אונ געלֶערְנְטֶע מֶענְשֶׁען פאַטְשֶׁען איהם „בְּרָאווא״, מִצְרַיִם, בְּרִיטַאנְיֶע גערְמַאנְיֶע, די הֵייסֶע אַפְרִיקא אונ נאָךְ פִיעל פִיעל לֶענְדֶער אונ נאַצְיאָנֶען האָבען זיך געמוּזְט אונטערגעבֶען פאַר די רוֹמִישֶׁע מִילִיטֶער נור אֵיינֶע קְלֵיינֶע שְׁוואַכֶע יְהוּדָה האט אַ הֶעזָה אויפצוהויבֶען דעם קאָפּ אונ געהֶען אַנְטְקֶעגֶען איהם נירון דעם קֵיסַר פון דער גְרוֹיסֶער רוֹמִישֶׁער מְלוּכָה.

וואס פאַר אַ ווערט קענן האָבען יְהוּדָה קֶעגֶען רוֹם? ווי אַ שְׁאֶפֶעלֶע געגען אַ לֵייב. אונ דאס שְׁאֶפֶעלֶע מִיט איהרֶע פְרוּמֶע אייגעלֶעך שְׁרֵייט אַללֶעמֶען, אַז זי איז „גאָטטֶס פאָלְק״ אַ „אַתָּה בְחַרְתָּנוּקֶעס״ אונ אָהן בּוּשָׁה, אָהן חַרְפָּה פְרוּבִּירְט זי איהרֶע שְׁוואַכֶע כּוֹחוֹת מִיט רוֹם. אַ געלֶעבְטֶער כ׳לֶעבֶּען, אַ חֶרְפָּה פאַר יוּפִּיטֶער! *) ווי בּיי דער רוֹמִישֶׁער קֵיסַר איז ניט געווען אויף יְהוּדָה, וועלכֶע האט געבּראַכְט עֶמֶעצְט זיך

*) יופיטער — איז געווען דער גראָסטער גאָטט פון די געטצענדינער.

פערנוממען ווי עקסטרא צו שטערען זיין פלאר און כבוד האט ער דאך מיט **פליסס** געשטיקט דעם בעס אין זיך, כדי די כוויטא זאלל ניט בעמערקען זיין עגמת-נפש און מיט א געמאכטע גלייכגילטיגקייט האט ער זיך אבגערופען צו דעם גרויסען **עולם**, וועלכער איז איהם נאכגעגאנגען אין די לאנגע נסיעה:

אין דעם וואס איז פארגעקוממען אין יהודה וועה איך נור איין אז אונזער אנ-פיהרער האט ניט געטויגט, דער שונא האט ניט איינגענוממען דורך זיינע **גבורות** נור דורך אונזער שוואכקייט, רום וועט שוין קיין מאל ניט אנקוקען דעם נאכלעססיגען **צעס**-טיאוס גאלוס'ן, גלייכער וואללט ער גאר ניט געבאהרען געווארען, וואללט **ער מיר** פערשפארט די ארבייט, איהם יעטצט דעם מוירט צו מאכען פאר זיינע **פוילקייט**. נירון האט גערעדט מיט גאוה, זיין מוח האט אבער שטארק געארבייט און **אין** קאפ ביי איהם האט זיך טיעף פערזעטצט די פראגע. „וועמען צו שיקען אויף **צעס**-טיוס ארט? ווער פון די איינפיהרער זאלל ווערען ירושלים'ס מלאך המות?"

אין דעם קיסרס אויגען האבען אנגעקוקט אללע זיינע איינפיהרער, **וועלכע** זיינען געזעססען ארום טיש, יעדערער האט געהאלטען א'ראבגעלאזען, פערשעמט **די** אויגען און אי' געווען טרויעריג פון די ערהאלטענע שלעכטע בשורה, ענדליך **האט** זיך נירונ'ס בליק אבגעשטעללט אויף וועספעסיאנ'ס גרויען פנים, וועלכעס איז **פעסט** געזעססען אויף דעם אקסענהאלז.

— איהם בעדארף מען שיקען, אט דעם אפגעפרעססענעם חזיר, וועלכער **איז** דיק געווארען פון די בארבארעס און בריטאניענ'ס בלוט. ער וואללט טויגען **דערצו** צו-צודריקען מיט זיין לאפע דאס קאטצעלע פון יהודה.

באלד אבער האט זיך נירון עפעס דערמאנט.

— דער אבגעפרעססענער חזיר — האט ער געמורמעלט ביז צו זיך אלליין — **איז** דאך אמאל איינגעשלאפען געווארען ווען דער גראססטער ארטיסט פון דער **וועלט** האט בעוויזען זיינע קונסט-שטיק.

נירון קען עס נאך ביז היינט ניט מוחל זיין, וואס וועספאסיאן איז **אמאל** מיעד געווארען, ווען דער קיסר האט געזונגען און פארגעשטעללט פאר די גרויססע פערזאממלונג און דעמאלס ווען יעדערער בעוואונדער איז געווארען ענציקט פון **פער**-צייגען האט וועספעסיאן געשמאק געחראפעט.

— איז עס דען וואו געהערט געווארען? אנצוקוקען אפאללאנען *) גליי. **אין**

*) אפאללאן איינער פון די גראססטע אבאליגע גריכישע גאטטער, וועלכער **בעשאפט די** ליבע און שיינהייט, מוזיק און קונסט און נאך פיעל אנדערע זאכען. באטצענדיענער האבען **געהאט** פיעל גאטטער און יעדערער פון זיי האט געהאט לויט אמאליגער אמונה אבזונדערע ממשלה **אויף** א געוויססען געגענשטאנד. נעראן האט זיך גיהאלטען פאר דעם גראססטען גאטט, וועלכער **האט** א ממשלה איבער אלעס.

פְּנִים אוּנ דֶערבַּיי נָאר וֶועלְלֶען שְׁלָאפֶען? דָאס קֶענֶן נוּר אַזָא אָבְגֶעפְרֶעסֶענֶער חָזִיר וִוי עֶר.

אוּנ נִירוֹן הָאט ווִיעדֶער אָנְגֶעקוּקְט אַלְלֶעמֶען, וָואס זִיטְצֶען אַרוּם טִישׁ.

— פֶערפַאלְלֶען — הָאט עֶר ווִיעדֶער אַ בְּרוּם גֶעגֶעבֶּען אִין דֶער שְׁטִילל — נִיט דָא קֵיין אַנְדֶערֶער, כְּ'מוֹז שִׁיקֶען דֶעם פֶעטֶען חָזִיר, נִישְׁט-קָשֶׁה, דֶער פֵייף פוּן דִי יוּדִישֶׁע פֵיילֶען אוּנ דֶער קְלַאנְג פוּן דִי שְׁוֶוערְדֶען וֶועלְלֶען אִיהם שׁוֹין אוֹיפְוֶועקֶען פוּן שְׁלָאף.

— בֶּעזִיעגֶער פוּן בְּרִיטַאנְיֶע! [1] — הָאט פְּלוּצְלוּנְג דֶער קֵיסֶר זִיךְ אָב גֶערוּפֶען צוּ וֶועסְפֶּעסִיאַנֶען — צוּם אַנְדֶענְקֶען פוּן דַיינֶע בְּרֶעהְשַׁאפְט, וָואס דוּ הָאסְט גֶעווִיזֶען מַיין פָאטֶער, דֶעם גָאטְלִיכֶען אִימְפֶּערַאטָאר, קְלַוִידִיאַ אוֹיגוּסְט, גִיבּ אִיךְ דִיר הַיינְט אִיבֶּער דִי מֶמְשָׁלָה אוֹיף מֵיינֶע לֶעגְיָאנֶען [2] אִין סִירְיֶען אוּנ אִין יְהוּדָה, וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ פֶערבּוּנְדֶען מִיט שׁוֹמְרוֹן אוּנ דֶעם גָלִיל. גֶעה אוּנ צוּרִיק דִי ווִילְדֶע חַיָה, וֶועלְכֶע הָאט דִי הֶעזָה צוּ קְרִיעכֶען אוּנטֶער מֵיינֶע פִּיסֶס, גֶעדֶענְק אָבֶּער, אַז דִי יוּדֶען זֶענֶען אַ אוֹיסְנַאהְמֶע צְווִישֶׁען אַלְלֶע פֶעלְקֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. דָאס זֶענֶען נִיט דִי נַארִישֶׁע בַּארְבַּארֶען [3] וָואס לִיעגֶען אִין דִי עֶבִּיגֶע בְּלָאטֶעס בֵּיי דִי גְרוֹיסֶע וָואלְדֶער פוּן גֶערְמַאנְיֶע, אוּנ וֶועלְכֶע דוּ הָאסְט לֵייכְט מְנַצֵּחַ גֶעוֶועזֶען מִיט דִי לֶעגְיָאנֶען פוּן מַיין גָאטְלִיבֶען פָאטֶער. דִי יוּדֶען זַיינֶען אוֹיךְ נִיט קֵיין גַאלְלֶען [4], וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעווָארְפֶען אוֹיף דִי רוֹימֶער מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי:

„vae victis“ „וֶועה אִיז צוּ דִי בֶּעזִיגְטֶען“ אוּנ נָאכְדֶעם אִיז דֶער גֶעשְׁרֵיי מְקוּיָם גֶעוָוארֶען אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ אוּנ ס'אִיז טַאקִי מִיט זֵיי אַזוֹי אוּנ וֶועה; יוּדֶען קֶענְסְט דוּ אוֹיךְ נִיט פֶערגְלַייכֶען מִיט דִי בֵּייזֶע בְּרִיטַאנֶער, וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעוָוארֶען צוּ פִּיקְט אוֹיף דַיין בֶּעפֶעהל פוּן אוּנְזֶערֶע אָדְלֶערְס, מַיין גָאטְלִיכֶען פָאטֶערְס לֶעגְיָאנֶען;

יוּדֶען זַיינֶען אוֹיךְ נִיט גֶעגְלִיכֶען צוּ דִי ווִילְדֶע שְׁפַּאנְיֶער, וֶועלְכֶע גֶעהֶען אוֹיף דִי מִלְחָמָה גְלַייךְ ווִי זֵייעֶרֶע אוֹיפְגֶעהֶעטְצְטֶע אָקְסֶען, וֶוען זֵיי דֶערזֶעהֶען רוֹיטֶען פּוּרְפּוּר.

נֵיין, גֶעדֶענְק אוּנ פֶערגֶעס נִיט, דִי בֶּעזִיעגֶער פוּן בְּרִיטַאנְיֶע, אַז יוּדֶען זַיינֶען דָאס אֵיינְצִיג פָאלְק אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועלְכֶעס בִּיז יֶעטְצְט הָאבֶּען אוּמְזִיסְט זִיךְ גֶעפְּרוּבִּירְט אַיינְצוּנֶעהְמֶען דִי שְׁטַארְקְסְטֶע נַאצְיָאנֶען, פוּן מִצְרַיִם בִּיז בָּבֶל אוּנ אַשּׁוּר. דָאס אִיז נִיט אֵיין פָאלְק נוּר אַ ווִילְדֶע חַיָה, וֶועלְכֶע ווִילל נִיט זַיין אֵיין מֵבִין נִיט אוֹיף אוּנְזֶערֶע נִיט אוֹיף אַנְדֶערֶע גָאטֶער אוּנ גִיבְּט זִיךְ נִיט אוּנטֶער קֵיין הֶערְשֶׁער

---

1) בריטאניע — היי

2) לעגיאָן — פאלק.

3) בארבאַר — האט געהייסן בּיי די ר[illegible] גרעסטן יעדעם פרעמד פאלק וואס ניט האָבּע[illegible] איינגענומען, אונ וועי[illegible]

4) היינטיגע פ[illegible]

פון דער וועלט. דאס ווילדע פאלק איז גרויס ביי זיך און רעדט זיך איין אז זיין „יהוה" איז גרעסער פון אללע געטטער, פון אללע ממשלות און צו איהם געהערט די גאנצע וועלט. און די יודען האבען אזא ווילדען כח אללעמען איבער צו רעדען אז אפילו דער גרויסער אלעקסאנדער מוקדון פיליפס און יופיטערס זוהן, האט מיט רעספעקט מקריב געוועזען קרבנות צו דעם יודישען גאטט.

נעם דיר עס אריין גוט אין זינען, דו בעזיעגער פון בריטאניען און בעווייז איין מאל דעם אויסגעשלאססענעם פאלק, אז רוים איז גרעסער פאר זייער אויסגע־טראכטען גאטט, פון רוימס האנד איז נאך קיין פאלק ניט ארויס גאנץ, און די יודען מוזען אויך שפירען אויף זיך דעם כח פון אונזער ממשלה, זאללען זיי אויך וויססען, וואס פאר א ווערט ס'האבען אונזערע אדלערלעך — רוימישע לעגיאנען — אדלער, וועלכע בליהען ארום פון איין עק וועלט אין דעם צווייטען. רום האט שוין מיט איהר פא־רעשנוא צוגעדריקט אללעמענס קאפ, ס'פעהלט איהר נאר דאס שאפעל. — קאפעל פון דער ארעמער יהודה.

נירון האט ליעב געהאט צו האלטען לאנגע דרשות, איהם האט זיך געדאכט אז ער איז איין רעדנער אין דער וועלט און דער גראססטער ארטיסט, וואס קען נור געבען. אין גרונד גענומען אבער איז דאס געוועזען א גאנץ שוואכער בעל-דרשן און דער קלענסטער ארטיסט פון רום איז איהם איבערגעגאנגען אין קונסט.

די שלעכטע בשורה פון גאללוס'ס מפלה איז אנגעקומען צום קיסר דעמאלס ווען נירון האט זיך מכין געוועזען אבצופאהרען אויף א ריינע שיפף ווייטער איבער גריכענלאנד.

— געדיינק אלזא, דו בעזיעגער פון בריטאניען — האט נירון געענדיגט זיין רעדע מיט איין פוסס אויף דער שיפף — געדיינק אלזא. וועספאסיאן, אז דו האסט צו טהון מיט א פאלק, וואס איז בעריהמט מיט זיין עקשנות און אונגאטירליכער גייסטליכער גבורה, אויף דעם פעסטען גייסט אבער איז פאראן אנאנדער מיטטעל — דער איי־זערנער מעטאלל פון וועלכעם מען שמיעדט די רוימישע שווערדען, און דאס אייזען מוז ארונטערדריקען דעם שטאלציגען קאפף פון יהודה אונטער מיין אייזערנע פארעשווע.

נירון האט אלליין ניט געוואוסט ווי ווייט ער זאגט דאס מאל אמת. זיינע לעצטע ווארטער זיינען שוין ניט געוועזען קיין פוסטע מליצות צו בעשיינען די דרשה, נור דער אמת אלליין.

פונדעסטוועגען זיינען אין א זייט טיש געשטאנען צוויי מענשען, וועלכע, ווי ס'ווייזט אויס האבען זיך ווענינ וואס געזאגט פון דעם קיסר'ס שטרענגע ווארטער, און ווען נירון וואלט געקענט גוט זעהען זייער געזיכט, וואלט ער דארטען בעמערקט א פערבארגענעם געלאכטער, איבערהויפט האבען זייערע אויגען געפונקען מיט א פייערעל פון פעראכטונג.

— מיט אייזען — האט זיך איינער פון זיי אבגערופען אַ אַלטער מאנן מיט אַ שטעקען אין דער האנד און אַ טארבע אויף די פּלייצעס — גוט, ווער ס'בעהילפט זיך מיט אַ מעטאלל מוז פון אַ מעטאלל אונטערגעהען.

— איי — האט מיט אַ שמייכעל געענטפערט דער אנדערער אַ מאנן פון מיטטעלע יאהרען מיט אַ רויט בארדעל — דיר ליעגען אַלץ נאך די נארישקייטען אין קאפּ, זיך ניט צו אנהויבען מיט זיי. אויף וואס טראגסט דו דענן אַ שטעקען, הא? ווייל דו האסט מורא פאר הינד, גלויב מיר כ'קענן מיך שוין גאנץ גוט אויף דיינע חכמות, איך זאג דיר נאך אַ מאל, מיין קינד אין גרויע האר, אז שטארקער פאר אַללע מעטאללען און רוחניות איז גאלד. כ'בין איבערצייגט אַז היינט נאך וועט וועספּעסיאן מיט מיר אַ שמועס מאכען מכח גאלד; פאר מיר איז קיין סוד אַז דער גרויסער בעזיגער האט ניט מיט וואס צו צאהלען די לעגיאנען, וועלכע ער וויל פיהרען אויף יהודה.

— און דוא וועסט מיט דיין געלד שטיטצען דעם שונא פון דיין פאלק?

— געלד וועל איך איהם ניט זאלעווען.

— כ'פערשטעה ניט די כוונה, דורך דיין געלד מוז דאך יהודה אונטערגעהען?

— ניין, מיין גאלד וועט געשווינדער אומגליקליך מאכען די, וועלכע פערלאזען זיך נור אויף דעם אייזערנעם מעטאלל, וואס מעהר זיי וועלין זיך פערלאזען אויף דעם אייזערנעם גאטט, שטארקער וועט ווערד דער גאלדענער, און דאס מעטאלל וועט ווערד אַ מושל איבער די גאנצע וועלט...

וועספּעסיאן האט צום לעטצטען מאל אנגעקוקט די טייערע שיפף, מיט וועלכער נירון קיסר איז אבגעפאהרען און דער בעזיגער פון בריטאניע האט טיראניש אַ שמייכעל געגעבען.

— ס'איז אונז בעשערט אַ אומגליק — האט ער זיך אבגערופען צו זיין זוהן טיטוס — יהודה איז ניט בריטאניע — מיט זיי אַ מלחמה צו האבען איז גלייך ווי כ'זאלל וועללען איינגעהמען די רוישענדע חוואליעס פון ים. אה, כ'קענן גוט דאס פערעקשענטע פאלק — געגען איהם העלפט ניט קיין גבורה און מיליטאר.

— וואס פאר אַ ווערט קענן אבער האבען אַזא קליין פאלק געגען די גרויסע רום מיט איהרע צוויי הונדערט מיליאן איינוואהנער? — האט זיך צו היטצט דער יונגער טיטוס און ניט וויללענדיג אַ חאפּ געגעבען מיט דער האנד דעם שפּיטץ פון זיין שווערד.

— טיטוס! טיטוס! דו ביסט נאך גאר אַ קינד — האט איהם דער פאטער געענטווארט מיט הארץ — יודען קענן מען אויסשיססען, אבער ניט איינגעהמען, קוואהללען, אבער ניט אויבראטען, זיי האבען אין זיך אַ זעלטענעם כח, זייער אמונה, זייער במחון איז ניט צו פערשוואכען און צו בעזיגען — דער קיסר האט רעכט געהאט,

ווען ער האט געזאגט אז יהודה האבען ניט געקענט איינגעהמען ניט מצרים און ניט די שטארקסטע פעלקער אשור און בבל.

— מיר מוזען זיי אבער איינשטילען, פעטער! דעם קיסרס ווילען איז גראס־סער פאר זייערע עקשנות.

— איינשטילען, מיין זוהן, הייסט נאך ניט גובר געווען.

— מיר ווייסען דאך אבער אז ס'זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האבען זיי אפילו איינשטילען אויך ניט געקענט, אקליינע חרפה האט אנגעטהון רום צעסטיוס גאללוס מיט זיין מפלה?

— אויך אמת... כ'האב אבער געהערט מן הצד אז צעסטיוס האט ניט בע־צאהלט דעם מיליטאר זייערע שכירות אין דער צייט.

— דאס איז א שאנדע פאר רום — האט טיטוס זיך נאך אמאל צוהיטצט — דו מוססט, פאטער, דערפאר די לעגיאנען בעפריעדיגען.

— געוויסס, כ'ווייס זאגאר אז דער 15 לעגיאן, וועלכער איז יעטצט אין מצרים האט שוין לאנג ניט געקריגען קיין שכירות. דעם לעגיאן ברויך איך גערארע נאטיג, כ'האב מיט איהם איינגענומען בריטאניען...

די בלייבסט דער אנפיהרער פון דעם לעגיאן און כ'האף אז ניט ווייניגער וועלען די סאלדאטען ליעב האבען דעם זוהן ווי אמאל דעם פאטער.

— מיין בעסטען דאנק, פאטער, — האט מיט געפיהל געזאגט טיטוס — דו טהוסט מיר אן גרויסס כבוד, כ'מוז דיר אבער בעמערקען, אז דאס געלד, וואס קוממט די סאלדאטען פון דעם לעגיאן קענן אבקיהלען אמאליגע ליעבע און אריינברייננגען אין א שנאה צו דעם זוהן.

— אויף ריכטיג... נור ניששט קשה, אויף אלץ איז דא א עצה, אט דארטען זעהסט דו שטעהט דאס געלד אלליין — האט וואספאסיאן א שמייכל געגעבען און אנ־געוויזען מיט די אויגען אויף די צוויי מענשען, דעם אלטען ארעם געקליידעטען מאנן און דעם יונגען מיט דער רויטער בארד.

— א גריסס צו דיר. בעריהמטער בעזיעגער פון בריטאניען — האט מיט רעספעקט געזאגט דער מאנן מיט דער רויטער בארד, ווען ער איז צוגעגאנגען עטוואס נעהענ־טער צום וועספאסיאן — בעללאנא 1) מעג שוין אנגרייטען איהרע לארבער־קראנץ צו בעפוצען מיט זיי דעם קאפף פון דעם גבור וועלכער וועט איינשטיללען די אונרו־היגע און וויעדערשפענסטיגע יודען.

— צו זאממען מיט ברנבא בן יהושע? — האט וועספעסיאן געפרעגט מיט א שמייכעל.

— דער איידעלער וועספעסיאן ווייס גאנץ גוט אז ברנבא בן יהושע איז ניט

1) בעללאנא — די גאטטין פון מלחמה.

קיין מורד במלכות, כ'האב שטענדיג טריי געדיענט רום — האט דער מאנן מיט דער רויטער בארדעל געאנטוואָרט.

— ניט דו, בר־כוכבא, נור דיין גאָלד האט געדיענט רום — האט וועספּאַסיאַן ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

הא, דער נייער דיאַגענוס[1]) איז אויך דא? — האט ער פריילין ווידער געזאגט, ווען ער האט דערזעהן דעם אַלטען מאנן מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס. דער אַלטער האט זיך געלאַסטען און געהאַרזאם אַ נייג געגעבען.

— און דיין גאָלד, געעהרטער סאלאַפּיל, האט אויפגעהערט צו דיענען רום — האט זיך אָבגערופען וועספּאַסיאַן אויך מיט אַ נייג — וואו איז עס אַהינגע־געקומען?

— צו טיילס און צושפּרייט צווישען אָרעמע שלעפּערס — האט איראָניש און מיט אַ געלאַכטער אַ שאָקעל געגעבען בר־כוכבא — און היינט איז ער אַליין געוואָרען אַ מלך אביון.

— כ'בין ניט קיין בעטלער, נור אפשר פיעל רייכער פון דיר — האט רוהיג געאַנטוואָרט דער אַלטער סאלאַפּיל.

— אַ אַלטער נאַר — האט זיך בר־כוכבא אויסגעלאַכט אויפ'ן גאַנצען קול — ער האט זיך איינגערעדט אַז יענער תאַללאַנט[2])، וועלכען ער גיבט די אָרעמע לייט, וועט פון דעם "דאָרטען" זיבען תאַללאַנטען, און וואָ איז דאס דער "דאָרטען" ווייסט ער אַליין ניט, אויסטערדעם הערט ער ניט אויף צו לערנען זיין באַרישע תורה, אַז ווער ס'נעהמט ביי דיר צו דעם ראָק זאַללסט דו איהם געבען אויך דיין העמד, אויב ווער וועט דיר אַ פּאַטש געבען אין איין באַק זאַללסט דו איהם אונטערשטעללען די צווייטע.

— כ'האב אויך געהאָרט די פּוסטע רייד — האט גלייכגילטיג געענטפערט וועספּאַסיאַן — אוודאי נאך זיין תורה קומט אויס אַז באַלד יעטצט האבען איערע ברידער אויסגעפּאַטשט רום די לינקע באַק דורך צעסטיוס גאַללוס, בעדאַרף דער קיסר מיך היינט אויסשטעללען פאר אַ נאַר, כדי איהר זאָללט דרייסט ווייטער קענ־נען פּאַטשען אין רומס רעכטע באַק.

— אָה, ניין, דערצו וועט קיין מאָל ניט קומען! — האט מיט היטץ זיך אָבגע־רופען דער יונגער טיטוס.

— וואוהין האסט דו בדעה צו געהען, סאלאַפּיל? — האט וואספּאַסיאַן איהם גע־פרעגט — ווי כ'זעה שטעהסט דו אויף די רייזע.

— יאָ, כ'געה קיין יהודה צו מיינע ברידער.

— בונטעווען די יודען? — האט ווייטער מיט אַ שמייכעל געפראָגט דער רוימישער אַנפיהרער.

1) דיאַגענוס — אַ בעוואוסטער גריכישער פילזאָף.
2) תאַלאַנת — אַ רוימישע גאָלדענע גרויסע מטבע.

— נײן, עדלער וועספאסיאן, כ'מײן ניט צו בונטעווען, נור בערוהיגען, אײנשטיללען. דעם קיסר קוממט זײן כבוד וער ס'איז מורד במלכות טהוט א עבירה.

— דײן תשובה פאסט גאר פאר א רומער אבער ניט פאר א יודען. צײטענווײז האב איך מיטלײד אויף דיר וואס דארטען — און בײ די ווארטער האט וועספאסיאן אנגעווײזען אויף דעם מח — בײ דיר איז ניט אלץ אין ארדנונג. ווירקליך א שאד, דײן געלד האט מיר אמאל געהאלפען אײנצונעהמען בריטאניען. ווא איז א היגעקוממען דײנע עשירות.

— מײן געלד, עדלער וועספאסיאן, האט יעצט אײנגענוממען א פיעל שטארקערע מלוכה ווי רום און זײן ממשלה וועט א סך לאנגער דויערען, האט דער אלטער געאנטווארט.

— משוגענער, דו ביסט אלײן משוגע און דײנע ווארטער זענען ווילד — האט וועספאסיאן הויך געזאגט און א מאך געגעבען מיט די פלײצעס, געה-זע בערוהיג דײנע ברידער און נאכדעם וועלל איך קוממען אײנצושטיללען די יודען, און מיר וועלין זעהען וער ס'טויג זיך בעססער, דײן שטעקען אדער מײן שווערד... דו אבער ברנבה בן יהושע געה מיר נאך, מיר האבען נאך בײדע צו בעזארגען א וויכטיג געשאפט.

כ'האב עס באלד געוואוסט — האט דער יוד געאנטווארט און ער איז נאכגעגאנגען דעם רומישען אנפיהרער.

II.

דער רומישער העלד מיט דער יודישער פרינצעססין.

א שטילע שאנע נאכט אין גליל 1). די פוללע לבנה בעשײנט הערליך דעם שרעקליכען רומישען לאגער, וועלכער האט זיך צושפרײט אויף עטליכע קוואדראטנע ווארסט בײ די גרויסע אונמוטיגע וואנד פון יותפת, די גלילשע פעסטונג, אין וועלכער ס'האבען זיך צוגעשלאססען די יודישע העלדען אונטער דער קאמאנדע פון דעם בעריהמטען אנפיהרער יוסף בן גוריון הכהן, וועלכער איז בעוואוסט מיט זײן צונאמען „יוסיפון" אדער ווי מען רופט איהם אין רום יוסף פלאוויוס.

א וואונדער שאנע גאטליכע נאכט פון יהודה! און ס'דאכט זיך אז דער גרויססער גאטט פון די יודען, דער בורא, וואס האט בעשאפפען די נאכט ווי אויך די גאנצע וועלט, ארך אפים ורב חסד — דער גוטער און בײזער גאטט פערשײנט עקסטרא מיט

---

1) גליל — א פראווינץ פון דער יודישער מלוכה.

די וועלטענע נאכט די פינסטערע טאג, וועלכע זיין אויסגעקליעבען פאלק פערברייננט יעטצט. די נאכט מיט זייער רוהיגען שיין זאללען ווי א באלזאם היילען די וואונדען פון די דערשלאגענע, בערוהיגען די געזונדטע נור אויפגערעגטע הערצער, איינשטיללען די טרערען פון די עלענדע אלמנות אונ יתומים, וועלכע ווערען וואס אמאל מעהר אין דער אומגליקליכער יהודה.

א געטטליכע נאכט!

אויף יותפת'ס שטארקע וואנד, אויף איהר הויכען שפיטציגען טהורם בע־ווייזען זיך שווארצע שאטענס. אין דער טוידטער שטיללקייט פון דער איינגעשלאפע־נער פעסטונג שפירט מען א אבקלאנג פון א שלעכטע בשורה אונ די שאטענס, וועל־כע שלאגען זיך אב אויף דעם פלאטץ צווישען דער האלב איינגענומענער פעסטונג אונ דעם שרעקליכען שונא'ס לאגער זעהען אוים ווי א פינסטערער בית הקברים.

אונ די פאלאטקעס פון דעם רוימישען לאגער זיינען בעדעקט מיט דעם זילבער־נעם שיין פון דער פוללער לבנה, אינמיטטען לאגער זעהט אוים ווי א פאנטאזישער טעמפעל וועספאסיאנס הויך געבוידטער געצעלט, פון איהם שלאגט זיך אב אשאטען אויף טיטוסעס פאלאטקע, אין וועלכער ס'בראנדט זיך נאך א קליין פייעריל. דערנע־בען נוארפען זיך אויך אין די אויגען די שפיטצען פון אגריפוס דעם II פאלאטקעס, דאס איז דער לייכטזיניגער יודישער מלך, וועלכער האט זיך פרייוויליג איבערגעגעבען אין רומ'ס האנד. נאכדעם געהען די געצעלטען פון די איבריגע קאניגען. וועלכע בעגלייטען וועספאסיאנען אין זיינע מלחמות. ניט ווייט פון די גראבענס. ביי די טהויערען פון לאגער גיבט צייטענווייז א בלישץ די שיין פון דער לבנה אונ א שפיטץ פון דעם וואכטערס שפיז, אונ ס'דויערט אבער ניט לאנג אונ די שיין פערשווינדט שנעלל, גלייך ווי א אויסגעלאשענער, פערוועלגערטער פונק פייער. אויף די בארג ארום יותפת קוויטשען אונמוטיג די פייגעלעך. שטילל שפרייזען ארום איבער די וואנד פון דער איינגעשלאפענער פעסטונג די יודישע וואכטערס אויף זייער קאראאול. וואס וועט מארגען ווערען מיט דער פעסטונג, וועלכע מוז דאך סוף כל סוף אונטערגעהען, זי וועט דאך ניט ביישטעהען געגען דעם גרויסען אונ שטארקען שונא..... ווי ווייט די אויג קענן נור דאפען מיט דער שיין פון דער לבנה איז ניט מעהר צו זעהען ווי פאלאטקעס אונ פאלאטקעס...

פון וואו נעהמען זיך אזוי פיעל מענשען, אזוי פיעל מיליטאר? דאס אלץ פער־מאגט רום, די שטארקע רום...

פון טיטוסעס פאלאטקע איז ווער א רויסגעגאנגען...

דאס איז ער אליין, דעם אנפיהרערס זוהן, דער פאלקאווניק פון דעם 15 לעגיאן, וועלבער איז ביז יעצט געווען אין מצרים. דער יונגער פולקאווניק שלאפט ניט אונ ס'איז אויך ניט קיין וואונדער, קענן דענן איינשלאפען א פינפאונד צוואנציג יאהריגער

רוימער אין אזא הערליך וואונדער שאנע נאכט, ווען די ליכטיגע זון פון יהודה האט אליין אריינגעקוקט צו איהם אין הארץ.

היינט האט איהם דאך די קלוגע און שאנע בעריהמטע בערעניקה דעם מלך אגריפוס'ם שוועסטער געזאגט:

— דו ווילסט כ'זאלל ווערען דיין ווייב? טא מאך א תל פון די בונטאווציקעם אין יותפת און גיב מיר, מיט מיין ברודער א וועק צוריק די מלוכה אין ירושלים, וועלכע די יודען האבען פון אונז מיט גוואלד צו גענומען.

טיטוס געדיינקט גוט די ווערטער וועלכע לאזען איהם ניט א אויג צו מאכען. אם יעטצט שטעהט ער אויך איינגעוויקעלט אין זיין טאגע [1] אנגעשפארט אן א כמאט און ווארפט זיין בליק אויף דעם שונא'ס פעסטונג.

ביי איהם אין קאפף קוממען פאר פערשיעדענע בילדער פון זיין יוגענד. ער דערמאנט זיך יעטצט פערשיעדענע צייטען פון זיין לעבען און קיין מאל האט איהם דאך דאס הארץ אזוי הייסם ניט געקלאפט, עפעס בראנדט דארטען ווי א פייער, וועלבער וויל זיך ניט לעשען, פון קינדווייז אן געהט ער נאך זיין פאטער אין די מלחמות. ער האט מיטגעמאכט אלץ, געווען אין דער הייסער אפריקא און פערמרהשחורה'טע בריטאניען און שטענדיג איז ביי איהם געווען נאר איין געפיהל: מלחמה, איין גאטט: מארס, [3] פערגיססען בלוט, בעזיגען יענעם, צוגעהמען ביי דעם שונא דאס שאנסטע און דאס בעסטע, אויף א זעלכע דרכים איז ער געווען ערצויגען, און דער יונגער טיטוס האט היילג געגלויבט אז ס'קענן גאר קיין מאל ניט זיין אנדערש...

פלוצלונג אבער איז אין א פיתולמא געקוממען דער יודישער מלך אגריפוס דער צווייטער מיט זיינע 40 טויזענד סאלדאטען, וועלכע ער האט געבראכט צו שטיטצען וועספאסיאנען קעגען די געוועזענע אונטערטאנער זיינע די יודישע בונטאוויציקעם.

מיט אגריפוסען איז מיט געקוממען זיין שוועסטער בערעניקה, און טיטוס האט מיט איין מאל זיך ארומגעזעהען אז אויסער מלחמה זענען דא נאך פיעל אנדערע עדעלערע געפיהלע אז „אמאר" [2] האט נאך א גראססערע דעה ווי מארס [1] און אין דעם יונגען רומישען העלדענס הארץ האט זיך אנגעצונדען דאס פייערעל פון ליעבע...

— ווער געהט? — האט איבערגעהאקט, זיינע געדאנקען דעם וואכטערס קול.

טיטוס האט זיך אומגעקעהרט און די שיין פון דער לבנה איז געפאללען אויף זיין געזיכט. דער וואכטער פון קאראאול האט דערקאנט דעם יונגען אנפיהרער און איז געבליבען שטעהען מיט רעשפעקט.

— היינטיגער פאראל [1]? — האט טיטוס געפרעגט עקסטרא צו פרובירען אויב דער וואכטער געדיינקט דעם סוד

— בערעניקה — האט שטיל געענטווערט דער סאלדאט.

טיטוס האט א ציטטער געגעבען. ערשט יעטצט האט ער זיך דערמאנט אז זיין פאטער האט אויף היינטיגע נאכט אויסגעקליבען אלם געהיים-צייכען גראדע דעם נאמען פון דער יודישער פרינצעססין.

און אומרוהיג, כדי זיך עטוואס צושטרייען איז ער ווייטער אוועק צווישען די פאלאטקעס...

יא, בערעניקה האט איהם טיטוסען מנצח געווען, זי האט איהם ארומגענומען פון אללע זייטען און ער ליעגט יעטצט ביי איהר צו די פיסס ווי געבונדען. נאך לאנג נאך האט ער געהערט אז זי איז זעלטען שאן און דעליקאט. איהם האט זיך אבער קיין מאל, זאגאר ביי דער גראססטער פאנטאזיע ניט געחלומט, אז א מענש קענן אזוי שאן אויסזעהען. דאס איז ניט געווען קיין מענשליכע פרוי, נור א מלאך פון שאנהייט, אין וועלכער יעדעס גליעד איז ארטיסטיש געשניצט, יעדע בעוועגונג האט א בעזונדערען חן.

— בירעניקה. בירעניקה! — האט ער וויעדערהאלט איינינגע מאל און איז בייז גע־ווען אויף זיך אליין וואס ער, טיטוס קענן אויף איין סעקונדא, אן איהר ניט פער־געססען.

אין די זעלבע צייט האט זיך בערעניקה אויסגעצויגען אויף דעם געלאגער אין דער פאלאטקע און געפיהרט א געשפרעך מיט'ן ברודער אגריפוס.

— דו האסט בעמערקט? — האט זי געפרעגט — אז היינט ביי נאכט האט וועס־פאסיאן געגעבען מיין נאמען אלם צי'כען אויף דעם פאראל?

— יא, כ'האב עס בעמערקט — האט זיך אבגערופען אגריפוס מרה-שחורהדיג.

— דאס איז אלץ צוליעב דיר, מיין מלך — האט זי וויעדער געזאגט מיט א וואונק.

— וואס הייססט צוליעב מיר? — האט אונצופריעדען געפרעגט אגריפוס.

— ווייל מיין נאמען איז א סגולה פאר דעם רומישען אנפיהרער וועלכער בע־דארף דיר אוועקצוגעבען די פערלארענע מלוכה.

כ'האב מיין מלוכה קיין מאל ניט פערלאהרען — האט שטאלץ געענטווערט אגריפוס.

— וואס הייססט, דו פיהרסט עס אפשר מיט אונטער דעם זאטעל פון דיין פערד, אויף וועלכעם דו טרייסעלסט דיך גלייך ווי א געפאנגענער, געבען וועספעסיאנען און זיין זוהן טיטוס?

---

1) פאראל — א אפגעמאלטער צייכען אויף יעדער נאכט אין דער מלחמה צו דערקענען אויב צווישען דאס מיליטער זיינען ניט דא קיין פרעמדע שפיאנען.

די פראגע האט בערעניקה ארויסגעזאגט מיט א לייכט פערבארגענעם איראנישעם שמייכעל.

— וואס זאללען מיר דיינע וויטצען, איך און ניט קיין אנדערער בין דאך דער מלך פון יהודה! — האט זיך געשטארקט צו פערענטווארטען אגריפּוס.

כ'וויים נור איינם, אז א יודישער מלך בעדארף צו זיצען אין ירושלים אויף זיין טראן, דארטען וואו ס'זענען שטענדיג געזעסען דודס און זאגאר הורדוס'ס קינדער... דיך אבער וועט דאך „דער געלער" אפילו אין יוחפת ניט אריינלאזען, גלייך ווי דו וואללסט געווען א חדר-יונגעל, וועלבער האט געזינדיגט און מוז דריבער שטעהען אין דרויסען, אדער אין ווינקעל.

בערעניקה האט זיך ניט אויפגעהערט צו רייצען מיט דעם לייבליכען ברודער.

— „דעם געלען" מיינסט דו געוויסס אויף יוזעף פלאוויען? — האט ער געפראגט און זיין קול האט געציטערט.

— געוויסס... אט ער, זעהסט דו, הייסט דער ווירקליכער מלך פון יהודה... איהם האט מען אויסגעקליבען צו שיטצען דיין... פאלק. דיין פאלק... חא חא, חא... ווי קאמיש די צוויי ווערטער קלינגען.

אגריפּוס איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און מיט שנעלע טריט אנגעהויבען צו שפּרייזען איבער'ן צימער.

— דו האסט מיך קיין מאל ניט געפאלגט — האט ווייטער בערעניקה אנגעהויבען דאס איהריגע — אפילו דעמאלט ווען איך האב דיר אנגעזאגט, דו זאללסט דיך ניט חבר'ן מיט צעסטיוס גאללוס. ער איז געגאנגען אויף יהודה מיט איין לעגיאן, דעם צוועלפטען, האסט דו דענן ניט געוואוסט אז איין לעגיאן וועט ניט איינשטיללען די מרידה אין ירושלים?

— ער איז דאך אבער ניט געווען אליין, מיט איהם איז מיטגעגאנגען דער מלך אנטיכוס, און זיין חיל — האט זיך אגריפּוס ווי פערענטווארט.

— נו, וואס איז, אלץ צו ווייניג... דו זעהסט דאך ווער ס'האט געהאט רעכט, דיינע אונטערטהאנער האבען געמאכט א תל פון צעסטיוס מיליטאר... חא, חא, חא... דיינע אונטערטהאנער, אנטקעגען וועלכע דו האסט דיך גאבגעשלאפט הינטער צעסטיוסען.

— זעהסט דו, יעטצט איז גאר אנאנדער זאך. היינט שטעהען געגרייט דריי לעגיאנען, דער 5-טער דער 10-טער און דער 15-טער, וועלכער געהערט צו טיטוסען. פערגעס ניט אויך אז אין אפיתולמא זיינען צוגעקומען צו די דריי לעגיאנען נאך אכטצעהן קאהארטען [1] און פינף קאהארטען רייטער זיינען געקומען פון קסרמה.

[1] קאהארט — א פולק.

אויסמערדעם שטעהען נאך געגרייט 5 ריישע קאנארטען, בערעכען אלזא, ווי שטארק, און ווי גרויסס איז אונזער מחנה.

— אונזער מחנה? — האט מיט פעראכטונג אציה געגעבען די פלייצעס דער גע-וועזענער יודישער מלך.

— גאנץ געוויסס אונזערע — האט שטאלציג געאנטוואָרט בערעניקה — אזוי לאנג ווי דער שטארקער לייב וועספעסיאן קוקט מיר גלייך אין די אויגען און לעקט זיך דאבי צו, און ביי זיין זוהן טיטוס שטארבען אב אללע גליעדער פון איינעם מיינעם א קוק... איז די מחנה אונזערע. נאך א מאל זאג איך דיר בערעכען נור ווי שטארק און ווי גרויסס איז אונזער מחנה.

— נו, זאלל שוין זיין „ביינע" — האט א מאך געגעבען מיט דער האנד דער מלך אהן א מלוכה.

— דריי לעגיאנען איז 30000 מענשען — האט דערנוייל ענערגיש גערעכענט הור-דוסעס עניקעל — צעהן קאנארטען יעדערע צו טויזענד איז ס"ה צעהן טויזענד, 13 קא-נארטען א 600 איז 7800 — צעהן ראטעס ברייטער צו 120 איז 1200. פרעמדע פולקען צו-זאממען איז 10500 יעצט בערעכען.

— עס איז שוין לאנג בערעכענט.

— נו... זעהסט דו שוין אז מיר פיהרען מיט אונז מעהר ווי 60000 טוידטען.

— טוידטען, זאגסט דו, פאר וועמען?

— פאר דיינע שונאים... אויף אזא מאססא האט זיך „דער געלער" ניט גע-קעננט רעכענען... איהם האט זיך געדאכט אז קוים וועט ירושלים איהם אויסקלייבען פאר א הויפט-מאנן, וועל איך ווערען זיין טייב... ער האט עס מיר זאגאר געגעבען אנצוהארענם.

— ווער יוזעף פלאוויוס? — האט שוין ביים געפרעגט אגריפוס וועלכער איז גע-ווארען בעריהרט פון דער שוועסטערס לעטצטע ווארטער — און דו האסט מיר קיין מאל ניט געזאגט דערפון.

כ'האב דיר געוואללט פערשפארען דעם צער, ווייל ביי דעם אלעמען האב איך דאך ליעב מיין טייערען ברודער... און „דער געלער" איז דעמאלס געווען שטארקער פאר דיר... איהם איז ניט שווער געווען דיך אומצוברייננגען, אבי נור צו ערגרייכען זיין ציעל...

דאס וואס אגריפוס איז יעטצט געוואהר געווארען פון דער שוועסטער, האט איהם שרעקליך אויפגעבראכט. דער שוואכער יורש פון הורדוסעס קרוין, דער מלך אהן א אייגענעם ווילען און כאראקטער, איז ביים געווארען ניט אויף א געלאכטער, און ניט קיין וואונדער.

ער האט דאך אזוי פיעל געטרויט דעם „יוסיפון". איינעם פון זיינע בעסטע בעקאנטע, דער יוסף האט איהם דאך שטענדיג געהייסען לעבען גוט מיט די רוימער

און שטענדיג איהם געשטעללט אלס ביישפיעל דעם מלך הורדוס, וועלכער איז געווען דער קליגסטער און פעהיגסטער פון אללע מלכים, וועלכע האבען געקעניגט נאך די חשמונאים. אין הורדוסעס צייטען איז יהודה געווען גרויסס און שטארק און פאר איהר כח און קראפט האבען געהאט דרך־ארץ אללע נאהענטע און ווייטע שכנים.

— געה אין הורדוסעס וועגען — האט דער יוסיפון איהם תמיד געזאגט.

און פלוצלונג ווערד דער יועץ אליין א געגנער פון רוים. נאך וועניג די איינע פאלשקייט גראבט ער נאך אונטער זיין גוטען פריינד, אגריפוסעס טראן...... איהם ווילט זיך גאר האבען בערעניקה'ן פאר א ווייב און ער אינטריגירט אזוי מאוס, אזוי פאלש...... ער געהט איהם, דעם מלך צונעהמען דעם טייערסטען אוצר די קלוגע און שאנע שוועסטער! א חוצפה, א העזה! צו זאגען בערעניקה'ן מיט איהר חתונה צו האבען און צוזאממען בערויבען דעם ברודער די קרוין.

אגריפוס האט געווארפען א בליק אויף דער שוועסטער. זי איז געלעגען מיט צו געמאכטע אויגען.

— כ'וויל שלאפען, געה אוועק — האט זי געזאגט שטיל — כ'וויל איינשלאפען עהדער ס'וועט זיך אנהויבען דער צוטריט צום פעסטונג.

— היינט אין דער פריה וועט מען דענן צוטרעטטען? — האט ערשראקקען געפראגט אגריפוס.

— דאס האסט דו אויך ניט געוואוסט, גרויסער קעניג! — האט בערעניקה געפראגט מיט א שמייכעל.

אגריפוס האט נאך אמאל אנגעקוקט די שוועסטער און האסטיג ארויסגעגאנגען פון פאלאטקע.

III.

א פערשטעללטער הונד.

אין איינער פון די ווייטערדיגע פאלאטקעס בראנדט נאך אויך א פייערעל, דארטען וואהנט דער רוימישער מלוה, דער רייכער יוד ברנבה בן יהושע, מיט וועלכען מיר זיינען שוין בעקאנט פאן פריהער. ברנבה שטעללט צו געלד און פראוויאנט פאר די רוימישע מיליטאר. זיינע אגענטען און קאממיסיאנערען זיינען שטענדיג געווען אין דער וועגענס צווישען יהודה, שומרון און גליל און זיי האבען מעהר און בעססער געוואוסט ווי וועספאסיאנס שפיאנען, וואס טהוט זיך אין דעם שונא'ס לאנד.

ביי ברנבהן און פאלאטקע זיצט אויך אונזער א אלטער בעקאנטער, דער פרומער

סאַלאַפּיל, אַ מאַליגער גביר און היינט אַ אָרעמאַנן מיט אַללעמען צו גלייך, ווייל ער האָט זיין פערמאָגענס צוטהיילט צווישען אביונים.

— זיי פיהרען זיך אַלליין איבער, מיט די אייגענע האַנד פיהרען זיי זיך איבער, ווייל זיי האָבען פערבלענדעטע אויגען און זעהען ניט, וואָס גלייך איז — האָט דער אַלטער גערעדט ווי צו זיך, שאַקלענדיג מיט'ן קאָפּף — זיי ווייסען ניט אַז „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי" דאָס שלעכטס קענן מען ניט מנצח זיין מיט'ן קולאַק.

— האַ, דו הייבסט שוין ווייטער אָן מיט דיינע נאַרישקייטען. דערצעהל מיר בעססער, וואָס טהוט זיך יעטצט אין ירושלים און אַנדערע יודישע שטאָדט, דו קוממסט דאָך נור וואָס פון דאָרטען. זאָג וואָס האָרט מען. זיי וועללען אפשר קוממען העלפען אונזערע ברידער און יותפת?

— דערווייל נאָך ניט — האָט ערנסט געאַנטוואָרט דער אַלטער סאַלאַפּיל — גאַנץ יהודה איז ווי צומישט. אַז אָך איז און וועה דעם יודישען פאָלק! ס'איז שוין געקוממען אַ סוף אויף אונז... גאָטט אַלליין וויל ניט העלפען זיין היילינג פאָלק און שטאָדט.

— די זעלבע ווערטער האָט אַמאָל מיין פאָטער אויך געזאָגט, ווען מיר זיינען אין הורדוסעס צייטען אַריבערגעפאָהרען קיין רום — האָט זיך אָבגערופען מיט אַ שמייכעל ברנבה — פונדעסטוועגען עקזיסטירט אונזער פאָלק נאָך ביז היינט, לאָז אָב דיין מוסר, און זאָג מיר בעססער, ווי זעהט יעטצט אויס ירושלים, אויף וואָס האָפּען זיי דאָרטען.

— אויף וואָס קענן דענן האָפּען די פערצווייפלונג? אויף וואָס קענן זיך פער-לאָזען דער משוגענער יאוש? די איינציגע טרייסט איז דער טויד, די איינציגע האָפּ-נונג איז צו שטאַרבען און זיך ניט אונטערצוגעבען, אַך קינדער, קינדער! — האָט סאַ-לאַפּיל מיט כח ווייטער געזאָגט — ווי לאַנג נאָך וועט איהר שטיפּען? אַז צעסטיוס מיט זיינע לעגיאָנען זענען פערטריעבען געוואָרען פון ירושלים האָבען אונזערע יודעלעך ניט געוואוסט וואָס-צו טהון פון גרויס שמחה... אין גאַנץ יהודה, שומרון אין דעם גליל האָט מען נאָר געהאָרט איין געשריי:

— צו געוואָהר! צו געוואָהר! די מלאכים פון הימעל וועללען אונז העלפען.

— דאָס איז אַ שוואַכע שותפות — האָט מיט אַ שמייכעל געאַנטוואָרט ברנבה — ערשטענס בעדאַרף מען זיי נאָך פרעגען אויב זיי ווילען.

— נאָך דעם גרויסען נצחון — האָט דערווייל סאַלאַפּיל ווייטער ערצעהלט — האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אסיפה אין בית-המקדש. מיר האָט עס פערטרויט אליעזר בן שמעון. באַלד זענען אויף דער פערזאַממלונג אויסגעקליעבען געוואָרען די אַנפיהרער פון פאָלק. שמעון בן גוריון און דער כהן גדול ענן. די אויסגעקליעבענע האָבען געקראָגען די גאַנצע ממשלה איבער די שטאָדט און זיי זענען געוואָרען בע-פאָלמאַכטיגט אויפצופרישען די צובראָכענע טיילען פון די שטאָדטישע וואַנד.

— וואָס קוממט אַרויס פון די וואַנד — האָט טרויעריג אַ שאָקעל געגעבען:

קאפף ברנבה — וועספאסיאן האט אזעלכע תאראנעם [1] וועלכע קענען צושמעטערען ניט נאר וואנד פון ציעגעל, נור זאגאר בארג פון שטיינער.

סאלאפיל האט ניט בעמערקט זיינע ווארטער ווייטער ערצעהלט.

דאס גאנצע לאנד האט מען צוטהיילט אין דריי טהיילען צווישען דעם כהן גדול יוסף בן שמעון, מנשה אונ יוסיפון, וועלכע זיצט דא אין יותפת.

— „דער געלער" איז א בריה א יונג — האט ברנבה אשמייכעל געגעבען - מיט איהם מאכט מען וואס מען וויל, צום קויפען אונ צום פערקויפען...

ער איז א מאל ביי מיר געוועזען אין רום איך האב איהם בעקאנט געמאכט מיט טאציטען [2] וועלכער איז פון איהם געוועזען ענטציקט.

— כ'ווייסס.. ער פלעגט דאך ביי מיר אין שטוב אויך אריינקומען... דעמאלס בין איך נאך געוועזען משוגע אונ רייך.

באכט זיך מיר פערקעהרט, די ערשטע מעלה האסט דו יעטצט געקראגען...

— אפשר אויך... כ'וועל מיך מיט דיר ניט שפארען נור יא, וואס האב איך געוואללט זאגען... דער יוסיפון האט דעמאלט אינטערעססירט זאגאר דעם קיסר ב־לליין.

— וואס איז דא צו רעדען. „דער געלער" האט אגרעססערן ווערט פאר וועספאסיאנען, ווי גאנץ יותפת... דו זעהסט ווי ער האט פערפעסטיגט דעם אדלער־נעסט... אין ירושלים זענען שוין די וואנד אין ארדנונג?

— יא, דער כהן גדול ענן טויג זיך דערצו.

— אונ אנשי־חיל פעהלען ניט דארטען?

— יעטצט גיבט גאר ניט קיין ספעציעלע חיל יעדער מענש איז א סאלדאט, טאג אונ נאכט וועסט דו נור הערען אין ירושלים ווי עס קלאפען זיך אב די האממערס אין די קאוואדלעס... אומעדום אויף די דאכער, אויף די גאססען, אין בית־המקדש־הויף, מיט איין ווארט, איבעראלל שמידט מען פיקעס, פיילען, פאנצערען אונ אנדערע געוואהר, דאס יונג־ווארג שרייט אין איין קול: אונזערע אבות האבען אראבגעווארפען פון זיך דעם עול פון מצרים אונ פון בבל, יעטצט האלט עס אן אונז, מיר זאללען אויפהערען צו זיין עבדים ביי רום.

— אך! — האט א זיפץ געגעבען בארנבה — דערווייל קענן איך נאך ניט א פאלק, וואס זאלל אזוי גיך פטור ווערען פון רומ'ס עול.

— די זעלביגע ווארטער האב איך געזאגט אויף ירושלים'ס מויערן, האבען זיי מיך געוואללט מיט שטיינער פערווארפען. איין כהן גדול האט מי־דאך לעבען דערראטעוועט... יעטצט וויל איך נאך פרובירען צו זאגען א פאר אמתע ווארטער דא אין יותפת?

1) תאראן — א ארמאט.

2) טאציט — א רומישער געלעהרטער.

— וואס רעדסט דו, אין יותפת?

— יא, כ'וועלל מיך אריינקריעגען אין פעסטונג און איינרעדען יוסיפון ער זאלל זיך אונטערגעבען.

— ווי כ'זעה איז דיר טאקי צו שווער צו לעבען און דו ווילסט דוקא מען זאלל דיך פערווארפען מיט שטיינער.

— ניין, דא איז אנאנדער זאך... ירושלים-לייט האבען ניט געזעהען די גרויסע מחנה, וועלכע ווארפט זיך דאגעגען דא, אין די אויגען... פון יותפת זעהעט מען דעם שונא'ס גבורה און וועספאסיאנעץ קענן מען ניט גלייבען מיט צעסטיוסען... וואס הארט מען פון אגריפוס דעם מלך?

— דערווייל איז ער א מלך נור איבער זיין פאלאטקע, ניט מעהר.

— מען זאגט אז די שוועסטער מאכט מיט איהם וואס זי וויל.

— נארעלע, בירניקה הערשט, ניט נור איבער איהם, נור קאמאנדעוועט אויך איבער וועספאסיאנען מיט זיין העלדישען זוהן טיטוס.

ווענן זיי האבען אזוי גערעדט צווישען זיך, האבען זיך געלאזט הערען טריט פאר דעם איינגאנג און גלייך נאכדעם האט זיך דער פארהאנג אויפגעהויבען און אין פאלאטקע איז אריין א צענטוריאן [1].

— א גוטען אבענד דעם עדעלען ברנבה — האט ער געזאגט ביים אריינקומען. הינטער איהם האבען זיך בעוויזען נאך צוויי סאלדאטען.

— שלום עליכם!... די גאטין סילענא לאזט געוויסס ניט שלאפען די גרויסע העלדען! — האט א שמייכעל געגעבען יהושוע'ס זוהן.

— ניט סילענא, נור בעללאנא [2] איז אונרוהיג — האט האסטיג געאנטווארט דער ערשטער צענטוריאן.

— אום וואס האנדעלט זיך דענן, עדלער הבל?

— היינט פארטאג איז דער ערשטער צוטריט צו דער פעסטונג יותפת.

— ווי, עס איז שוין בעשטימט — צו בעלאגערען די פעסטונג?

— בעשטימט איז שוין לאנג, נור היינט האט דאס מיליטאר געקראגען א בעפעהל... איך מיט מיין קאנארט מוז ארויסטרעטען אין די ערשטע ליניע... כ'ווייסס ניט ווי מיין מזל וועט דארטען זיין, געשווינדער אבער וועט מיך דער קויל ניט מיידען און כ'שפיער שוין ווי דעם שונא'ס מעססער שניידט מיר דאס לייב — האט רוהיג ערצעהלט דער צענטוריאן — און דאס ווייסט דו דאך אויך ברנבה, אז אין רום האב איך איבערגעלאזט א ווייב מיט קינדער.

— ווער קענן ניט די שיינע קלודיא! — האט יהושוע'ס זוהן געאנטווערט — דיין ווייב איז איינע פון די געהערסטע.

1) צענטוריאן — א אלכטער איבער הונדערט רוימישע סאלדאטען.

2) בעללאנא — די גאטין פון גבורה און מלחמה.

— אלזא, אויב מיר וועט זיין בעשערט צו שטארבען אין קריעג.

— האט ווייטער געזאגט דער צענטוריאן — מוז איך בעצייטענס וועניגסטענס פערזארגען מיין הויז-געזונד, און כ'בין דעריבער אהער געקומען דיר אנצוטרויען אלץ, וואס כ'האב ערווארבען אין דער קריעג און דו וועסט עס איבערגעבען מיין פאמיליע נאך מיין טוידט... דו האב איך מיטגעבראכט צוויי עדות.

— און ער האט אנגעוויזען אויף די צוויי סאלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנגען ניט ווייט — צעטלען צו שרייבען איז יעטצט קיין צייט ניט דא... כ'האב נאך פיעל ארבייט און די מינוטען זיינען געצאהלטע... אלזא, זאג, ברנבה, דו נעהמסט דיך אונטער אויסצופיהרען מיין צוואה.

— מיט דעם גראססטען כבוד, עדלער הבל!

נאך דער תשובה האט צענטוריאן ארויסגענומען פון אונטערן פלאשץ א לעדערנעם זאקעל און עס דערלאנגט ברנבה'ן.

— צאהל עס איבער אים געגענווארט פון די עדות און שרייב עס איין ביי דיר אין בוך — האט ער געזאגט צום יודען.

בן יהושע האט אויפגעבונדען דאס זאקעל, פון וועלכעם עס האבען זיך ארויסגעשאטען גאלדענע מטבעות אויף דעם קליינעם טישעל.

ברנבה האט דורכגעצאהלט דאס גאלד, איינגעשריעבען אין בוך און צוריק פערזיגעלט דאס זאקעל. דעמאלס איז דער צענטוריאן מיט די עדות אוועקגעגאנגען.

— אזוי, איז טאקי פארטאג דער צוטריטט? — האט האסטיג גערעדט צו זיך יהושע'ס זוהן — ס'איז א יושר די מינוט צוויססען צו געבען אין יותפת.

— וואס רעדסט דו? — האט זיך געוואונדערט דער אלטער סאלאפיל — מיט דיין גאלד העלפסט דו דעם שונא און אליין מאכסט דו גאר יד-אחת מיט דעם שונא'ס שונא — די בונטאוויציקעס.

— שווייג — האט ביי געאנטווארט ברנבה — כ'בין א יוד ווי דו און ער איז האסטיג ארויס פון פאלאטקא.

אין עטליכע מינוט ארום איז ער צוריקגעקומען.

— מיין שליח וועט באלד אוועקגעהען קיין יותפת — האט ער ווידער איינגערוימט דעם אלטען חבר אויפ'ן אויער.

— וועט איהם דענן די רומישע הויפט-וואך דורכלאזען? — האט זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערען סאלאפיל.

— א זעלכע שליחים האלט קיינער ניט אויף, פערקעהרט, מען טרייבט זיי נאך וואס שנעללער אוועק — האט זיך ברנבה ווייטער געוויטצעלט.

— כ'פערשטעה א ווארט ניט — האט דער אלטער געמאכט מיט די פלייצעס.

— מיין שליח איז — א הונד.

— פערשטעה איך טאקי ערשט רעכט ניט...

ביי די וואַרטער אָבער האט זיך ווירקליך בעוויזען אויף איין טהורעם פון לאגער א גרויסער הונד, וועלכער איז האסטיג, צוהינקענדיג, געלאפען אהין צו דער פעסטונג.

אין עטליכע מינוט ארום איז דער הונד פערשוואונדען געווארען פון יענער זייט טורעם.

IV.

די ערשטע פרובע איז ניט געלונגען.

די פינסטערקייט פון דער נאכט האט זיך נאך געראנגעלט מיט דעם מארגענשטערן, וועלכער האט זיך אנגעהויבען צו בעווייזען וואס אמאל מעהר.

דער רוימישער לאגער איז נאך געשלאפען, ווען זיינע וואכטער האבען בעמערקט ווי די הויכע, מאסיווע, אייזערנע טהויערען פון דער שטאדט יותפת האבען זיך געעפענט און דורך זיי זענען אהן גערודער דורכגעגאנגען — גלייך ווי א רוישענדער וואסער, וועלכעס האט דורכגעריסען א צוגעמאכטע ברעג — וואס האט ביז יעטצט געשטערט דעם שטראם — מאסען געוואפענטע יודען, און גלייך ווי מיט א כשוף האבען זיי זיך אויסגעשטעלט רייהען־ווייז ביי יותפת׳ס מויערען און ווי מיט כונה געווארט, דער שונא זאלל זיי קומען אנטקעגען. ציטענווייז האט זיך געדאכט אז אט, אט וועללען זיי זיך ניט דערווארטען און אליין אנפאללען אויף דעם שונא׳ס לאגער.

דאס רוימישע מיליטאר האט זיך דאריבער ניט אומזיסט איבער געשראקען — ס׳איז דארטען געווארען א גרויסס גערודער. די קאלטע לופט האבען דורכגעריסען די סיגנאלען פון די טרובעס.

ווי פון דער ערד זענען אויפגעוואקסען געווארען לעגיאנען און די אויפגעהערטע וונן האט זיך אבגעשלאגען אין זייערע קופפערנע פאנצערס אדער שטאהלענע געוואהר.

די צוואנציגע סאלדאטען האבען זיך די מינוט אויסגעשטעללט איין גלייכע, פעסטגעשלאססענע רייהעס, איין פלייצע ביי דער אנדערער, איין פאנצער לעבען דעם צווייטען, יעדער צענטוריאן פיהרט מוטיג דורך זיינע הונדערט סאלדאטען צווישען די טויערען פון דעם לאגער און דאס גאנצע רוימישע מיליטאר צולייגט זיך ווי א גרויסער מחנה ארום די פעסטונג.

די טרובעס האבען נאך א מאל שטארק אבלאז געגעבען און מיטום בעווייזט זיך אויף זיין פערד. ער איז פון קאפף ביז די פיס כמעט בעדעקט מיט בלישצידיגעם

קופער. ביי זיין אנקומען איז איהם דאס גאנצע מיליטאר מקבל פנים מיט הויבע געשרייען.

דער יונגער העלד גיבט זיי צו מוהט און גבורה.

טיטוס האט א בליקק געווארפען אויפ'ן „מגדל־הצופה", דעם האכסטען טהורעם, פון וועלכען מען קענן בעקוקען דעם שונא.

דארטען שטעהט יעטצט זיין פאטער מיט די אנדערע אלטע.

טיטוס האט א וואונק געגעבען דעם סאלדאט, וועלכער האט נאכגעטראגען די פאן פון לעגיאן, ער זאלל א ביג געבען דעם אדלער אויף די זייט ווי וועספא־זיאנוס זיטצט.

רייטענדיג איז טיטוסעס בליקק געפאללען אויף נאך א טהורעם. און זיין געזיכט האט אנגעהויבען צו פלאממען. דארטען איז געשטאנען די שאנע בירניקה מיט איהר ברודער אגריפוס.

בירניקה האט פריינדליך געגריסט דעם יונגען העלד און געזאגט צום ברודער:

— אין וועספאזיאנס מיליטאר זיינען דא שפיאנען, מרגלים.

— ווי אזוי פאללט עס דיר איין? האט אגריפוס פערוואונדערט געפרעגט.

— דער רעיון לאזט מיך ניט אב, זינט איך האב בעמערקט ווי יותפת'ס לייט זענען פריהער ארויסגעגאנגען פון זייער ארט, ווי די רומער. דאס איז א בעווייז אז אימעצער האט זיי צוזויסען געגעבען פון וועספאסיאנס פלאן היינט צו צו־טרעטען.

— וועמען, אלזא האלסט דו אין חשד?

— וועמען? אין דעם שטעקקט דאך דאס אומגליקק אז כ'ווייס ניט גענוי וועמען חושד צו זיין. נור אללענפאללס שטאממט עס פון די גרויסע מקומות. קיין איינ־פאכער מענש ווייסט דאך ניט דעם אנפיהרערס סודות.

דערווייל האט טיטוסעס בעגלייטער א בלאז געגעבען פון דער טרובע און איהם האבען געאנטווערט אללע קאגארטען.

דאס איז געוועזען א צייכען, אז דער צוטריט הויבט זיך אן.

רוימער! — האט טיטוס א געשריי געגעבען אויף דעם הויכען קול — פאר אייך שטעהען יעטצט גאנצע באנדעס בונטאוויציקעס, די קנעכט ווילען ניט פאלגען דעם פריץ. זיי לאבען פון אונזערע גאטטער און מיט א חוצפה פון פערבלאנדטע נארען טרעטען זיי ארויס געגען די אדלער לעגיאנען, וועלכע זיינען מיט נצחון ארומגעלאפען די גאנצע וועלט, פון פרת און חדקל ביז די ווייטע, פערטויטע בריטאניען, מוטיג, לעבעדיג, רוימס קינדער, צו אייך געהערט די גאנצע וועלט!

— מיט אונז איז מארס און בעללאנא! האט האבער פאר אללעמען געשריען דער צענטוריאן הבל — א טוידט די קנעכט און ער האט האסטיג אין געשווינדיגקייט

געפיהרט זיין קאנארט בארג-אויף, דארטען ווי ס'האבען נאך אלץ קאלטבלוטיג גע-
וארט יותפת'ס לייט, די איבריגע קאנארטען זיינען איהם נאכגעגאנגען.

טיטוס איז אויך ארויסגעריטען פאראויס אויפצומונטערען דאס מיליטאר מיט זיין גבורה. רייטענדיג האט ער אויפגעהויבען די אויגען אויף די פעסטונג. דארטען איז יעטצט געשטאנען „יוסיפון" און ארום איהם די אלטע לייט און בכבוד'ע מענשען פון יותפת.

טיטוס האט איהם באלד דערקאנט. נאך אין די קינדערשע יאהרען האט ער איהם געזעהען און פיעל געהערט פון דעם געבילדעטען יודען, וועלכער איז שטענדיג געווען אין געזעללשאפט פון רומער חכמים. זאגאר די קיסרין פאמפעריא איז געווען פריינדליך צו פלאוויוסען.

און פלוצלונג ווערד דער רומישער ליעבלינג גאר א מורד במלכות און דער יוד האט די חוצפה א ביסס צו געבען די האנד, וועלכע האט איהם נאך ניט לאנג געגלעט.

— ווייטער, איהר בעזיעגער פון דער וועלט! — האט מיט כעס נאך האבער גע-קלונגען דעם יונגען העלדענס קול, וועלכער איז אליין געלאפען פריהער פאר אללעמען.

און די יודען ריהרען זיך ניט פון ארט...

זיי ווארטען, דער שונא זאלל קומען גאנץ נאהענט, כדי מיט א כאל אויף איהם אנצופאללען, ווען ער וועט מיעד ווערען פון דעם געשווינדען געהען בארג-ארויף.

— מיין הונד האט פערריכט וואס ער האט בעדארפט — האט זיך דערווייל אב-גערופען ברנבה בן יהושע, וועלכער איז געשטאנען ביי וואל פון רוים לאנגער צו-זאממען מיט דעם אלטען סאלאפיל און מיט גרויס כונה בעטראכט, ווי דאס רומישע מיליטאר הויבט זיך אויף אלץ האבער אויפ'ן בארג. — יותפת'ס לייט זיינען בעציי-טענס ארויס פון דער פעסטונג. דאס איז א גוטער סימן — דער לייב ווי דער טיגער זענען ביידע ניט אזוי געפאהרליך, ווען דער יאגער דערזעהט זיי פריהער, איידער זיי איהם.

— וואס ווילסט דו היינט פון מיר האבען א גאנצען טאג מיט דיין הונד — האט שוין האלב בייז זיך אבגערופען סאלאפיל — ווען דערצעהלסט דו מעשיות דיין הונד איז אזא הונד ווי אללע הינד, וועלכע קענען בילען אבער ניט רעדען.

— און דו קענסט פילאזאפירען, אבער ניט טרעפפען — האט מיט א וויטץ גע-אנטווערט יהושע'ס זוהן — זעהסט דו, מיין הונד איז דווקא א געלערנטער און ער פערשטעהט ניט יודיש אליין, נור זאגאר לאטייניש און גריעכיש אויך.

— די מלחמה הויבט זיך אן! — האט אנשטאט א תשובה א זיפץ געגעבען סא-

לאפיל און איז דאביי בלאס געוואָרען ווי די קאלך — אך, מענשען, מענשען צו וואס פערגיסט איהר איינער דעם אנדערענס בלוט בחנם.

די מלחמה האט זיך ווירקליך אנגעהויבען, טיטוסעס פערד האט זיך דורכגעקראָגען צווישען די יודישע רייהען און צושפרייט די ערשטע ליניע.

— טיטוס, טיטוס! — האט בירניקה א מורמעל געגעבען און בלייך געוואָרען.

אגריפוס האט זי פערדאכטיג אנגעקוקט.

— דו ציטערסט איבער איהם? — האט ער געפרעגט מיט א שלעכט פארבאָרגענער איראָניע,

— ניט וועגען איהם, נור וועגען דיר, משוגעגער — איז געווען בירניקה'ס תשובה.

— וואס הייסט וועגען מיר! דו מיינסט עס געוויס מיט א געלאכטער.

— אז אך און וועה איז צו דעם געלאכטער, משוגעגער! דיין שוועסטער ציטערט איבער דיין טראָן, איבער יהודה'ס קרוין, וועלכע הייגגען אויף טיטוסעס שפיטץ שווערט.

בירניקה'ס שרעק איז געווען אומזיסט, די רוימישע סאלדאטען האבען ארומגערינגעלט דעם יונגען גבור, און אויף אזא ארט האבען אין איהם ניט געטראָפפען די יודישע קוילען. וועלכע האבען זיך געשאטען אויף איהם פון אללע זייטען ווי א האגעל.

יעטצט זיינען שוין ביידע מיליטארען געווען אזוי נאהענט איינע פון דעם אנדערען, אז דאס שיסען האט אויפגעהערט און די מלחמה האט זיך אנגעהויבען אויף די פויסטען. איין מענטש אויף דעם אנדערען, די רוימער האבען געטראגען שווערע געוואהר און זייא איז דריבער ניט לייכט געווען זיך א קעהר צו געבען, דאגעגען די געשיקטע אונד פעהיגע יודען האבען זיך געהאלטען פעסט און קלוג געמיידט דעם שונא'ס קלאפּ.

איבערהויפּט די יודען האבען אין דעם טאג געוויזען זעלטענע גבורות, די לופט האט געציטטערט פון זייערע בלייענע קוילען, וועלכע האבען אויסגעזעהען ווי בלייענע אייער און רינגס ארום האבען זיך נור געהערט קרעכצען פון געראניטע רוימער.

די פערביססענע מלחמה דויערט שוין א צייט און די רוימער האבען זיך נאך אויף איין טריט ניט גערוקט ווייטער, אויף איין פוסס ניט אבגעשטופּט דעם שונא, אומגעקעהרט, יעדער מינוט האט זיך אלץ געדוכט אז דאס רוימישע מיליטאר אנשטאט צו געהען ווייטער, רוקט זיך וואס אמאל מעהר בארג־ארונטער.

— וואס טהוט זיך דא? — האט שטילל געמורמעלט צו זיך בירניקה — טיטוס וועט אויך האבען אזא סוף ווי צעסטיוס?

ניין, טיטוס'ס פאנציר בלישצעט נור פאראוים אבער די לעגיאנען שטעהען אב.

וועספאסיאן בעמערקט אלץ פון דעם הויכען טהורעם און ער פערשטעהט, אז צום נצחון איז נאך ווייט.

— א, א, — ברוממט ער צו זיך אליין, צו קוקענדיג, ווי טיטוס ארבייט מיט אללע כחות אהן נוטצען — מיט די יודעלעך איז ניט קיין געלאכטער, זיי האבען זיך צולאזט ווי ווילדע פויגעלעך, מע בעדארף דעם קליינעם אונטערהעלפען, אניט וועט מען מיר איהם ברייננען א טויטען, ער איז אביזער יונג און וועט געוויסס ניט אפלאזען.

וועספאסיאן האט געגעבען א צייכען, און אללע אנפיהרער זענען באלד מיט איהם צוזאממען אראפ געגאנגען פון טורעם.

ס'איז געווארען אנגעפילדער, א בעש, די ערד האט געציטערט פון די טרובעס, דאס גאנץ רוימישע מיליטאר איז אין איין מינוט געשטאנען אויף די פיסס.

ווי א לויפעדיקער וואססער האבען זיך אנגעהויבען צו שיטען פערשידענע גאטונגען מיליטאר. רייטער און פוסגעהער אונטער וועספאסיאנס קאמאנדא אללע זענען געגאנגען אין איין פונקט צום פעסטונג און ס'האט זיך געדאכט; אז ס'איז מיט איין מאל אויסגעוואקסען געווארען א וואלד פון פיקעס.

— יותפת'ס לייט דערעססען גאט דעם אלטען — האט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען ברנבה בן יהושע — דאס זענען ניט די פערמרה שחורידיגע בריטאנייער, אה, ניין!

— נו, וואס וועט יעטצט זאגען „דער געלער”? — האט אין כעס בעמערקט ביריניקה — ווי ס'ווייזט אוים וועט ער זיך שוין יעטצט א רויסשלאגען פון קאפף דעם שדוך מיט מיר און דער יודישער קרוין.

„דער געלער” אבער האט יעטצט ווירקליך ניט געקלערט וועגען איהר שיינקייט און שטאלצקייט. מיט גרוים פחד האט ער צוגעקוקט פון זיין טהורם די שרעקליכע מחנה, וועלכע רוקט זיך צו וואס א מאל נעהענטער.

האסטיג איז ער ארונטער פון טהורם. ער האט פערשטאנען אז יעצט איז געקוממען די וויכטיגסטע שעה. אויף זיין וואונק האט דער וועכטער געבלאזען שופר. דער עולם זאלל זיך באלד צונויפקוממען און „יוסיפון” האט נאכדעם מיט א ציטערענדען קול הויך און דייטליך געזאגט:

בני גליל ויהודה! גאטס קינדער פון דער הייליגער לאנד, וועלכע געהערט צו אונז נאך פון אבות אבותינו, הערט אויס מיינע ווארטער, געדיינקט, אז מיר זיינען א „עם סגולה”. גאט האט אונז אויסגעקליבען פון אללע אומות מיר זאללען דינען איהם, אבער ניט קיין אנדערן. און דריבער האט ער אונז געשאנקען גבורה און כח, מיר זאללען קעננען בײשטעהען דעם גראססטען שונא.

פאר גאטטס פאלק און זיינע נביאים האט זיך דער ים געשפאלטען, אונזערע אבות דורכצופיהרען ביבשה און די מצרים, די שונאים, צו דער טרינקען. אין דעם וויסטען מדבר האט גאט געשפייזט זיינע אויסגעקליעבענע קינדער מיט מן און פון שטיינער, פון פעלזען האט געשפריטצט וואססער. אז' גאטט האט געוואללט געבען זיין ליעבען פאלק פלייש צום עססען, איז דער מדבר בעדעקט געווארען מיט פויגלען פון הימעל. דער ירדן האט איינגעהאלטען זיין שטראם, דאס יודישע פאלק זאלל טרוקקען אריבערגעהען דעם טייך, וועלבער פיהרט אין ארץ ישראל. יריחום מויערען זענען גיט איינגעפאללען פון די ארמאטען און קוילען, נור פון דעם קלאנג פון הייליגען שופר. אויף דעם נביא'ס בעפעהל איז די זונן שטעהען געבליבען אין גבעון. זי האט זיך אבגעשטעללט צום ערשטען מאל, זינט דער בורא האט זי בעשאפפען צוזאממען מיט דער וועלט און אללע ברואים. די זונן איז שטעהען געבליעבען אויף איהר ארט, כדי די יודען זאללען קעננען מנצח זיין דעם שונא.

קדוש, קדוש, ה' צבאות, מלא כל הארץ כבודו! — האבען פלוצלונג פרום און מיט התלהבות א געשריי געגעבען אללע יודישע סאלדאטען.

— קדוש, קדוש, קדוש! — האבען נאכגעשריען מיט א יאממער די ווייבער און קינדער פון יותפת, וועלכע האבען זיך פערזאממעלט ארום די סאלדאטען צו קוקען ווי זייערע מאנער און פאטערס געהען געגרייט צו שטארבען פאר זייער פאטערלאנד.

דעמאלט האט „יוסיפון" אויפגעהויבען די האנד צום הימעל.

— אדוני, אדוני! — האט ער אויסגעשריען מיט א געבעט — שיק אונז נאך איין מאל דיין הילף, שאנק אונז נאך אמאל דעם נצחון איבער דיינע און אונזערע שונאים, וועלכע ווייסען ניט פון דיין גרויסקייט און בוקען זיך צו שטיינערנע און הילצערנע גאטטער! מיט מיר, בני יהודה וגליל, מיט מיר, גאטטס קינדער!

און ער איז געגאנגען פאראויס פאר יותפת'ס מיליטאר.

ס'איז גאר ניט געווען צו פערשטעהען פון וואנגען ס'האט זיך גענוממען אזוי פיעל כח און מוטה ביי די יודען. זיי, אנטקעגען די גרויססע רוימישע מחנה האבען אויסגעזעהען, ווי א שיססעל וואססער געגען א טייך, און דאך האבען די רוימער ניט געקעננט גובר זיין שמשון הגבור'ס שפעטעריגע דורות.

מלאכים פון הימעל האבען זיי געמוזט ביהילפיג זיין, ווייל ביי יעדערען שטרענגען צוטריט פון די רוימער האבען יותפת'ס לייט, מיט א געשריי „אדוני" בעוויזען וואונדער.

די נאכט איז שוין געווען נאהענט און די מלחמה האט נאך אלץ ניט אויפגעהערט.

— א חרפה, א שאנד — האט זיך פון בעס געווארפען בירינוקה אויף דעם טהורם — ניט געהארטע זאכען, די רוימער זאללען אבטרעטען צוריק.

— זיי טרעטען ניט אב מיט'ן אייגענעם ווילען... נור זיי יאגט די דונקעל־קייט פון דער נאכט — האט מיט עגמת נפש בעמערקט אגריפוס.

— די דונקעלקייט פון דער נאכט! יא, זי האלט אויך מיט זיי!

אם די דונקעלקייט וועט וועניגסטענס פערדעקען די חרפה פון טיטוסעס פנים — האט אויסער זיך געשריען בירניקה.

— וואס די דונקעלקייט האט פערדארבען קענן נאך אבער די שיין פערריכטען אונ מיט דער זונן קוממט דער נצחון! — האט אגריפוס פרובירט זי צו בערוהיגען.

— דער נצחון! אונ דו וועסט אפשר מיט דיינע בעטטעל־מיליטאר ווערען דער גבור.

— ניין, דער גבור וועט זיין דיין טיטוס.

— מיינער, יא ער וועט ווערען מיינער דעמאלס ווען ירושלים וועט זיין מיינס — האט מיט היטץ געזאגט די לעטצטע פרינצעססין פון יהודה.

V.

די מלחמה געהט צו שווער.

אונ ס'איז ווידער געווען א וואונדערשאנע נייכט בעלויכטען פון דער פוללער ליכטיגער לבנה.

טיטוס איז ווידער אזוי ווי יענע נאכט געשטאנגען אויפ'ן טורם אונ בעקוקט פון ווייטען די פעסטונג יותפת. יעטצט, נאך דער אונגעלונגענער ערשטער פראבע, זיינען דעם יונגען העלד'ס מחשבות אביינגעטהון נור אין דער פעסטונג. דער איינציגער צוועק פון זיין לעבען איז אין דער מינוט איינצונעהמען די הויכע סקאלעס צו צו־שמעטטערען יותפת'ס שטארקע וואנד אונ זיך נוקם צו זיין אן די אונפערשאמטע יודען, וועלכע האבען איהם, טיטוסען אין דעם רוימישען מיליטאר אנגעטהון אזא מיאוסע חרפה. ער שפיערט ווי ביי איין געדאנקען דריבער, פערלויפען איהם די באקען מיט ארויטען, פלאממענדיגען קאליר פון חרפה. אונ ס'פערשווינדט פון זיי דער אויסדרוקק פון מוט אונ גבורות...

גבורות!! אט היינט, נאך א גאנצען טאג יסורים אין מלחמה, ווען ער איז אראב פון דעם הויכען, שאנעם פערד, האט ער געזעהען ווי לעבען איהם זענען פערבייגע־גאנגען בירניקה מיט דעם ברודער, אונ טיטוס האט בעמערקט, ווי אידרע וואונדער־ליבע אויגען האבען אבלישץ געגעבען מיט א מינע פון אגעלאכטער אדער פער־אכטונג.

— מיט וואס קענן מען גראטולירען דעם יונגען אנפיהרער? —

— האט זי איהם געפרעגט פארביי־געהענדיג.

— גראטולירען! אה, יופיטער... וואו זיינען אהינגעקומען דיינע דונערען!

— מארגען, מארגען מוז עס נעהמען א סוף!

ער האט אנגעהויבען צו געהען הין און צוריק איבער'ן וואל און אויף א מינוט די אויגען ניט אראבגענומען פון די סקאלעס, אויף וועלכע ס'האט זיך געהאלטען אזוי פעסט די פעסטונג יותפת. די שיין פון דער לבנה האט זי נאך צוגעגעבען מעהר חן און אלץ ארום האט אויסגעזעהען ווי א פערצויבערטער אוננאטירליכער בילד.

אט דארטען רירט זיך אויף פון ארט א שאטען...... דאס קריעכט עפעס ארויס פון דער פעסטונגס וואנד.... וואס איז עס? א מענש צו א מראה?.... ניין, דאס איז ניט קיין מענש...... נור א גרויסע חיה......

א וואלף צו א שלאנג?.... די חיה בעהאלט זיך אין א טיעפע גרוב, וועלכע ס'האבען אויסגעגראבען די גרויסע רעגענס פון גליל, ווינטערצייט.....

— א גאטטער! העלפט געשווינדער! כ'וויל טאג, ליכט און מלחמה! אה, בירניקה! „מיט וואס קען מען גראטולירען דעם יונגען העלד?" — מארגען וועל איך דיר ווייזען מיט וואס.....

און „דער מארגען" איז אויך געקומען.

דער רוימישער לאגער האט זיך נור וואס אנגעהויבען צו בעוועגען, ווען פון יותפת זיינען שוין ארויסגעגאנגען בעוואפנעטע סאלדאטען גלייך אויף דעם שונא'ס לאגער.

דעם שונא'ס נעכטיגע מפלה ביים צוטריטט האט זיי צוגעגעבען מוט מיט התלהבות און די שוואכע בעלאגערטע האבען יעטצט אליין אנגעהויבען צו בעפאללען.

— אנקוקענדיג דאס מיליטער, וואס קריעכט ארויס פון דער פעסטונג, דאכט זיך אז ס'וועט גאר קיין מאל ניט אויפהערען צו געהען און אין יעדער שפאלטעל פון יותפת וואלגערען זיך ארום מיליאנען סאלדאטען — האט זיך געוואונדערט וועספאסיאנוס אויף די יודישע לעגיאנען.

טיטוסען האט מען דערלאנגט דאס פערד. אזוי ווי נעכטען פארנאכט, האבען זיך זיינע אויגען וויעדער געטראפפען מיט בירניקה'ס בליקק. די פרינצעססין האט, ווי ס'שיינט, אט בעמערקט זיינע אללע בעוועגונגען.

זי איז געשטאנען נעבען איהר פאלאטקע אין מיטטען פון לאגע[illegible]ט ווייט פון וועספאסיאנוס און טיטוסעס פאלאטקעס און מיט דער האנד געוויזען [illegible]רודער אויף דער פעסטונג, פון וועלכער ס'האבען זיך נאך אלץ געשאטען יודען.

— דו זעהסט? זיי בעפאללען גאר די ערשטע — האט זי זיך אבגערופען צו אגריפוסען, נור אזוי הויך אז טיטוס זאלל עס דערהערען — כ'הויב שוין אן צו גלויבען אין דער נבואה.

— וואס פאר א נבואה? — האט אגריפוס ניט אהן שרעקק געפרעגט.

— אין דער נבואה אַז ערשט וועט זיין לעטצט אונ אַהרון-כהן״ ביז יעטצט זענען די רוימער געוועזען די ערשטע אין דער וועלט.

— אונ זיי וועלען בלייבען די ערשטע! — האט טיטוס איהר איבערגעהאַקט די רייד מיט אַ געשריי אונ אַ בעפעהל געגעבען צו בלאָזען אַ סיגנאַל פון אַ בעפאַלל.

די קאָהאָרטען האבען זיך איינס נאָך דעם אַנדערען אויסגעשטעלט אַנטקעגען דעם שונא.

אין אַ קורצע צייט איז די מלחמה געוואָרען נאָך פייערדיגער ווי געכטען. ס׳איז שווער געוועזען צו זאָגען, אויב די רוימער בעפאַללען יותפת, אָדער יותפת׳ס-לייט שטורמען דעם רוימישען לאַגער. די יודען זיינען געווען געניטע שיסערס פון די פיילע-בויגען אונ זייערע בלייענע קוילען אונ שטיינער האבען געטראָפען ריכטיג, זאָגאַר אויף די ווייטסטע שטרעקקעס.

— דו זעהסט האט ערשראַקקען בירניקה זיך אָבגערופען אין טיטוס׳ם פאַנציר זיינען אריין דריי שפּיזען.

— דאס זיינען ניט קיין שפּיזען, נור פיילען — האט בעמערקט אַגריפּוס — אַט וואַרפט ער זיי שוין דעם שונא אין פּנים.

— בלייבט ער דאָך אָהן אַ פאַנציר — האט זיך בעאונרוהיגט בירניקה.

— האָב ניט קיין מורא די רוימישע סאָלדאַטען וועלען ניט לאָזען אונטערגעהען זייער העלד. אַט טראָגט ער שוין אַ צווייטען פאַנציר, נאָך אַ בעססערן.

ס׳זיינען געוועזען מאָמענטען, ווען די יודען זיינען שוין געוועזען געגרייט זיך דורכצושטופּען צווישען די רוימישע רייהען, וועלכע זיינען יעטצט שיטטערער געוואָרען, ביז צום לאַגער. פּלוצלונג אָבער זיינען ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסען פרישע רוימישע קאָהאָרטען אונ זיי האָבען דעם שונא ניט געלאָזט ווייטער קוממען.

דעמאָלס האבען זיך אויף דער פעסטונגס וואַנד געלאָזט הערען קלאָגען אונ געוויין, דאס האבען געיאָממערט די יודישע ווייבער מיט זייערע קינדער, וועלכע האבען פון די הויכע וואַנד זיך צוגעקוקט צו דער מלחמה. זייערע קולות: „אדוני אונ גאָטט״ זיינען געוועזען עד לב השמים.

דאס געוויין פון די ווייבער האט צוגעגעבען מוט די מאַנגער. ליידער איז דאס אָבער שוין געוועזען אַ התלהבות פון יאוש אונ פערצווייפלונג — אונ זיי האבען נאָך מיט מעהר [illegible] אָבגעשטופּט דעם שונא. וועלכער איז געוועזען צוויי מאָל אַזוי פיעל מעהר אונ ש[illegible]ער פון זיי. אויף אַזאַ אַרט איז דער לאַנגער פּאַסס שטיקעל ערד, כמעט יעדע מינוט געוועזען, דאָ אין רומ׳ס דאָ אין יהודה׳ס מאַכט.

וועספּאַסיאַנוס האט עס בעמערקט אונ ווי ווייט מעגלאַך, געמונטערט דאס מיליטער אונ זיי געגעבען אַ ביישפּיעל פון זיך, אין זיך האט ער אָבער געמוזט מודה זיין, אַז אויב ער וועט געהמען יותפת, איז ניט מיט דעם כח פון זיינע מענשען, נור מיט די שרעקליכע אַרמאַטען, וואס רום פערמאָגט.

— דער צווייטער טאג פון דער מלחמה האלט שוין אויך ביים סוף און די רומער האבען זיך נאך אויף איין פוסס ניט געריהרט פון ארט — האט זיין אבגערופען א גריפוס און געווארפען פון דער זייט א בליקק אויף דער שוועסטער — ווי ס'ווייזט אוים איז ביי טיטוסען פון זאגען ביז טהון אזא אונטערשייד ווי צווישען פייער און וואססער.

— אללענפאללס איז עס גאהענטער ווי פון דיר ביז דיין מלוכה — האט מיט כעס געאנטווערט בירניקה.

ביי זיך איז זי פונדעסטוועגען געווען בייז אויף רוים.

— אז זיי קענען יעטצט ניט געהמען יותפת, ווי אזוי וועלען זיי שפעטער איינעהמען פאר מיר ירושלים? — האט זי געטראכט. ניט ווילענדיג מוז מען גלויבען אז די גרויסע רוימישע גבורים פאמפעאוס און צעזאר, האבען מיט גענוממען מיט זיך אין קבר רוימס גדולה, און אין "דעם געלען" האט זיך אבגערופען דער גייסט פון דעם יונגעל דוד, דער שפעטעריגער מלך, וועלכער האט געהרגעט גלית הפלשתי.....

ביי די ווארטער איז אנגעקוממען ברנבה בן יהושע.

— היינט האבען מיך די רוימער אמת בייז געמאכט — האט ער געזאגט מיט א בייג און די אויגען ניט אראבגענוממען פון די קאנארטען, וועלכע האבען זיך און־מוטיג צוריקגעקעהרט אין לאגער.

— אמת, היינט און נעכטען האבען זיי ווייניג געוויזען זייער גבורה געגען די יודישע סטאדע — האט זיך אבגערופען בירניקה און מיט די אויגען געזוכט טיטוסען.

— ניין, פרינצעססין, ניט דאס מיין איך — האט ברנבה געאנטווערט.

— נור וואס דען?

— די פרינצעססין ווייס דאך גוט, אז איך בין, — לא עלינו — א פראצענטניק און היינט האב איך גערעכענט אבצונעהמען פון יהודה מיין חוב מיט פראצענט.

— ווי אזוי?

— די פרינצעססין האט דען ניט בעמערקט אין דער פריה, אז די יודען זיינען ארויסגעגאנגען פון יותפת בעגריססען זייער מלך, ליידער האבען די רוימער זיי אפילו ניט צוגעלאזען ביז'ן לאגער — און מיינע ארעמע האלאנתען וויינען געוויך ווייטער נאך מיר אזוי ווי פריהער.

אגריפוס האט פערשטאנען ברנבה'ס גראבען וויטץ און ער האט א בייזען בליקק געווארפען אויף דעם פראצענטניק.

איהם האט ניט געפאסט, זיין שוועסטער זאלל געוואהר ווערען, אז ער, דער מלך, האט פערזעצט ביי דעם פראצענטניק די הכנסות פון יהודה, און יעטצט רייצט זיך ברנבה מיט איהם, ווייל דער טערמין איז שוין פארביי און אגריפוס האט ניט קיין מלוכה און [illegible] קיין געלד.

VI.

איינער פון די יודישע העלדען.

קיין טוידטע און געראניעטע האט ניט געפעהלט פון ביידע צדדים, נור מיט
לעבענדיגע געפאנגענע האט רוים ניט געקענט פיעל שטאלצירען, אין די גאנצע
צייט איז זיי געלונגען צו געהמען "אין פלהען" נור איין יודען — איין איינציגען! דאס
איז אביסיל שווער צו גלויבען אבער דעם אמת בעשטעטיגען אפילו די יודישע
שונאים...

אין דער בלוטיגער מלחמה איז ניט איין מאל שטעהען געבליבען א יודישער
סאלדאט. אבגעריסען פון זיינע חברים, און אחת דתו אריינצופאללען ביי דעם שונא
לעבעדיג אין די האנד.
די יודישע העלדען האבען אבער ניט געווארט אויף דעם שונא'ס איינלאדונג
און אליין פרייווילליג זיך גענומען דאס לעבען מיט דעם אייגענעם שווערט. קיין
איינציגער האט זיך ניט אונטערגעגעבען...
ביז די לעטצטע מינוט זיך געבארגט מיט דעם שונא, און אויף דעם ערגסטען
פאלל, אז ס'איז שוין ניט געווען קיין מאגליכקייט דעם אנדערען צו הרגענען האט דער
יודישער סאלדאט איינגעטונקט די שווערד אין אייגען בלוט. בעססער דער טוידט
איידער געפאנגען צו ווערען!...
איין יוד איז אבער דאך געבליבען שטעהען "בין המצרים" און איהם איז אפילו
ניט בעשערט געווען דער לעטצטער טרייסט זיך אליין דאס לעבען צו געהמען, ער
האט מיט אזא אימפעט איינגעשלאגען איין שווערט אין דעם צענטוריאן הבל'ס לייב,
אז דער שווערט האט זיך צוברָאכען אויף שטיקלעך, גלייך ווי א טרוקען שטיק האלץ
און דער יוד איז געבליבען אבהאנדיג. פון אללע זייטען האבען זיך אויף איהם ארומ-
געזעטצט הבל'ם סאלדאטען, גלייך ווי ביענען.
אויפ'ן אנדערען טאג אין דער פריה האט וועספאסיאנוס געלאזט ברייגנען דעם
יודישען סאלדאט צו זיך, אין דער האפפנונג אז פון איהם וועט ער געוואהר ווערען
נייעס איבער די בעלאגערטע פעסטונג און ווי ווייט ס'קענגען נאך אויסהאלטען די
יודישע כוחות אין יותפת.
דעם געפאנגענעם האט מען אריינגעפיהרט אין דעם אנפיהרערס פאלאמקע, דאס
איז געווען א עלטערער יוד, פון מיטטעלער וואוקס און זיינע שווארצע האר האבען
שוין אנגעהויבען עטוואס צו גרויען.
ער האט דרייסט אנגעקוקט וועספאסיאנען אין געזיכט, אבער אהן חוצפה. ער
האט אויסגעזעהען ווי א מענש, וועלכער האט שוין גאר ניט וואס צו טהון אויף דער

זעלט און דריבער איז זיין געזיכט געווען מלא חן, איהם האבען אפילו געקליידט די קנייטשען אין שטערן און דער געלאססענער אויסדרוקק פון זיינע אויגען.

— ווער ביסט דו? — האט איהם וואספאסיאנוס געפראגט.

— דו זעהסט דאך וואס פון מיר איז געווארען, ביז יעטצט בין איך געווען א יוד און היינט בין איך א גאר-ניט.

האט שטילל געענטווערט דער געפאנגענער און אין זיין געזיכט האט מען גע־קאננט לייענען: „צו וואס טויג מיר גאר אין גאנצין דאס פראגען? סיי ווי סיי וועסט דו פון מיר ניט געוואהר ווערען דאס וואס דיר טויג צו וויססען.

— דאס הייסט ניט ביי מיר קיין אנטוואָרט — האט רוהיג זיך אבגערופען וועס־פאסיאנוס.

— די תשובה איז ניט מיינע, נאר א אלטע. זי שטאממט נאך פון אדריסעען 1) — האט ווי מיט עגמת נפש געאנטווארט דער געפאנגענער.

— ווי כ'זעה קענן מען מיט דיר רעדען — האט וועספאסיאן זיך אבגערופען און די אויגען ניט ארונטערגענוממען פון דעם סאלדאטס חנוודיגען פנים — שפיעל דיך אבער ניט צו פיעל מיט די ווערטער אזוי ווי דער קיסר פון א י ט א ל ק י, דו בעדארפסט דאך ניט צו פערגעססען, אז איך בין ניט קיין ווילדע חיה און מיט מיר מאגסט דו רעדען קלאהרע דבורים, כ'בין א פרייער בירגער פון דער רוימישער ממשלה און א אנפיהרער פון דעם רוימישען קיסר'ס מיליטאר. ער, דער קיסר האט מיך אהערגע־שיקט מיט זיינע העלדישע לעגיאנען — כ'זאלל צוריק איינפיהרען שלום אין יהודה, דעם שלום, וואס שמאקט ניט אייערע ברידער, וואס וויללען אליין הערשען איבער דעם ארעם יודישען פאלק און רייך ווערען פון זיין אומגליקק. און מיט א פאלשער כונה זאגען די בונטאוויציקעם אז רוימס כונה איז צו מאכען די יודען פאר קנעכט און אומצובריינגען די אמונה פון אייערע אבות... און דאס פערבלאנדטע און נאך מעהר דאס אונגעבילדעטע פאלק גלויבט אין די נארישע ווארטער און מאכט זיך אליין אומגליקליך.

אט איך בין טאקי אהערגעקוממען צו ראטעווען דאס עלענדע פאלק פון זייערע שלעכטע אנפיהרערם האנד.

וועספאסיאנוס האט זיך אבגערוהט, דער געפאנגענער האט א ווארט ניט געאנט־ווארט, נור זיינע פערטרויערטע אויגען האבען ווי ס'שיינט דייטליך געזאגט: „אומ־זיסטע דבורים, צו וואס טויגען נאך די פאלשע קונצען".

— אן דיין פנים דערקאנן איך, אז מיינע ווערטער האבען אויף דיר א גאנץ קליינעם ווירקונג — האט וועספאסיאנוס ווידער אנגעהויבען — איך אויף דיין ארט וואללט אפשר אויך ניט געגלויבט אין דעם שונא'ס גוט הארץ; גוט, גלויב מיר ניט,

---

1) אדריסעא — דער קיסר פֿין איטאַלקי, דער בעוואוסטער העד פֿון „הריכת ט א״ה״.

אַזוי הייסט דיר דיין שכל, כ'שטימם אויך איין מיט דיר אַז מיינע ווערטער, וואס כ'האב נור וואס יעטצט געזאַגט אַז „כ'בין אהער געקוממען צו ראטעווען דאס אָרעם עלענדע יודישעס-פאלק”. איז ניט מעהר ווי אַ פוסטע פראַגע, אהן שום געפיהל, נוייל די ווערטער האט געזאַגט אַ רוימער, וועלכער בענוגענט זיך קיין מאל ניט און וויל נור „הב, הב”, וואס מעהר איז אַלץ בעססער, אמת, ס'איז טאקי אזוי, מיר, רוימער זענען נור בעשאפפען געוואָרען צו נעהמען אָבער ניט צו געבען. אונזער מזל איז שוין אַזעלכער אַז מיר מוזען נור איינגעהמען.

מירו האבען מנצח געווען קארפאגען, סיבאקוז, מדין, און נאך פיעל, פיעל מדינות אין גריעכענלאַנד, סיריען, גערמאניען, בריטאניען, מצרים, אַראביען, און דעם אמת מאג מען דאך זאגען.

יהודה אויך, מיט דער צייט וועט צו רום געהערען די גאנצע וועלט. אזוי ווילען די געטטער. רוים איז די העררשערין איבער די גאנצע וועלט, פון איין עק ביז דעם צווייטען, איהר קוממט עס און אַנדערש וועט ניט זיין. איין יהודה וויל זיך שטעללען אַנטקעגען דעם. וואס די גאנצע וועלט האט אָנגענוממען און דורך דעם פיהרט זיך איבער אין גאנצען.

דער געפאנגענער האט אַלץ ניט געאנטווערט. ער האט אָבער געשוויגען ניט דערפאר, ווייל ער האט ניט געהאט, וואס צו ענטפערען, נור דערפאר, ווייל איהם האט גלאט ניט געלאהנט צו רעדען וועגען זאכען, פון וועלכע ער האט ניט געהאלטען.

— איך זעה אַז מיין לאנגע דרשה ווירקט יעטצט אויך ניט אויף דיר, — האט וועספאַסיאַנוס ווייטער געזאָגט שוין ניט אהן אויפרעגונג — אַלזא וועלל איך מיט דיר רעדען קורצע דבורים: אַז יהודה וועט זיך פריוויללינ ניט אונטערגעבען, וועט די שטארקע רוים זי בעגיסען מיט טייכען בלוט זי וועט צו שמעטטערן איהרע שטאדט, חרוב מאכען די פעלדער, און פון גאנץ יהודה וועט ווערען אַ בארג מיט אש, פונדעסטוועגען אט דאס שטיקעל פוללע ערד, וועלכע האט אמאל געהייסען יהודה — אַלעדיגער פלאטץ, אהן שטאדט, אהן מענשען, אהן אַ סימן פון לעבען — אט דער פערוויסטעטער פלאטץ, ער וועט דאך געהערען צו רום, אויב אויף דעם נור ווארטען דיינע ברידער, קענן איך זיי די טובה טהון און אין גאר אַ קורצער צייט וועט קיין זכר ניט זיין פון אַ כאליגער יהודה...

— ניין, ניין און נאך אַ מאל ניין! — האט מיט היטץ אויסגעשריען דער געפאנגענער יוד — יא, רום קענן ברייננען אין יהודה אַ מבול פון בלוט, זי קענן צושמעטטערען אַללע יודישע שטאדט און דערפער, מאכען פון פאלדער און גארטנער אַ מדבר, נאך מעהר, זי קענן אפילו מאכען פון די רייכע און פעטע יהודה אַ בארג מיט אש, אויף אַ סימן פון דעם עוויגען חורבן, דאס קענן אַלץ רוים מאכען, אָבער דעם יודישען גייסט, וועט זי ניט איינגעהמען.

די מלוכה פון יהודה קענן זאגאר אויף א לאנגע צייט אונטערגעהען, אבער דער כלל יודען וועט קיין מאל ניט אונטערגעהען, קיין מאל ניט, זאג איך, אזוי לאנג ווי די וועלט וועט שטעהען וועלען זיין יודען...

ס'וועט קוממען א צייט און רוים וועט אויך האבען די מפלה, פון אזא מארדער ווי זי איז אליין, דאמאלס וועט א תל ווערען פון איהרע שטאדט, וועלכע הויבען נאך ערשט אן צו בליהען, איהרע מארמארנע און בראנזענע געטצענבילדער וועלען צו בראכען ווערען אויף שטיק-שטיקלעך. פון די ערשטע, דאס הייסט די מארמארנע, וועט מען מאכען קאלך, אדער צעמענט פאר וועגען, און די בראנזענע וועלען בע־פוטצען די געשפאנען פון בארבארעס פערד.

אזא סוף קענן און וועט קוממען אויף די גרויסע, שטאלצע, און יעצט שטארקע רום, אבער יודען וועלען אפילו אין גלות בלייבען יודען — און זייער גייסט, זייער בילדונג וועט שטענדיג בעשאנען די גאנצע וועלט... זיי וועלען, וואס אמת, פער־ליהרען זייער פאטערלאנד, דערפאר אבער וועט די גאנצע וועלט ווערען זייער היים! אז דער בית-המקדש וועט חרוב ווערען וועלען יודען אלץ אן גאטט ניט פערגעססען און דער שאנער, בלויער הימעל, וועלכער איז אויסגעשפרייט איבער די גאנצע וועלט, ער וועט זיי פארטרעטען גאטטס הויז!

אט, וואס כ'האב דיר געוואללט זאגען, וועספאסיאנוס, דו עלענדער, וואס קוממט ארויס נאך פון א מעהר עלענדען פאלק!

וועספאסיאנוס איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט און מיט כעס זיך געחאפט פאר דעם שווערד, די אדערען האבען זיך אויפגעבלאזען אויף זיין אקסען־האלז און דאס פעטטע געזיכט האט זיך אנגעצונדען.

— האלט! — האט הארט ווייטער געזאגט דער געפאנגענער — דו וועסט נאך האבען צייט מיך צו קוילענען...

כ'האב ניט געמיינט, חלילה דיך צו בעליידיגען, כ'האב נור מיטלייד מיט דיר און מיט דיין פאלק...

וואהרשיינליך מוזט דו ווי ס'איז קענגען די וועלטגעשיכטע און דו ווייסט ווי אזוי ס'האבען אנגעהויבען אויפצובליהען און נאכהער אונטערצוגעהען די גרויסע מדינות און מלוכות...

וואס בעדארפסט דו מעהר, זאג מיר, ווי פיעל יאהרען צאהלט אייער ממשלה, כ'מיין רוים? ס'וועט שוין זיין א יאהר אכט הונדערט, די יודען אבער זענען שוין גע־וועזען אין מצרים און אין כנען נאך איידער ס'האבען זיך בעוויזען די ערשטע פיראמידען [1]...

1) פיראמידען — הויכע פירקאנטיגע שטיינערנע געביידע מיט א שמאלן שפיץ אין דער הויך, די ערשטע זיינען בעריהמט די מצרים מיט זייערע פיראמידען אין וועלכע זיי פלעגען געוועהנליך מקבר זיין די מלכים.

וואו איז היינגעקומען די גרויסע שטאדט נינוה, בבל, אשור און פרעה מיט זיין גרויסקייט? און דו ווייסט אז די אללע האבען א מאל געפיהרט נאך א גראססערע ראלע ווי היינט רוים...

וואו איז אהינגעקומען טראיא, צדון און צור? וואו האט זיך אהינגעטהון אלכסנדר מוקדונס מלוכה? אויך ניט געוועזן פון די קליינע, און, דאכט זיך מיר, נאך א ביסיל גראססער, ווי רוים...

די אללע וועלט־ממשלות זענען אליין מיט דער צייט אונטערגעגאנגען און אללע צוזאממען האבען זיי ניט געקענט אומברייגען אונזערע יודען, אבוואהל זיי האבען דערויף געהאט שטארק חשק. ווילסט דו, אז רוים זאלל אויפטהון דאס וואס אללע פריהערדיגע שטארקע ממשלות זענען ניט געוועזן אים שטאנד אויסצופיהרען? ניין, וועספאסיאנוס, דאס איז שוין אזא כלל, ווער ס'גראבט א גרוב פאר דעם צנהעדען, פאללט אליין צום סוף אריין אין איהר...

און דריבער זאג איך בנבואה, אז רוים וועט האבען א ביטטערן סוף און איהר זכר וועט ווערען בעשמוצט אין דער גרויסער וועלט־געשיכטע.

— שווייג, בהוצף און עזות־פנים! — האט מיט א געשטיקטען קול געשריען וועספאסיאנוס — זאג מיר בעססער ווער ביסט דו, וואס דו האסט אזא העזה געגען דער שטארקער רום?

— יעצט בין איך א נאר ניט, ס'איז געוועזן א צייט, ווען כ'בין געוועזן אין רוים ביי דעם קאממענדאנט נירון־קיסר, וועלכער האט מיט רציחה געהרגעט די מוטטער, דעם ברודער און די אייגענע ווייב, און נאכדעם, אך ס'איז דאך הימעל־געשריי, זיך געמאכט פאר א גאטט! און ווען דער קיסר איז אלס אקטיאר און זינגער פארגעטרעטען פאר זיינע אנפיהרער וואס צווישען זיי ביסט דו אויך געוועזן, און ווען דו האסט דיך איבערגעפרעססען מיט דעם פלייש פון די ווילדע חיות און עופות, וועלכע האבען זיך אויסגעפאשעט מיט די יודישע בלוט, און אנגעטרונקען מיט דעם טייערען וויין, ביסט דו נאכדעם איינגעשלאפען און אנגעהויבען צו חראפען אין דער זעלבער צייט, ווען נירון־קיסר האט דעקלאמירט און געזונגען — אט דאמאלס האב איך אנגעוויזען דעם נארישען קאממענדאנט אויף דיין לאכערליכע פיגור...

איך הייס — קאסטאבאר, איינער פון די קאסטאבארעס, וועלכע שטאממען נאך פון די חשמונאים, און איך בין דיינער א שונא נאך פון רוים, וואו אייערע חכמים האבען מיך געלערנט שאן ריידען, אין דער האפפנונג, אז כ'וועל מורד זיין אן מיינע ברידער און אריבערגעהען צו אייער קאממענדאנט.

וועספאסיאנוס האט זיך געשטיקט פון כעס. ווי א ווילדע חיה האט ער זיך געווארפען אין פאלאטקע, גלייך ווי ער וואללט דעם לשון פערלארען.

— אויף דעם צלם! אויף דעם צלם! — האט ער שווער קוים ארויסגערעדט די פאר ווערטער און א פאטש געגעבען אין די האנד.

אויף דעם צייכען זענען אריינגענאנגען אין פאלאטקע די װארטער.

– גיבט איהם איבער די סאלדאטען... זאללען זיי טהון מיט איהם װאס זיי װיללען.

נור צום סוף אויפ'ן צלם! – האט ער זיך געשטיקקט מיט די װארטער און מיט די ציטטערענדע האנד אנגעוויזען אויף קאסטאבארען.

אין דעם טאג האבען די סטאליארעס פון 15-טען לעגיאן אויסגעהובעלט א גרויסען צלם פון א שװערען בוים, דער שטראף געצלמט צו װערען האט זיך דעמאלס גערעכענט פאר די גראסטע חרפה.

קאסטאבאר נאקיט און בארפוס מיט א רויטען באנד אויף די לענדען, האט אלליין געמוזט ארויסטראגען זיין קרייץ פון לאגער און אין בעגלייטונג פון פערשיידענע סאלדאטען און צענטוריאנען האט ער געמוזט די משא אװעקשלעפען אויף דעם ארט, װאו עס איז געװען אויסגעגראבען א גרוב אריינצושטעלען דעם שװערען קרייץ. דער ארט איז געװען מיט פלייסס אויסגעקליבען געגענאיבער יותפת'ס װאנד, כדי די איינװאהנער פון דער פעסטונג זאללען קענען צוקוקען פון װייטען אללע שרעקליכע צרות, װאס מען טהוט אן דעם געפאנגענעם

יותפת'ס לייט האבען זיך װעניג װאס בעװיזען דעם טאג אויף די װענד פון פעסטונג, קאסטאבאר'ס שטראף האט זיי אבער װיעדער פערזאממעלט און װי פליעגען האבען זיי זיך גענומען שיטען פון די נעסטען. באלד זענען שװארץ געװארען די װאנד פון מענשען, װעלכע האבען מיט קולות פראטעסטירט געגען דעם שונא'ס רשעות און גלייכצייטיג געיאממערט איבער דאס גרויסס אומגליקק פון קאסטאבארען װעלכער איז געװען בעקאנט אומעדום, אלס יחסן און אײנער פון די שטארקסטע גבורים און בכבודע פאטריאטען, די גרוב איז שוין געװען פארטיג, װען קאסטאבאר האט געבראכט צו שלעפען זיין שװערע משא.

ער האט אנידערגעװארפען דעם צלם און אויפגעהויבען זיין בליקק אויף די שטארקע װאנד פון פעסטונג. מיט דער האנד האט ער בעגריסט אללע איינװאהנער, װעלכע זיינען ארויס מיט איהם זיך צו זעגענען, פון דארטען האבען זיך ניט אויפגעהערט צו שיטען קללות און ברכות.

דער עולם האט געבענשט דעם קדוש, װעלכער געהט שטארבען על קדוש השם און געשאלטען מיט טוידטע קללות די שלעכטע רוימער, װאס קװאללען אזוי א יודען, איבערהויפט איז גרויס געװארען דער רעש, װען קאסטאבאר האט זיך אלליין אויסגעצויגען אויפ'ן בוים און אויסגעשפרייט די האנד אויפ'ן א צלם. רינגס ארום איהם זיינען געשטאנען די רוימישע סאלדאטען, נור אזוי, אז פון דער פעסטונג זאל יעדערער קענען זעהען, זאגאר דאס געזיכט פון דעם אומגליקליכען געפאנגענעם.

קאסטאבאר איז געלעגען װי פערשטיינערט, זיין געזיכט איז געװארען נאך ערדעלער. אויף די ליפפען האט זיך בעװיזען א הענדיגער שמייכעל און די אויגען האט ער װי צוגעשמידט צו דער פעסטונג.

פון זיין געלאגער האט ער געקענט זעהען, ווי אויף די וואנד האבען פיעל מענשען ביטער געוויינט.

איבערהויפט די פרויען האבען געגאסען טייכען טרערען און יעדע מינוט אויפגעהויבען די האנד צו איהם און צום בלויען שטיללען הימעל...

געוויינט האט אויך יוסף פלאוויוס...

— קוממט מיט מיר, יודען! — האט פלוצלונג א געשריי געגעבען דער אנפיהרער פון יותפת — זאללען מיר ראטעווען אונזער קאסטאבארען, אונזער תכשיט, אונזער שאטץ!

אין דעם מאמענט אבער האט זיך געלאזט הערען אין די לופטען א גערויש פון קוילען און שטיינער, וועלכע זיינען געפלויגען אויף דער פעסטונג. דאס איז וועספאסיאן ביז געווארען אויף די יודישע, און איבערהויפט קאסטאבאר עקשנות און ער האט געגעבען א בעפעהל צו בעשיטען די וואנד פון יותפת מיט א האגעל פון שטיינער און א רעגען פון פיילען.

אויף די וואנד האט דער אונפערהאפטער בעפעהל שטארק אויפגעבראכט דעם עולם, די געבראניטע ווייבער און קינדער האבען געיאמערט און געשריען צו גאטט. אין עטליכע מינוט איז קיינער ניט געבליבען אויף דער פעסטונג.

אונטען נור האבען די רוימישע סאלדאטען מיט א בייזען געלעכטער זיך צוגעקוקט ווי קאסטאבאר קוואלט זיך אין די שווערע יסורים ער איז נאך אלץ געלעגען אויסגעצויגען אויף דעם האלץ.

אין א ווייל ארום איז צו איהם צוגעגאנגען א רוימישער סאלדאט מיט א האמער אין איין האנד און א פאק צוועקעס אין דער צווייטער. ער האט זיך איבערגעבויגען איבער דעם געפאנגענעם און מיט א רציחה פון א ווילדע חיה אנגעהויבען אריינצושלאגען די צוועקעס אין קאסטאבארס נאקעטע האנד.

דער געפאנגענער האט זיך געקארצעט פון יסורים, נור קיין „וועה" איז ניט אריבער איבער זיינע ליפפען. דער האממער האט געקלאפט וואס א מאל שטארקער און שטארקער און די צוועקעס זיינען אריין וואס אמאל טיעפער און טיעפער אין לייב און אין האלץ, איין האנד איז שוין צוגעשלאגען...

דער סאלדאט געהט פאמעלאך אריבער אין די צווייטע זייט פון קרייץ און וויל זיך איינבייגען צו דער לינקער האנד, דאבייא קוקט ער זיך איבער מיט זיינע חברים און לאכט מיט זיי צוזאממען איבער דעם יודענס יסורים.

דעמאלס אבער הויבט זיך אויף פון העלער הויט קאסטאבארס לינקע האנד און גיבט א פאטש דעם רוימישען סאלדאט...

— ניט דיר קוממט עס, עבד עבדים, נור גירונגען מיט וועספאסיאנען! דו מאנסט עס זיי איבערגעבען — האט רוהיג זיך אבגערופען קאסטאבאר און ווייטער אויסגעצויגען די לינקע האנד אויף נייע יסורים.

די סאלדאטען קוקען זיך אן ווילד און איבערשראקען...

איין רוימער האפט ארויס די האק און וויל איהם אבהאקען דען קאפף. דער אנדערער האלט איהם האסטיג אב.

— ער איז ניט ווערט אזא טוידט... פאר איהם וועלען קלעקען ריטעליך.

דעמאלס ברייננט געשווינד אנאנדער סאלדאט טרוקענע ריטעליך שמייסט מיט זיי איבער קאסטאבארס נאקעטען בויך...

דערוויל איז שוין די צווייטע האנד אויך צוגעשלאגען מיט צוועקעס. די פיסס זיינען שוין אויך פערליינט איינע אויף דער אנדערער...

אויף דעם האלז איז שוין קאנטיג א צייכען פון בלוט...

דער האממער קלאפט ווייטער... די לאנגע צוועקעס געהען דורך די פיסס... פיער סאלדאטען הויבען קוים אויף דעם צלם. מיט דעם צוגעשלאגענעם קאסטאבארס קארפער, דער קרייץ זיטצט שוין טיעף אין ד׳ערד...

קאסטאבאר נעהמט די אויגען ניט אראב פון יותפת...

דארטען בעוויזען זיך ווידער אויף די וואנד עטליכע יודען... איינער שטעלט אן האסטיג דעם פיילענבויגען און דער פייל טרעפט ריכטיג אין קאסטאבארס לינקע ברוסט.

— וואהל געשאסען, לעבען זאל ער — פריידט זיך דער אומגליקליכער קאסטאבאר — א שאנעם דאנק. צוליעב דיר וועל איך גיכער אנקוממען צו אונזערע אבות.

פון יותפ׳ס וואנד שיסט מען ווייטער, די פיילען טרעפען ניט דעם ציעל, נור זיי שלאגען זיך אב אן די רוימערס פעסטע פאנצירס,

— א, נאטט ? בידך אפקיד רוחי, אין דיין האנד גיב איך איבער מיין נשמה און יהודה׳ס מזל! — זיפצט צום לעטצטען מאל קאסטאבאר און זיין נשמה זעגענט זיך מיט דער וועלט...

VII.

בירניקה׳ס דרשה העלפט אויך ניט.

פארנאכט איז בירניקה אריין אין ברודערס פאלאטקע, אגריפוס איז נור וואס געקוממען פון וועספאסיאנען, דער רוימישער אנפיהרער האט זיך בעשלאסען, ס׳מאג איהם, ווער ווייסס ווי טייער קאסטען, צו צוברעכען די יודישע עקשנות, און חרוב מאכען יותפת. אויב דאס וועט ניט איינשטיללען די מרידה, איז ביי איהם געבליבען צו מאכען א סוף פון גאנץ יהודה און איבערהויפט פון די הויפשטאדט ירושלים.

— ניין, דאס וועט זיי ניט ווערען געשאנקען — האט וועספאסיאנוס אין כעס געשריען — ביי מיר האט זיך אויפגעוועקט דער חשק אויף נקמה...

מעהר פון אללע האט מיך אויפגעהעטצט קאסטאבאר...

— וואס איז דארטען געוואָרען אויף דער אסיפה? — האט אונרוהיג געפרעגט בירניקה, ווען זי האט בעמערקט דעם ברודערס איבערשראָקענעם געזיכט.

— וועספאסיאנוס האט זיך בעשלאססען צו מאכען א תל פון יהודה — האט אגריפוס טרויעריג געאנטוואָרט — אונזער מלוכה לאזט זיך אויס... גאר אין קורצען וועללען מיר ביידע מאגען אנטהון טארבעס און געהען איבער די הייזער...

— כ'האב באלד פערשטאנען זיין בייזע כונה, ווען כ'האב מיך היינט צוגעקוקט צו זיין ווילדען בעפעהל — האט אויך אונמוטיג געאנטוואָרט בירניקה — קענען דען די מויערען פון אונזערע שטאָדט ביישטעהען געגען רוימס ארמאטען...

וואס קענען ווערען פון ירושלים'ס מויערען, פון דעם וואונדערשאָנעם בית המקדש, וואס וועט ווערען פון אונזערע פאלאצען. אז וועספאסיאנוס וועט זיי בעשיטען מיט שטיינער... וואס וועט פון אונז דעמאלס ווערען...

אגריפוס האט פערצווייפעלט אראבגעלאזען די האנד.

— כ'וועל נאך פרובירען דעם לעצטען מיטטעל — האט ביי זיך ווידער אבגערופען בירניקה — יהודה האט שטענדיג געהאט בעגייסטערטע פרויען, און כ'וויל אויך פרובירען צו ווערען א נביאה, ווי מרים אדער דבורה. גאטט מוז מיר שאנקען זיין גייסט, ניט צוליעב מיין כבוד, נור צוליעב זיין אויסגעקליעבענעם און פערנארטעם פאלק...

כ'וויל און מוז רעדען צו זיי... דו געדיינקסט די רעדע, וואס דו האסט געהאלטען אין ירושלים אויף דער גרויסער פאלקס-פערזאמלונג, ווען די יודען זיינען צום ערשטען מאל אויפגעשטאנען געגען דעם רוימישען צבר פלארוס?

דיין רעדע האט גוט געווירקט און דער עולם האט זיך דעמאלס איינגעשטיללט, גלייך ווי די חוואליעס פון א ים נאך א גרויסען שטורמווינד. אמת, די דאזיגע שטיללקייט איז ניט געווען אויף לאנג...

דעמאלס האבען נאך אבער די יודען ניט געוואוסט, וואס רוים פערמאגט, זיי האבען נאך ניט פערשטאנען ווי גרויס און שטארק דער שונא איז... היינט אבער האט זיי וועספאסיאנוס געוויזען, אז אויב ער וויל, קען ער מיט זיינע ארמאטען צושמעטערען די שטארקסטע פעסטונגען און מויערען... דו געדיינקסט נאך יענע רעדע, אגריפוס?

— כ'געדיינק... דאס איז דאך געווען דיין רעדע. דו האסט זי אויפגעשריעבען און כ'האב געמוזט זי אויסלערנען אויף אויסווייניג. דו האסט גערעדט מיט מיין צונג און מיט מיין קול און דיר האב איך צו פערדאנקען דעם גרויסען רושם, וואס מיין דרשה האט געמאכט, אהן דיינע התלהבות וואללט איך קיין מאל ניט גערעדט אזא

פייערדיגע דרשה, געראטען אין ציצעראנ'ס [1] רעדען — האט געאנטווארט אגריפוס און פערשאמט אראבגעלאזען די אויגען.

— כ'האב מיך בעשלאכסען מארגען — האט איהם האסטיג איבערגעהאקט די רייד בירניקה — דו פערשטעהסט, איך אליין האב מיך בעשלאססען זיך צו ווענדען מארגען מיט אזא רעדע צו יותפת'ס לייט, צו די מאנער און די ווייבער... איבערהויפט צו די ווייבער, איך וועל מיך שטעללען פאר דער פעסטונגס מויערען אין געגענווארט פון די רוימישע לעגיאנען...

— איך אליין — האט זי אלץ מיט מעהר היטץ גערעדט — וועלל צוגעהען צו זיי און ארויסרופען צו זיך די אללע געהארזאמע בונטאווציקעס, זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער, זאללען זיי וויססען די שרעקליכע לאגע פון יהודה... כ'וועלל קוממען צו זיי אליין, אהן דיר, איך שוואכע פרוי וועלל אליין מיט מיין מויל שילדערען אלץ... נור מיין שילדערונג, מיינע ווארטער וועללען אויפרודערן די הערצער פון די יודישע ווייבער און מיט ביטערע יללות וועללען זיי פועל'ן ביי די מאנער, ביי די פאטערס און די ברידער, זיך אונטערצוגעבען רוים און דאדורך באוואהרען פון אונטערגאנג די ממשלה פון יהודה, יותפת, ירושלים און דעם בית-המקדש... גוט, וואס מיר איז איינגעפאללען דער רעיון, כ'געה שוין די מינוט עס אנצוזאגען וועספאסיאנוסען.

אגריפוס האט געוואוסט, אז אויסער אללע מעלות פון א שאנע פרוי, פערמאגט נאך זיין שוועסטער א זעלטענע גייסטליכע ענערגיע און ער איז בעשטאנגען אויף איהר פלאן.

בירניקה איז א בריה אין א זעלבע זאכען און זי האט שטענדיג א עצה אין א נויט. ניט אומזיסט פיהרט זי איהם פון קינדוויז אן פאר'ן נאז. דעם שארפען שכל און דעם דיפלאמאטישען ספרית האט זי געוויסס געירשהעט פון דעם אלטער-זיידען, דעם מלך הורדוס, וועלכער איז בערימט אין דער געשיכטע, ניט נור מיט זיינע ווילדע רציחות, נור זאגאר די רוימישע קלוגע קיסרים, צעזאריוס, ברעטוס, קאסיוס און אקטאוויאנוס אויגוסטוס האבען געגעבען א הסכמה אויף זיין קלוגען פערשטאנד.

אהז דער שוועסטער בלייבט שטענדיג אגריפוס ווי אהן א האנד. זאגאר ווען ער איז נאך געווען על כסא מלכותו אין ירושלים האט זיך דער יודישער מלך געשפיערט אן גליקליך, ווען זיין יועץ

די יונגע, ליעבע שוועסטער בירניקה האט חתונה געהאט מיט הורדוסען, דעם מושל פון תאלקום.

א אמתע שמחה איז געווען פאר איהם, ווען הורדוס איז געשטארבען און די יונגע אלמנה בירניקה האט זיך ווידער בעזעטצט אין ירושלים. די ליעבע פון דעם

---

1) ציצעראן — בעריהמטער רוימשער ארעטאר און מחבר.

ברודער צו דער שוועסטער איז אָבער געווען אזוי גרויסס אונגאטירליך, אז די וועלט האט אנגעהויבען צו ריידען אויף זיי רשעות, אונ אום איינצושטיללען די איינציגע מיילער איז אגריפּוס געווען געצוואונגען. די שוועסטער נאך אמאל חתונה צו מאכען מיט דעם קעניג פון ציליציען, פּאלעמאן, וועלכער האט זיך צוליעב איהר מתגייר געווען.

אויף אגריפּוס'ס גליקק איז דאס פּאר פּאלק גאר אין קורצען זיך צוגאנגען אונ בּירניקה האט זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים אויף שטענדיג. אגריפּוס האט אבגעלעבט אונ זיך שוין קיין מאל ניט געשיידט מיט דער קלוגער שוועסטער.

וועספּאסיאנוס איז ניט געווען שטארק צופריעדען מיט בּירניקה'ס פּלאן, צו נעהמען די אונגעהאַרזאמע פעסטונג מיט איהרע הייססע ווערטער אונ „שאנקייט" — דעם צווייטען תנאי האט וועספּאסיאן הויך ניט ארויסגעזאגט, נור געקלעהרט אין זיך, אנקוקענדיג מיט פערגעניגען די התלהבות פון דער פיינער יודישער פּרינצעססין. פונדעסטוועגען האט ער ענדליך אויך מסכים געווען דערויף.

— קאסטאבארס פסק אונ היינטיגע שטיינער פון די ארמאטען, וועלען נאך צוגעבען דעם שאנעם שלאנג מעהר חן אַן די בונטאוּציקעס'ס אויגען — האט וועספּאסיאן מיט א שמייכעל געזאגט, ווען בּירניקה איז ארוים פון זיין פּאלאטקע.

אויף מארגען איז ווירקליך געשעהען דאס וואס בּירניקה האט פארגעזאגט. אויף וועספּאסיאנוס'ס בעפעהל האט דער רוימישער מוזיקאנט געגעבען א סיגנאל דעם יודישען אנפיהרער, ער זאלל ארויסגעהען אויף דעם מויער. אז יוסף פלאוויוס איז געקומען אויף דעם סיגנאל, האט איהם א רוימישער אפיציר צו וויססען געגעבען אז די יודישע מלכה אונ פּרינצעססין בּירניקה וויל זאגען יותפת'ס לייט א פּאר ווערטער — דברי שלום ואמת — אונ דעריבער פערלאנגט זי אז יוסף פלאוויוס זאלל מודיע זיין אין יותפת, אללע איינוואהנער, סיי מאננער, סיי ווייבער אונ קינדער, זיי זאללען ארויסגעהען אויף די טהורמס אדער די שטאדט-טהויערען אויסצוהערען איהר דרשה. זי איז אויך מודיע דעם עולם. אז די רוימער וועללען ניט בעגלייטען דעם יודישען מלך'ס שוועסטער, ווענן זי וועט געהן ריידען מיט איהרע יודישע בריעדער. אונ אויב די רוימישע אפיצירען וועללען שטעהען ניט ווייט פון איהר, כדי צו הערען איהרע פריינדליכע ווערטער צו דעם ליעבען יודישען פאלק, וועללען זיי אויך קוממען אהן געוואהר. אויסערדעם האט דער רוימישער אפיציר דערלאנגט דעם יודישען אנפיהרער, דורך דעם שפּיץ פון צוויי צוזאממענגעבונדענע פיקעס בּירניקה'ס איינגעהאנדיגען בריעף, אין וועלכעם זי בעט, מען זאלל איהר ניט אבזאגען די טובה אונ קוממען הערען איהרע פריינדליכע ווארטער, דברי שלום ואמת...

יוסף פלאוויוס האט די מינוט איבערגעלייענט איהר בריעף.

קיינער, אויססער בּירניקה'ן אליין אונ איהר ברודער אגריפּוס האט ניט געוואוסט פון דעם פייער, וועלכער טלעעט זיך ביי „דעם געלען" צו דער שאנער יודישער

פְּרִינְצֶעסִין אוּנ דְרִיבֶּער אִיז אויך גֶעוֶוען קָשֶׁה פִיר אַללֶעמֶען, וָואס דֶער יוּדִישֶׁער אַנפִיהְרֶער הָאט זִיךְ אַזוי שְׁנֶעלל בֶּעשְׁלָאססֶען מְמַלֵא צוּ זַיין בִּירִינִיקָה'ס רָצוֹן.

נִיט לַאנְג טְרַאכְטֶענְדִיג אִיז ,ער אַרָאבּ צוּרִיק אִין פֶעסְטוּנְג אוּנ דִי מִינוּט גֶעהֵייסֶען אֶפפֶענֶען דִי טְהוֹיעֶרֶען. אִין אַ קוּרְצֶע צֵייט אַרוּם הָאבֶען זִיךְ פוּן דָארְטֶען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שִׁיטֶען אַללֶע אַיינְוואוֹהְנֶער, אוּנ אויף דִי מוֹיעֶרֶען זַיינֶען נוּר גֶעבְּלִיבֶּען דִי אַלְטֶע לַייט, וֶועלכֶע טוֹיגֶען שׁוֹין נִיט אויף אַ מִלְחָמָה, אוּנ דִי ווַייבֶּער מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אִין דֶער זֶעלְבֶּער צֵייט אִיז פוּן רוּמִ'ס לַאגֶער אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען בִּירִינִיקָה אָנְגֶעטְהוּן אִין שְׁוַוארְצֶען, הִינְטֶער אִיהר, עֶרְווַייטֶערְט אויף אַ שְׁטִיקְק וֶועגְס, זַיינֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי אַנְפִיהְרֶער'ס פוּן רוֹימִישֶׁען מִילִיטֶאר. דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען טִיטוּס, דֶער אַנְפִיהְרֶער פוּן דֶעם פוּפְצֶעהְנְטֶען לֶעגְיָאן, בִּירִינִיקָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען כִּמְעַט בִּיז צוּם פְרָאנְט פוּן דִי יוּדִישֶׁע רֵייהֶעם, אִיהר גֶעזִיכְט אִיז גֶעוֶוען בֶּעגַייסְטֶערְט, דִי בְּלַאססֶע בַּאקְקֶען הָאבֶּען אָבֶּער אַללֶעמֶען גֶעזָאגְט, אַז בַּיי דֶער הֶעלְדִישֶׁער פְרוֹי אִיז דָאס הַארְץ זֶעהְר אוּנְרוּהִיג.

דִי רוֹימִישֶׁע אַנְפִיהְרֶער הָאבֶּען גֶעהַאלְטֶען וָוארְט, זֵיי זַיינֶען גֶעקוּמֶען אָהן גֶעוֶואהר אוּנ שְׁטֶעהֶען גֶעבְּלִיבֶּען אויף אַ גֶעווִיססֶער שְׁטְרֶעקְקֶע פוּן דִי יוּדֶען.

— שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם! יוּדִישֶׁע מֶאנֶער, ווַייבֶּער אוּנ קִינְדֶער! — הָאט אָנְגֶעהוֹי'בֶּען בִּירִינִיקָה מִיט אַ לַייכְט צִיטְטֶערֶענְדֶען קוֹל — אִיהר קֶענְנְט דָאךְ מִיךְ, אִיךְ בִּין דִי זֶעלְבִּיגֶע יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער וָואס אִיהר (אוּנ זִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי אוֹיגֶען אויף דִי מוֹיעֶרֶען פוּן יוֹהֶפֶ'ס, וואוּ סְ'זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי פְרוֹיעֶן) וָואס שְׁטֶעהְט דָארְטֶען אוֹיבֶּען כְ'בִּין גֶעבָּאהְרֶען אוּנ אוֹיסְגֶעוַואקְסֶען צְווִישֶׁען אַייךְ. מַיין גְלוֹיבֶּען אִיז אַייֶער גְלוֹיבֶּען דָאס אִיז דִי אֱמוּנָה פוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ, אַייֶער גָאטט אִיז מַיין גָאטט, דֶער גָאטט פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק אוּנ יַעֲקֹב, כְ'בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ מִיט פְרַיינְדְלִיכֶע וֶוארְטֶער — דִבְרֵי שָׁלוֹם וֶאֱמֶת — הֶערְט זֶע מִיךְ אוֹיס...

וָואס הָאט אַייךְ גֶעבְּרַאכְט אַ הֶער? וָואס הָאט אַייךְ גֶעצְוואוּנְגֶען אִיהר זָאללְט אוֹיפְהוֹיבֶּען אַייֶער הַאנְד אוּנ גֶעוֶואהְר גֶעגֶען רוֹם אוּנ אִיהר קֵיסָר? ווַייל דֶער רוֹימִישֶׁער אַנְפִיהְרֶער פְלָאר הָאט אַייךְ בֶּעלֵיידִיגְט, גֶעדְרִיקְקְט אוּנ אַכְזָרִישׁ גֶעפַּיינִיגְט? פְלָאר אִיז דָאךְ אָבֶּער שׁוֹין לַאנְג נִיט דָא, עֶר אִיז שׁוֹין גֶענוּג בֶּעשְׁטְרָאפְט פַאר זַיינֶע חֲטָאִים פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען נִירוֹן-קֵיסָר, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען אַייֶער שָׁאדֶען, פַאר אַייךְ אִיז דָאס אָבֶּער וֶוענִיג, אִיהר בֶּענוּגֶענְט זִיךְ נִיט דֶערְמִיט וָואס אִיהר זַייט פָּטוּר גֶעוָוארֶען פְלָארֶען, נוּר אִיהר ווִילְלְט אויךְ אַרָאבְּוַוארְפֶען פוּן זִיךְ דֶעם גַאנְצֶען יָאךְ פוּן רוֹימְס מֶמְשָׁלָה, אִיהר ווִילְלְט וֶוערֶען פְרַייֶע מֶענְשֶׁען...

אָה, יוּדֶען! אִיהר הָאט זִיךְ פֶערְשְׁפֶּעטִיגְט מִיט אַייֶער רָצוֹן, דִי פְרַייהַייט אִיז שׁוֹין נִיט פַאר אַייךְ. פְרִיהֶער, וֶוענְן אִיהר זַייט נָאךְ גֶעוֶוען פְרַייֶע מֶענְשֶׁען, זַייט אִיהר מְחוּיָב גֶעוֶוען אַלֶעס אָנְצוּוֶוענְדֶען אַבִּי נוּר דִי פְרַייהַייט נִיט צוּ פֶערְלִיעֶרֶען, הַיינְט

אָבער איז שוין צו שפעט. די פרייהייט צוריק צו כאפען, אז זי לויפט איין מאל אוועק קומט זי ניט מעהר צוריק...

באמאלס, ווען פאמפעאוס איז צום ערשטען מאל אריין מיט זיינע לעגיאָנען אין ירושלים, אט דעמאלס איז געווען צייט זיך צו הרגענען איבער די פרייהייט, איהר האט אָבער דעמאלס געשוויגען, כ'מיין ניט גראדע אייך, נור גאנץ יהודה — אונזערע זיידעס מיט זייערע מלכים, זיי זיינען דעמאלס געווען שטארקער און רייכער פאר אונז, פונדעסטוועגען האבען זיי זיך גאר ניט געקאנט העלפען געגען די רוימישע לומפיגע עטליכע לעגיאָנען היינט אָבער זעהט וואס דא טהוט זיך — און זי האט אויסגעשטרעקט די האנד צום רוימישען לאגער — דאס איז נאך ערשט איין קווארט וואסער פון דעם גרויסען ים מיליטאר, וואס רוים פערמאגט, שטרייטען קענען די בעזיעגער פון דער גאנצער וועלט.

— איז א משוגעת — נאך מעהר ווי א משוגעת — ס'איז גלאט א עבירה צו געהען געגען גאטס ווילען, יא, גאנץ געוויסס, שפארט זיך ניט מיט מיר און הערט מיך בעססער אוים!

בירניקה האט אויפגעהויבען די האנד צום הימעל.

— אה, גאטט, אדוני! — האט זי געשריען אויפ'ן הויכען קול — האב רחמנות אויף די פערבלאנדטע מענשען!

הערט מיך אוים, יודען!... דערמאנט אייך נור עללאדאס מפלה.

ס'זיינען א מאל געווען גבורים אין אתונא, וואס קיין ממשלה איז ניט געווען אים שטאנד זיי איינצונעהמען, די זעלביגע גבורים פון אתונא. וועלכע האבען צוליעב די פרייהייט פון עללאדא אליין פערבראנדט זייער הויפט-שטאדט מיט איהרע פאלאצען און טעמפעלן, די דאזיגע גבורים, וועלכע האבען דעם שטארקסטען פון אללע קיסרים אין דער וועלט, דעם שטאלצען מושל פון מזרח דעם גרויסען מלך כרש, וועלכער איז געפאהרען אויף זיינע שיפפען אין דער טרוקענעם, ווייל דער ים איז געווען צו שמאל פאר זיינע שיפפען, און איירופא צו קליין פאר זיין מיליטאר — אט דעם כרשן האבען די גריכעשע גבורים מנצח געווען אויף א קליינעם אינזעל צושמעטטערט די גראססטע מלוכה פון דער וועלט, און דעם מושל אליין, כרשן, וועלכער האט זיך קוים געראטעוועט אויף א קליינער לאדקע, האבען זיי נאכגעיאגט, גלייך ווי א פערסמטען וואלף, און די גריעכישע העלדען, די וועלט-גבורים זיינען היינט רוים'ס אונטערטהאנער, און זייער בעריהמטע הויפט-שטאדט, וועלכע האט א מאל בעשיינט די שטארקע עללאדא, איז ביי נירון קיסר אין די האנד.

דעם זעלבען סוף האט געהאט דאס גאנצע גריעכישע מיליטאר, וועלכע האט זיך אין כרש צייטען גערעכענט אויף מיליאנען, אלץ האט זיך געמוזט אונטערגעבען דער אייזערנער רוים.

אפילו די איינוואהנער פון מוקדון, וועלכע קענגען נאך אלץ ניט פערגעססען

אין זייער געוועזענעם גרויסען מלך, אלעקסנדר, וואס צו איהם איז אמאל ניט געוועזען קיין גלייכער אין גבורות און אין רייכשאפט, די מוקדון-לייט האבען אויך פערשטאנגען אז אנטקעגען דער נאטור קענען מען ניט געהען, און זיי פאלגען געהארזאם היינטיגע העלדען, וואס דער מזל האט זיי געשטעללט האבער פון אללעמען...

א סך מדינות, אהן א צאהל, וואס שטרעבען ניט ווענינגער ווי מיר יודען צו דער פרייהייט, גיעבען זיך יעטצט אונטער דעם רוימישען אדלער. מיר זיינען נור די איינציגע מענשען וואס האלטען פאר א חרפה צו זיין אונטערטהאניג דער ממשלה, וועלכע האט יעטצט אונטער איהרע פיסס די גאנצע וועלט, פון איין עק ביז דעם צווייטען...

זאגט מיר נור — האט בירניקה ווייטער געצויגען איהרע רייד און שארף אנגעקוקט יוסף פלאוויוסען מיט זיינע מיליטאר, נאכדעם האט זי אויפגעהויבען די אויגען און די האנד צו די ווייבער פון יותפת, וועלכע זיינען נאך אלץ געשטאנגען אויף די מויערען — זאגט מיר נור, אויף וואס קוקענדיג ווילט איהר קליינע שוואכע קינדער הויבען א האנד אויף דעם וועלטליכען ריז. איהר פערלאזט זיך אפשר אויף אייער מיליטאר. אויף אייער געוועהר? איהר האט אפשר א רייכען פלאט [1], וועלכער וועט פערנעהמען די רוימישע ימים און א צעאנען? אדער אפשר האט איהר בעגראבען ערגיץ אוצרות מיט גאלד און איהר מיינט דורך זייער הילף צו בעזיעגען די רייכע און שטאלציגע רוים? איהר מיינט געוויסס, אז איהר האט צו טהון מיט א מצרים, אדער פוילע ערבער? איהר האט אין דער געשווינדיגקייט געמוזט פערגעססען, וואס דאס הייסט די ממשלה פון רוים? אדער פון גרויסס היטץ ניט מיטגענוממען די מאסס צו מאסטען אייערע אייגענע שוואכקייט און קליינעם ווערט? איהר זעהט דאך אויס אנטקעגען רוים, ווי א פליג געגען א עלעפאנט, ווי א טראפען קאלט וואססער געגען די רוישענדע חוואליעס פון ים הגדול!

איהר האט דאך שוין פרובירט ניט איין מאל בעזיגט צו ווערען פון אונזערע שכנים, אונזערע שכנים! אויך מיר מענשען! און וואס פאר א ווערט האבען זיי געגען רוים, וועלכע איז מנצח איבעראלל און פונדעסטוועגען ווערד ביי איהר וואס אמאל דער אפעטיט גרעססער און זי געהט אלץ ווייטער און ווייטער...

אין מזרח און מערב, צפון און דרום, אלץ איז פאר זיי ווייניג, ווי אדלערס פליעהען זיי איבער מדבריות, טייכען און ימים, ניט דא א ווינקעל וועלט וואו זייערע לעגיאנען זיינען שוין ניט אויסגעווען. זיי האבען אפילו געטראפפען פון יענער זייט אצעאן, דארטען האבען זיי אויפגעזוכט נייע וועלטען, נייע לאנדער, נייע מדינות און דערגרייכט ביז די פינסטערע בריטאניער...

וועספאסיאנוס מיט זיינע אדלערס האבען געטראפפען דעם שווערען וועג אויך...

[1] פלאט — א געוויססער צאהל קריעגס-שיפפען, וואס געהען אויפען ים אונטער איין קאמאנדא.

און דעם וועספאסיאנוסעס פליעהען ווילל אבשטעללען די ארעמע שוואכע יותפת!

— אה, יודען, יודען! — האט מיט הארץ הייסס געשריען בירניקה — פאר וואס פערגעססט איהר וואו און ווער איהר זייט? מיט עשירות שטעהט איהר ניט האבער פון די גאללען, מיט גבורה פון די גערמאניער, מיט שכל פון די גריעכען, און מעהר סאלדאטען ווי די גאנצע וועלט, האט איהר דאך געוויסס ניט, צו וואס-זשע ווילט איהר?

אה, ארעמע, ארעמע ברידער מיינע! אויף וואס פערלאזט איהר זיך? פון וואנען נעהמט זיך ביי אייך אזא משוגעת מורד צו זיין אן רוים. איהר זאגט ס'איז שווער צו זיין א פערקויפטער קנעכט? וואס זאללען שוין אבער זאגען די גריעכען, וועלכע האבען נאך ניט לאנג געקלונגען אין דער וועלט פאר די קלינגסטע, עדעלסטע און געבילדעטסטע נאציאן פון דער וועלט און זיי זיינען דאך יא געוועזען בעלי בתים איבער די גרויסטע און ברייטע עללאדא? פונדעסטוועגען בייגען זיי היינט שטילל דעם רוקען פאר רוימער סאלדאטען. דאס זעלבע זאך איז מיט די מוקדון-לייט, וועלכע לאזען אויך אראב געהארזאם דעם קאפף, אבוואהל זיי האבען מעהר רעכט צו פאר-דערען די פרייהייט ווי איהר, און די פינף הונדערט שטאדט פון אזיען בעקלאגען זיך דענן אויף רוים, וואס זי האט צוגענומען פון זיי די פרייהייט און האט דארטען אריינגעזעטצט איהרע מענשען?

די גאנצע וועלט טראגט רוהיג דעם שווערען יאך, אללע צאהלען געהארזאם צינזען (פאדאטקעס) און איין יהודה קענן און ווילל ניט... אה, אדוני, מאך די בלינדע זעהענדיג!

— כ'האב אייך נאך ניט אלץ געזאגט, מיין ארעם פאלק! — האט בירניקה אויסגעשריעי שוין מיט א געוויין, ס'איז גאר ניט קיין מאגליכע זאך צו איבערגעבען מיט ווערטער אלץ, וואס רוים האט שוין בעזיגט. ס'זיינען נאך דא הונדערטער קליינע און גרויסע מדינות, וואס האבען זיך פרייוויללינ אונטערגעגעבען רוים און זיי פאללט גאר ניט איין זיך צו שטעללען געגען די בייזע און שטארקע גבורים. איך האב אייך נור געוואללט בעמערקען, ברידער אז די אייזערנע, שטארקע לעגיאנען שטעהען יעטצט פאר יותפת.

בירניקה האט זיך מיט א כונה אומגעקוקט אויף דעם רוימישען לאגער. איהרע אויגען האבען זיך געטראפפען מיט טיטוסעס בליק, וועלכער איז געשטאנען הויבען אן, צוזאממען מיט דעם אנפיהרער טיבעריוס, וועלכער האט פערשטאנען לשון-קדש, און ער האט טיטוסען איבערזעטצט די וויכטיגע ווערטער פון בירניקה'ס רעדע. טיטוסעס אויגען האבען זיך אנגעצויגען פון ענטציקונג.

אין דער מינוט האט ער פערגעססען אן דער מלחמה און זיינע גאנצע רעיונות זיינען נאר געוועזען פערטיעפט אין דער שאנער, יודישער פרינצעססין, וועלכע האט וויטער הויך געדרשהעט:

— איין נאציאן האט ווירקליך געמאנט האבען די העזה פארצוטרעטען געגען רוים, דאס זיינען געוועזען די גאללען וועלכע זיינען אמאל אריינגעלאפען אין רוים מיט דעם געשריי:

„וועה צו די בעזיעגטען!“ די גאללען האבען זיך געמאנט פערלאזען אויף די נאטור אלליין, וועלכע האט זיי ווי בעהיט פון אללע זייטען. אין מזרח בעשיטצען זיי די הויכע אלפען-בארג, אין צפון-זייט, דער טייך ריין, אין דרום-זייט די פירינעאישע בארג און אין מערב-זייט דער גרויסער אצעאן. נור אויסער די נאטירליכע פעסטונגען האבען זיי ביי זיך איבער דריי הונדערט פאלקער און מיט די רייכע פירות און מעטאללען פון זייער לאנד קענען זיי פערפלייצען די גאנצע וועלט. פונדעסטוועגען הייבען זיי ניט אויף דעם קאפף און צאהלען געהעריג זייערע צינזען אין דער רוימישער קאססא, און זיי ליידען ניט דעם יאך ווייל זיי זיינען געבאהרענע עבדים, אדער שוואכע מענשען, ניין, אכטצעהן יאהר האבען זיי ניט אויפגעהערט מלחמה צו האלטען פאר די פרייהייט, יעטצט אבער האבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען, ווייל זי שרעקט מעהר איבער רוימס גליקק ווי גבורה.

יא, רוים האט אפשר מעהר גליקק, ווי שכל, און איהר העלפט אפשר מעהר די בלינדע הצלחה ווי די שטארקע געוואהר. איז דענן עס ניט א הצלחה-זאך אז 1260 רוימישע סאלדאטען פיהרען די ממשלה אין גאללען-לאנד, וועלכע האט אין איין שטאדט מעהר מענשען ווי דאס ביסול רוימישע מיליטאר. אנטקעגען זייער הצלחה העלפט ניט דעם שונא׳ם געלד, גבורות און בילדונג.

ווער פון אייך האט דענן ניט געהערט פון דער גרויסער גערמאנישער נאציאן. זייער פיזישע קראפט און העלדישען וואוקס האט איהר אפט געקאנט בעטראכטען, ווייל די רוימער האבען אומעדום געפאנגענע פון דער נאציאן. זיי בעוואהנען גרויסע לאנדער מיט וואלדער און עביגע זומפען...

נאך האכער פון דעם וואוקס איז ביי זיי דער שטאלץ! זיי האבען א בעזונדערן כח צום שטארבען און ווענן ס׳קוממט זיי אן דער כעס ווערען זיי ווילדער פון חיות רעות... און פונדעסטוועגען האבען די ווילדע גבורים אויך ניט געקאנט ביישטעהען געגען אכט רוימישע לעגיאנען. די געפאנגענע גערמאניער-לייט זיינען פערקויפט געווארען פאר עביגע עבדים און די גראססטע טייל פון זיי האט קוים דאס לעבען געראטעוועט ענטלויפענדיג...

אך. ווענן איהר וואללט געקעננט זעהען מיט אייערע אויגען די הויפט-שטאדט פון בריטאניען, וואללט איהר ערשט דאמאלס פערשטאנען ווי פאלש איז אייער האפנונג אויף די שוואכע וואנד פון יותפת און ירושלים!...

די בריטאנישע שטאדט זיינען בעשיטצט פון אללע זייטען מיט דעם גרויסען אצעאן, און זייער אינזעל, אויף וועלכעם זיי וואהנען איז דריי מאל גראססער און ברייטער ווי גאנץ יהודה...

ווי כ'האב אייך פריהער געזאגט איז דארטען אהינגעפלויגען וועספאסיאנוס מיט זיינע אדלערן אויף א פערטיגע זאך און כמעט אהן מיה בעזיגט, היינט פאססען אויף ניט מעהר ווי פיער לעגיאנען דעם גרויססען אינזעל פון די בריטאנער, וואס זיינען אהן א צאהל...

בעדארפט איהר דענן נאך משלים! ס'איז גענוג א אויג צו ווארפען אויף רוים אדער איבערהויפט אין איטאליען און צו זעהען ווי די מלכים פון מזרח און פון מערב פערגעססען זייער גדלות און שאמען זיך ניט צו טהון אלץ, וואס רוים פערלאנגט פון זיי.

און דעמאלס, ווען כמעט אללע פעלקער פון דער וועלט בייגען איין געהאר־זאם דעם קאפף פאר רוימס מאכט און גליקק. ווילט איהר אליין זיין א אויסנאהמע און פיהרען א נארישע מלחמה, וועלכע פיהרט ניט צו קיין גוטס.

עמון, מואב, צדון, מיט איין ווארט אללע גרויססע און קליינע מדינות האבען זיך אונטערגעגעבען, נור איהר אליין ווילט זיך אומגליקקליך מאכען און זיך רייצען מיט דעם שטארקען לייב.

בירניקה האט זיך א ווייליע אבגעשטעללט. זי האט צוגעקוקט וואס פאר א גרויססען רושם איהרע ווערטער האבען געמאכט אויף די צו הערער.

— אך, יודען! — האט זי א געשריי געגעבען מיט די לעטצטע כוחות, ווייל זי איז שוין אלליין שוואך געווארען פון דער לאנגער דרשה — וואס פאר א ווערט קענן האבען אייער מיליטאר געגען די גאנצע וועלט. וועמען קענט איהר דענן נעהמען אין שותפות צו זיך געגען רוים? אויסער אויב איהר וועט זוכען אונטער דער ערד, ווייל דא אויף דער וועלט געהערט שוין אלץ צו רוים.

— אין גאטט! דער גאטט פון אברהם יצחק און יעקב! — האט זיך אבגערופען א אלטער מאנן פון פעסטונג.

— גאטט! — האט ביטער אויסגעשריען בירניקה — גאטט, זאגט איהר, ער האלט דאך אבער אויך מיט זייער זייט, אהן זיין ווילען וואללט רוים ניט געהאט אזא בייזע הצלחה.

און פערלאנגט דענן גאטט פון אייך מלחמה. אומגעקעהרט, דערמיט דער־ביזערט איהר איהם דאך נאך מעהר, ווייל איהר געהט געגען זיין רצון, בעטראכט נור גוט וואס איהר רעדט, קענן דענן א יוד עהרליך האלטען זיין תורה און זיין אמונה אז דער קאפף ליעגט איהם תמיד אין מלחמה? און אויב איהר וועט וועללען עהרליך האלטען אונזער שבת. וועט דאך דער שונא בענוטצען די געלעגענהייט און דעמאלס אויף אייך עקסטרא בעפאללען נאך מיט מעהר רציחה. און צוליעב די מלחמה ניט האלטען עהרליך שבת הייססט דאך גאטט אויך. זאללען מיר נור גוט פערשטעהען וועגען וואס געהט אייך אייגענטליך...

איהר ווילט הייליג אבהיטען די תורה פון אייערע אבות, זעהער שאן. ווי אזוי

אָבֶער קֶענְט אִיהר זִיךְ פֶערלָאזֶען אויף גָאטט אַז אִיהר גֶעהְט שוין מִיט אַ כַּוָנָה נִיט הִיטֶען זַיין גֶעבָאט און מְחַלֵל זַיין שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָה.

גֶעוֶואהְנְלִיךְ הויבְּט מֶען אָן אַ מִלְחָמָה מִיט אַ בִּטָחוֹן צוּ אַ גָאטט, אָדֶער מִיט אַ הָאפפְנוּנְג אויף אֵייגֶענֶע קְרֶאפטֶען, אויף מֶענְשְׁלִיכֶע הִילְף. אוּנְזֶער יוּדֶען אָבֶער הָאבֶּען דָאךְ פֶערְלָאהְרֶען בֵּיידֶע הָאפפְנוּנְגֶען, גָאטט הָאט אַייךְ פֶערלָאזֶען און אַייעֶרֶע שְׁוַואכֶע סָאלְדַאטֶען אִיז נִיט שְׁוֶער אִיבֶּערצוּצָאהְלֶען. צוּ וֶועמֶען אַלְזָא הָאפפְט אִיהר, אָרֶעמֶע יוּדֶען! בִּיטֶטֶער אִיז אַייֶער מַזָל אִיהר וֶועט נִיט מַיידֶען אַייֶער אוּמְגְלִיק... זֶעהְט בֶּעסֶער, אַזוֹי לַאנְג וִוי סְ'אִיז נָאךְ צַייט צוּ טְרָאגֶען אַייעֶרֶע שְׁוֶוערְטֶען דָארְטֶען...— און זִי הָאט אָנְגֶעוִויזֶען מִיט דֶער הַאנְד אויף דִי מוֹיֶערֶען פוּן דֶער פֶעסְטוּנְג — און מַאכֶען אַ סוֹף מִיט אַייעֶרֶע ווַייבֶּער און קִינְדֶער, כְּדֵי דֶער שׂוֹנֵא זָאלל זֵיי נִיט פֶּערקויפֶען פַאר קְנֶעכְט, וֶוענְן אִיהר וֶועט צוּ מַאכֶען דִי אויגֶען...

דִי מוֹיֶערֶען פוּן דֶער פֶעסְטוּנְג הָאבֶּען גֶעקְלוּנְגֶען פוּן יוּדִישֶׁע יָאמֶמֶערְס און קְלָאגֶען...

VIII.

דִי גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה.

דָאס אִיז דָאךְ אַ דָבָר יָדוּעַ, אַז קֵיין פָאלְק אִין דֶער וֶועלְט, זָאגַאר פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מֶמְשָׁלוֹת, הָאט נִיט בֶּעוִויזֶען אַזוֹי פִיעל גְבוּרָה און שְׁטַארְקַייט, וִוי אוּנְזֶערֶע יוּדֶען וֶוענְן זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶועזֶען אִין זַייעֶר לַאנְד. בִּירִינִיקָה, וִוי אַ יוּדִישׁ קִינְד הָאט עֶס אויךְ בֶּעדַארְפְט דֶערְפוּן צוּ ווִיסֶען.

זִי הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעמַאכְט נִיט וִויסֶענְדִיג, אָדֶער אֶפְשַׁר אִין אֱמֶתֶען נִיט גֶעוואוּסְט, ווַייל רוֹים הָאט אִיהר אַלֶץ אַרוֹיסְגֶעשְׁלָאגֶען פוּן זִכָּרוֹן.

זִינְט דִי יוּדִישֶׁע פְּרִינְצֶעסִין אִיז גֶעוֶועזֶען אִין רוֹים און מִיט אֵייגֶענֶע אויגֶען אָנְגֶעקוּקְט אִיהרֶע עֲשִׁירוּת, אִיהרֶע טֶעמְפֶּעלֶען, פַּאלַאצֶען און צִירְקֶען, זַיינֶען אִיהרֶע אויגֶען פֶערְבְּלֶאנְדְט גֶעווָארֶען מִיט רוֹימְס גַדְלוּת און בִּירִינִיקָה הָאט פֶערְגֶעסֶען שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ'ס קְלוּגֶע וֶוערְטֶער, אַז „הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל" גָאלְד און זִילְבֶּער דוֹיעֶרֶען נִיט עֶבִּיג נוּר ווַאנְדֶערֶען אַרִיבֶּער פוּן אֵיין בַּעַל הַבַּיִת צוּם צְווייטֶען.

— אָה, פְּרִינְצֶעסִין! צִיצֶערָאנְס גֵייסְט מוּז זִיךְ יֶעטְצְט ווַארְפֶען אִין קֶבֶר פוּן קִנְאָה! — הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען טִיטוּס מִיט אַ נֵייג, וֶוענְן בִּירִינִיקָה אִיז אוּנְמוּטִיג פַארְבֵּייגֶעגַאנְגֶען פַארְבַּיי אִיהם, מִיט אַרָאבְּגֶעלָאזֶענֶעם קָאפּ. נָאכְדֶעם, וֶוענְן זִי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיהר לַאנְגֶע רֶעדֶע.

— גיין, וועספאסיאנוסעס זוהן, א טעות! — האט די יודישע פרינצעססין האַרט געאנטווערט — אלץ איז פערלאהרען, יהודה איז אויך פערלאהרען...

יותפת'ס לייט זענען ווענינ וואס געווארען ווייבער פון מיין רעדע.

— אדיע, יהודה, אדיע מיין קאניגרייך! — האבען איהרע ליפפען שטילל געמור־מעלט, ווענן זי איז בלאססערהייט מיט פלאמענדע אויגען אבריין צוריק אין לאגער, אונ די רוימישע אנפיהרער האבען זי ארומגערינגעלט מיט ענטציקקונג — די יודען האבען ניט געוואללט האָרען זייער פרינצעססין... היט דיך יותפת!

געוועהנליך האט יותפת ניט געקעננט אויסשטעהען געגען די רוימישע לעגיאנען אונ מיליטאר, אזוי ווי ס'האט סוף כל סוף ניט געקעננט בייששטעהען גאנץ יהודה מיט דער הויפטשטאדט ירושלים.

יוסף פלאוויוס האט עס גאנץ גוט געוואוסט, נאך אפשר בעססער ווי אללע אנדערע, מיט זיין גרויסער בילדונג מיט דעם שארפען שכל פון א דיפלאמאט אונ מיט דער זיכערער נביאות פון א היסטאריקער, וועלכער איז דורך זיין חכמה אונ אויף דעם גרונד פון דעם שיקזאל פון אנדערע מלוכות אונ ממשלות געקוממען צו דער איבערצייגונג, אז רוים האט יעטצט ערגרייכט די גראססטע מדרגה אונ זי וועט זיך ניט איינרוהיגען ביז די וויעדער שפענסטיגע יהודה וועט אויך ליעגען אונטער איהרע פיסס.

האט יוסיפון וואהל פערשטאנגען אז ער פיהרט א אומזיסטע מלחמה מיט רוים. סיי ווי סיי קענן ער ניט אויספיהרען. ער איז אבער שוין צו פיעל אריינגעקראכען אונ דאס יודישע פאלק האט געהאט צו איהם אזא צוטרויען, גאנץ יהודה האט זיך אזוי פערלאזען אויף איהם, אז גאר דער קלוגער יוסיפון איז געווען געצוואונגען אוועק צולייגען די חקירות אן א זייט אונ יעטצט אנווענדען אללע פעהיגקייטען פון זיין שארפע־שכל אין דער גרויסער קריעגספראקטיקא דערויף, די מלחמה זאלל געדויערען וואס לאנגער אונ אויב ס'איז יודען שוין ניט בעשערט צו בעזיגען, זאללען זיי ווענינגסטענס שטארבען ווי גבורים אונ ביז דעם לעטצטען בלוטסטראפפען זיך באנגלען מיט דעם שטארקען שונא. אונ צוליעב דעם צוועק האט זיך יוסיפון מיט זיינע מענשען געזעטצט אין דער שטארקסטען פעסטונג פון גליל.

„— יותפת — דערצעהלט יוסיפון אלליין אין זיין ספר: „מלחמות היהודים" —
„ליעגט כמעט אין גאנצען אויף א שפיטציגען בארג שטיינער: רינגס ארום זיינען דא
„אזעלכע טיעפע אבגרונדען, אז די אויג ווערד מיעד אויסצוהאלטען דעם בליקק ביזן
„סוף פון אבגרונד. נור פון צפון זייט, בארג אראב איז מעגליך אריינצוקוממען אין
„שטאדט; אונ דער איינציגער איינגאנג איז אויך געווען ארומגערינגעלט מיט הויכע
„מויערען, כדי דער שונא זאלל ניט קעננען צו קוממען אויף דעם שפיץ בארג, אונ די
„אנדערע בארג ארום יותפת פערשטעללען די פעסטונג, אז מען זעהט זי ניט ארום
פון דערוויטענס".

די אַללע זאכען האבען גוט געשטאכען אין די אויגען וועספּאַסיאַנען און זיין זוהן טיטוס, ווען זיי פלעגען אַפּט אַרומבייטען די פעסטונג יותפת.

בירניקה איז פון גרויס חרפּה, וואס איהר זעלטען געלונגענע רעדע האט ניט געמאכט קיין רושם אויף די יודישע עקשנות גלייך געגאנגען צו זיך אין פּאַלאַטקע, כדי דאַרטען זיך אויסצוויינען דאס הארץ. זי האט מיט כונה אויסגעמיידט וועספּאַסיאַנען, וועלבער האט יעטצט איראניש געפרעגט דעם שרעקליך אויפגערעגטען זוהן:

— נו טיטוס, וואס האט אויפגעטהון דיין פּרינצעססין אין יותפת.

פון איהר שאן קולבעל זענען די מויערען פון פעסטונג ניט איינגעפאַללען, גלייך ווי א מאל, לויט די יודישע ערצאהלונגען, זענען יריחום טויערען איינגעזונקען אין דער ערד פון איין בלאז מיט דעם שופר.

— איך וואונדער מיך ווירקליך, פאטער, האט מיט היטץ און רעשפּעקט געאנטווערט טיטוס — ווי אזוי האבען היינט אויסגעהאַלטען די שטיינערנע פעסטונגען פון יותפת די ריהרענדע רעדע פון דער פּרינצעססין מען ערצעהלט דאך אז ביי אונז זענען די שטיינערנע קאפּ פון אונזערע סענאטארען אַניעדערגעפאַללען פאר ציצעראָנס איין געשריי.

— דו האסט דענן פערשטאנען וואס זי האט געזאגט — האט דער אלטער אַנפיהרער געפרעגט — זי האט דענן גערעדט אויף אונזער לשון?

— ניין! בירניקה האט גערעדט יודיש, געבען מיר איז אבער געשטאנען דער עדעלער טראַיאַן, וועלבער פערשטעהט ניט ווענינער די יודישע שפּראך. ווי זיין מוטטער שפּראך — שפּאניש.

די יודישע פּרינצעססין האט גערעדט זעהער לאַנגזאם און מיין שכן האט מיר איבערגעזעטצט איהר רעדע וואָרט אין וואָרט.

— און וואס האט זי גערעדט? — האט שוין ערנסט געפרעגט וועספּאַסיאַנוס.

— בירניקהס רעדע, פאטער איז א גרויסער שבח צו רוימס גדלות — האט מיט היטץ געאנטווארט דער יונגער העלד — איהרע ווארטער זענען ווערט אויסגעקריצט צו זיין מיט גאלדענע בוכשטאבען אויף קופערנע לוחות און אויסגעשטעללט צו ווערען אין רוימס גאססען און שפּאציערארטער. זי האט קינסטליך אבגעשילדערט מיט גאטליכע ווארטער די גרויססע רוימישע געשיכטע וועלכע איז בעשפּריצט מיט בלוטיגען פּורפּור.

— טיטוס! טיטוס! דו ביסט נאך גאר א יונגעל — האט קאלט געאנטווארט וועספּאַסיאַנוס — רוים קענן זיך בעגעהען אהן בירניקהס שבחים! — נור לויט ווי איך זעה האבען איהרע ווארטער געמאכט א קלענערען רושם אויף די יודען ווי נעפּטונס געשריי אויף די חוואליעס פון ים און דעריבער מוזען מיר זיך שטארק געהמען צו בעזיגען די גרויססע און לאנגע עקשנות פון יותפת'ס לייט...

היינט נאך וועלל איך צוזאממענרופען א גרויססע אסיפה פון מיליטאר מענשען אונ ער האט געהאלטען ווארט.

אויף דער אסיפה אין וועספאסיאנוסעס גרוימער פאלאטקע, זענען געווען איינגעלאדען, דער יודישער מלך אגריפוס, דער צווייטער מיט זיין שוועסטער ביריניקה — אנטיכוס דער קיסר פון קאממאקענא, דער ערבישער פירשט מאלך, דער עדעלער אנפיהרער פון רוימישער לעגיאנען, טראיאן, צערעאל אונ טיטוס, דער יונגסטער פון אללע אנפיהרערס.

עהדער ווי די אסיפה האט זיך אנגעהויבען האט וועספאסינוס געפרעגט טראיאנען:

— זאג מיר, עדעלער טיווריוס, זאג אונז די ריינע וואהרהייט ווי געפעללט דיר היינטיגע ריידע פון אונזער חברתה, דער שאנער פרינצעססין.

ביריניקה איז אין דער זעלבער צייט געווען פערטהון אין א ברייטען שמועס מיט דעם יונגען טיטוסען.

— נאך מיין מיינונג, עדעלער פלאוויוס האט דערווייל טיווריוס טראיאן געאנטווערט — איז די יודישע פרינצעססין זעהער אהנליך צו דער אמאליגער קעניגין קלעאפאטרא פון מצרים, זי איז נאך זאגאר פיעל שאנער פאר יענער.

איך רעכען אבער, אז טיטוס וועט זיך ניט בענארישען אזוי ווי אנטאני.[1] ניין, קיין מאל ניט!... וואס אנבעלאנגט אבער היינטיגער ביריניקהס רעדע, מוז איך בעוואונדערען איהר פאליטישען שארפזינן אונ דעם כח, מיט וועלכען זי רעדט!

ביריניקה איז א זעלטענע פרוי - א יקר המציאות, אזא פרוי האט געקענט געבארען ווערען נור ביים יודישען פאלק, וועלכער איז געוועזן אונ בלייבט א ראטזעל פאר דער גאנצער וועלט מיט זיין מאדנער געשיכטע...

איך קען זעהר גוט די געשיכטע פון די יודען א לאנגע צייט האב איך שטודירט זייער שפראך, וועלכע פערמאגט די טייערסטע פאעזיע פון דער וועלט. אין דער פאעזיע שטעקט דער אוצר פון זייער אמונה, אונ איך קען דרייסט זאגען, אז עס איז ניט דא אויף דער גאנצער וועלט נאך אזא פעהיגער פאלק, ווי דאס יודישע.

זאגאר מיר רוימער אונ גריכען שטעהען נאך דיין מיינונג, פריינד טיווריוס, ניעדריגער ווי די יודען? — האט איראניש געפרעגט וועספאסיאנוס.

יא, עדעלער פלאוויוס — האט מיט היטץ געאנטווארט טראיאן — די רוימער שטעהען הויכער פון אללע פעלקער מיט זייער געניע אין מלחמות, מיר זענען גרויססע חשובים ביי מארס אונ בעללאנע, אבער אין רוחניות זאכען איז ניט דא קיין גלייכענס צו די יודען, דאס איז א זעלטענער פאלק.

וועספאסיאנוס איז ניט געווען קיין שטארקער מבין אויף אזעלכע זאכען, וואס

1) קלעאפאטרא — א טאכטער פון דעם מצרימשען מלך, זי האט פערפיהרט דעם רוימישער אנטאני - א משל קעגען ביריניקה מיט טיטוסען.

געהערען צו דער נשמה און דעריבער האט ער נור געגעבען א מאך מיט די פּלייצעס... פון בילדונג האט ער אויך ניט געוואוסט וואס צו זאגען און זיין שכל האט נור געגאלטען אין קאזארמע ביי די פערד פון זיינע לעגיאנען, אבער ניט אין וועלטליכע זאכען.

— עס איז שוין צייט אנצוהויבען אונזער אסיפה — האט ער ענדליך געזאגט און זיך בּרייט צוזעמצט אויף זיין שטוהל.

אללע איבריגע האבען זיך אויך צוזעמצט אויף זייערע ערטער, און בּירניקה האט אויף וועספּאסיאנוס צייכען פערנומען איהר פּלאטץ צווישען איהם און איהר ברודער אגריפּוס.

— מען זאגט אז די שאנע פּרינצעססין — האט זיך וועספּאסיאנוס אבגערופען מיט א קאמפּלעמענט — האט בּעוויזען אין רעדען גראססערע גבורות ווי אונזער בּעריהמטער ציצעראן.

— איך בּין אבער נור געבּליבּען בּיים קאמפּלעמענט, ווייל לײדער האבען מיינע ווארטער וועניג וואס נוטצען געבּראכט — האט בּירניקה געאנטווארט און איהרע בּאקען האבען זיך אנגעצונדען.

— טיטוס, מיין זוהן, דער אנפיהרער פון דעם 15 לעגיאן, דו בּיסט דער יונגסטער צווישען אונז אללעמען, בּעדארפסט דו דער ערשטער ארויסזאגען דיין מיינונג, וואס מיר האבען יעטצט צו טהון מיט יוהפת׳ס עקשנות, נאכדעם ווי מיר האבען זיך צוויי מאל פּרובּירט אומזיסט זי איינצונעהמען — האט וועספּאסיאנוס געפּראגט מיט א רוהיגען אפּיציעללען קול.

דער יונגער אנפיהרער איז צום אנהויב רויט געווארען בּאלד אבער איז ער ווידער געקומען צו זיך.

— מיין מיינונג איז, מיין פאטער און אנפיהרער פון דעם קיסרס לעגיאנען, אז מיר בּעדארפען דא אנצווענדען די זעלבּע מיטטעלן, מיט וועלבּע דו בּיסט פארגע־טרעטטען געגען די אונגעהאריזאממע בּריטאניער — האט טיטוס געזאגט און דער קול האט איהם געציטטערט, ווייל בּירניקה האט איהם שארף אנגעקוקט.

— מיט וועלבּע מיטטעלן מיינסט דו דען? — האט צופריעדען געפּראגט דער פאטער דעם זוהן.

טיטוס האט דורך דער אפּפענער טהיר פון דער פּאלאטקע געקוקט ווייט אויף די מויערען פון יוהפת, פון וועלכע עס האט זיך אבגעשלאגען א שווארצער שאטען געגען דער זון, וואס האט געהאלטען בּיים אונטערגעהען. מיט דער האנד האט ער געוויזען אויף די מויערען און מיט היטץ געזאגט.

מיר דארפען מיט יוהפת האנדלען אזוי ווי זי מיט אונז.

— דאס הייססט א צאהן געגען א צאהן, א אויג געגען א אויג? — האט וועס־פּאסיאנוס געשמייכעלט.

— יא — האט ווייטער געזאגט דער יונגער אנפיהרער — מיר וועללען אויפשטעללען

געגענאיבער זייער וואנד אונזערע א וואנד, און צוזאמענשיטטע א הויפען ערד וועלבע זאלל זיין נאך האבער פאר יותפת'ס מויערען.

וועספאסיאנוסעס געזיכט איז וואס ווייטער געווארען אלץ מעהר אויסגעטערט.

גוט געזאגט — האט ער צופריעדען געשאקעלט מיט'ן קאפ — דו מיינסט אבער טיטוס, אז זיי דארטען וועללען פערלייגען די האנד און שטיללערהייט צוקוקען ווי מיר וועללען בויען וואנד און שיטטען בארג.

יותפת'ס לייט וועללען דאך געוויסס אויך ניט שווייגען און אונזערע מענשען בעשיטטען מיט א האגעל פון פיילען און בלייענע קוילען.

— דערצו איז אויך דא א תרופה, און זי שטאממט טאקי פון דיר מיין פאטער האט נאך מיט מעהר התלהבות געזאגט טיטוס.

— איך געדיינק, ווען דו ביסט צוגעטרעטטען צו דער בריטאנייער גראסטען פעסטונג לאנדיניום האסט דו קינסטליך אויפגעשאטען א וואל און כדי אבצוהיטען די ארבייטער-סאלדאטען, האסט דו געהייסען אריינגראבען איבער דעם וואלל צוויי הויכע קלאצער און איבער זיי אריבערציעהען סכך פון געפלאכטענע הושענות.

וועספאסיאנוס האט זיך פריילין צולאכט און מיט ליעבע אנגעקוקט דעם זוהן.

— ווי כ'זעה, מיין יונגער העלד — האט ער געזאגט און א פונק געגעבען מיט די כיטרע אויגען, וועלכע זענען פערלאפען מיט פעטץ — ביסט דו ניט אומזיסט פון קינדווייז אן נאכגעגאנגען מיינע לעגיאנען, פון די מלחמות האסט דו געכאפט א סך תורות. איך האב דערפון נחת, מעהר האסט דו גאר ניט וואס צו זאגען?

— ניין, פאטער, כ'האב אלץ געזאגט.

— און דיין מיינונג, עדעלער, טיועריוס? — האט וועספאסיאנוס געפרעגט טראיאנען.

— איך שטימם איין אין גאנצען מיט דיין העלדישען זוהנס מיינונג — האט דער רוימער געאנטווארט.

— און דו צעראלוס?

— דיין עדעלער זוהן האט זיך מקדים געווען צוזאגען דאס, וואס איך האב געהאט אין זינען.

— און וואס זאגסט דו, דער הערשער פון דעם שטיינערנעם מדבר? — האט וועספאסיאנוס געפרעגט דעם ערבער.

— מיינע פערד געהמען ניט איין קיין פעסטונגען — האט מאלך געזאגט — אויף פרייען פלאטץ אבער, זיינען אונזערע פערד שטארקער פאר דעם גראסטען [illegible]ינד און זאגאר פאר דעם טייפעל אלליין.

— אזא תשובה האב איך ליעב — האט זיך וועספאסיאנוס פריילין צולאכט — און וואס וועללען זאגען דער יודישער מלך מיט זיין שוועסטער די שאנע פרינצעסין?

„אחרי רבים להטות" — האט זיך אבגערופען בירניקה — מיר שטימען איין צו דעם, וואס איהר האט בעשלאססען. האב איך ריכטיג געזאגט, מלך אגריפוס?

אגריפוס האט געטאהן א שאקקעל מיט'ן קאפ אויף א צייכען אז ער איז מסכים.

— גאר אין קורצען וועט איהר חרטה האבען, יודען, וואס איהר האט מיר ניט געפאלגט, עס וועט שוין אבער זיין צו שפעט.

— האט בירניקה א מורמעל געגעבען מיט א נקמה. זי איז נאך אלץ געוועזען בייז, וואס זי האט גאר ניט געווירקט מיט דער לאנגער רעדע.

IX.

רוים שיסט מיט פייער.

אויף מארגען, נאכדעם ווען בירניקה האט אומזיסט אנגעווענדט אללע איהרע פעהיגקייטען, איבערצורעדען יותפת'ס לייט זיי זאללען זיך אונטערגעבען, האט וועספאסיאנוס ארויסגעגעבען א בעפעהל צו זיין מיליטאר אויסצובויען א הויכען וואל געגען דער צפון וואנד פון יותפת, כדי ביידע צדדים זאללען שטענדיג זיין אויף איין מעמד, ניט איינער אין דער הויך און דער אנדערער אין דער ניעדער.

צו דעם צוועק האט וועספאסיאנוס צוטיילט זיין מיליטאר אויף דריי טיילען. איין טייל האט געמוזט אויסהאקען ביימער אין די וואלדער, וואס ארום יותפת.

די צווייטע טייל האט בעדארפט די אויסגעהאקטע קלאצער אריינזעטצען אין ד'ערד און זייערע שפיטצען בעציעהען מיט סכך פון הושענות, כדי צו בעווארענען דאדורך די ארבייטער — סאלדאטען פון דעם שונא'ס פיילען. און די דריטטע טייל איז געוועזען בעשאפטיגט מיט גראבען ערד און עס צונויפצופיהרען אויף איין ארט.

די ארבייט האט געקאכט. פון אין דער פריה ביז שפעט אין דער נאכט האבען די בעלאגערטע געהארט. ווי די האק האבען ניט אויפגעהערט צו קלאפען אין די וואלדער, די וועגען האבען אהן רחמנות געשניטטען. די טייערע צעדערבוימען און ערבות און די רוימישע סאלדאטען האבען מיט היטץ געטהון זייער ארבייט.

די ערשטע קלאצער זיינען אריינגעזעטצט געווארען אין ד'ערד מיט פיעל קרבנות פון רוימישען לאגער, די בעלאגערטע האבען געמבולט פון הויבען מיט שטיינער און פיילען. גאנץ אפט זיינען אויך ארויסגעלאפען עטליכע יונגע סאלדאטען פון יותפת, וועלכע האבען איינגעשטעללט דאס לעבען אין סכנה און מיט א זעלטענער גבורה אוים געהרגעט אהן רחמנות די סאלדאטען, וועלכע זיינען געוועזען בעשאפטיגט ביי די קלאצער.

... דאל איז אבער געווארען וואס אמאל אלץ האבער און האבער, זינט אויף

די קלאצער איז אויסגעשפרייט געווארען דער סבך פון די הושענות. דעמאלם האבען יותפ׳ס לייט געשלידערט פון די מויערען שטיקער שטיינער און אויף אזא ארט, גע־שטערט דעם שונא׳ס ארבייט.

איין מאל געהענדיג מיט טיטוסען צו בעקוקען די ארבייט פון דעם לאגער האט וועספאסיאנוס צוגערופען צו זיך צעזאר מיט ארבייט פון דעם פינפטען לעגיאן און געזאגט:

— שיק, מיין פריינד דעם טריבון סאבינען געוואהר ווערען אויב עס איז שוין אנגעקומען „דער פערון", ס׳העלפט ניט, מען מוז אנשטעללען די ווארף־מאשינען, כדי זיי זאללען פערטרייבען די חוצפה־יונגען, וועלכע האלטען ניט אויף צו מאכען א תל פון מיינע ארבייטער.

מיט דעם נאמען „פערון" האבען די רוימער אנגערופען א ווארף־מאשין, וועלכע איז געווען גרויס ווי דאס גאנצע מיליטאר און אזוי שווער אין געוויכט, אז דריי הונדערט אקסען האבען עס קוים דערשלעפט.

די שרעקליכע מאשין איז געווען אים שטאנד צו ווארפען אין דעם שונא׳ס בע־לעגערטע וואנד די גראסטע שטיינער און אנדערע שווערע משאות אויף א שטרעקע ביז צוויי הונדערט קלאפטער.

אויסערדעם האבען זיי געמאכט נביים ווארפען. אזא געררודער גליך ווי ס׳ וואללט געדונערט און געבליטצט.

אין א ווייל ארום איז צוריק געקומען דער טריבון מיט א תשובה אז „פערון" פערשפעטיגט זיך אביסול צוליעב די שווערע וועגען אויף די בארג פון גליל, אבער די מינוט וועט ער שוין דא זיין.

— אלזא די מינוט אויסשטעלען אלע ארמאטען און ווארף־מאשינען מיט „דעם פערון" הויבען אן — האט וועספאסיאנוס קאמאנדירט.

אללע ווארף־מאשינען צוזאמען זיינען געווען אונגעפעהר [160].

עטליכע האבען געווארפען פיילען און בלייענע קוילען. אין עטליכע שעה ארום איז שוין אלץ געשטאנען אויף איין ארט און „פערון" פאראוים האבער פון אללע.

אויסער מיט שטיינער זאלל מען בעווארפען דעם שונא אויך מיט הייסע האלצער — האט ווידער בעפאהלען וועספאסיאנוס, וועלכער איז אבגעשטעלט מיט זיין פערד פון איין מאשין צו דער צווייטער, די לופט איז פולל געווארען מיט דעם משאד פון די פלאמענדיגע שטיקער האלץ.

— אך וואס פאר א לומינאציעס צינדען זיי אן פאר זייער גאטט! — האט מיט א ביטטערען שמייכעל געזאגט ברנבה בן יהושע, שטעהענדיג אויף א הויבען וואל און צוזאמען מיט דעם אלטען סאלאפיל צוגעקוקט דעם בייעם רוימישען שטורם אויף יותפת.

שלעבט מיט דיר, יותפת, וועה איז צו דיר, דו לעטצטע נארע פון משוגעים — האט שטילל געזאגט סאלאפיל אונ אין זיינע אויגען האבען זיך בעוויזען טרערען.

אויף דעם זעלבינגען וואל אן א זייט איז געשטאנגען בירניקה מיט איהר ברודער אגריפוס אונ זיי האבען אויך זיך איינגעקוקט ווי די ווארף-מאשינען האבען געשאסען מיט פייער.

— מיך האבען זיי ניט געפאלגט, מיינע ווארטער האבען זיי ניט געוואללט הערען זאללען זיי זעצט הערען וואס ס'וועט זאגען דער צווישעטער רוימישער חזיר — האט בייז בירניקה געשראקען מיט איהר קליין פינגעריל אויף יותפת.

רעכט אויף זיי — האט מסבים געווען מיט א מורמעל אגריפוס — נאך יותפת ס בייזען פסק, וועט שוין ירושלים, מיין איך אויך האבען שכל.

אין דער זעלבער צייט איז פארביי געלאפען טיטוס. פארביי דעם וואל, אויף ס'זיינען געשטאנען בירניקה מיט איהר ברודער. ער האט א בייג געגעבען מיט דער פיקע ט ר א י א נ ע ן, וועלבער איז געפאהרען פאראויס.

— עדעלער טראיאנוס! — האט ער הויך געשריען — הייסט אהער רופען צו די ווארף-מאשינען מ א ל א כ ם שיססער, זיי וועללען שיססען פון זייערע בויגענס דעמאלט ווען די מאשינען וועללען ווארפען מיט שטיינער, אזוי וויל דער הויפט-אנפיהרער.

טראיאן האט זיך אומגעקעהרט צו דעם ערבער.

באלד נאכדעם האבען די אללע, וואס זיינען געשטאנגען אויף דעם וואל הערזעהען א שרעקליכע פארשטעללונג.

די לופט איז שווארץ געווארען פון די טויזענדער פיילען אונ שטיינער, וועלכע האבען פליהענדיג געפייפט אונ געקלאפט אהן א אויפהער צווישען זיי האבען זיך אויך אויסגעמישט, גלייך ווי פייערדיגע שלאנגען בראנענדע אונ רעכערדיגע העלצער.

נור שרעקליכער פון אלץ זיינען געווען די שטיקער בליי אונ שטיינער וועלכע האבען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך מיט א זעלטענעם אימפעט אין דער פארמא פון א דוגא אונ מיט א אונגאטירליכען רעש א זעטץ געגעבען אין יותפת'ס מויערען.

— פערון! פערון! — האבען פרייליך אויסגעשריען די רוימער — איין טהורם איז איינגעפאללען! אט דאס הייסט א זעטץ לעבעדיג, „פערון”.

— חא, חא, האבען די רוימישע סאלדאטען מיט א נקמה געלאכט — דער „פערון„ האט אבגעלעקט די וואנד ווי מיט דער צונג, איין יוד איז דארטען ניט געבליעבען. חא, חא!

ווירקליך די שטיינער פון די ווארף-מאשינען אונ די ערבישע פיילען האבען פערטריעבען יותפת'ס לייט.

פיעל זיינען אראבגעפאללען פון די וואנד טוידטעהייד, אין יותפת אראב אדער פון דרויסען ביי די שונאים אין די האנד, וועלכע זיינען מיט רציחה בעפאללען די האלב טוידטע יודישע פגרים.

— אך! — האט בירניקה טריאומפירט. זי האט ניט אויפגעהערט אנצוקוקען פון דעם הויכען וואל דעם שרעקליכען שונא'ס שטורם — אט האט איהם שוין פאר צעסטיום נאללוסען אויך, ניט אומזיסט האט איהר איהם פערטריעבען פון ירושלים ווי א אבגעבריטען הונד...

מיך האט איהר ניט געוואללט פאלגען...

— נו, דער רוימישער חזיר האט א האבערען קול פאר דיר — האט זיך אגריפוס געבייזט מיט דער שוועסטער — קליינע יונגלעך וועלען נור ענטציקט פון ציצעראנס חכמות.

— אללענפאללס וויכטיגער ווי דיין דרשה, דו „קיסר פון האבעניכטס" — האט מיט פעראכטונג א מאך געגעבען מיט די פלייצעס בירניקה.

דער שונא האט דערווייל ניט געשוויגען, דער שטורם האט ניט אויפגעהערט. די בעלאגערטע האבען זיך צום אנהויב דערשראקען ניט אויף א געלעכטער, ווען זיי האבען דערהערט דעם ערשטען גערויש פון די ווארף-מאשינען און דערזעהען ווי זייערע גבורים פאללען איינער נאך דעם אנדערען. באלד אבער האט דאס פינטעלע יוד זיך אבגערופען צוריק און נאך מיט מעהר שטארקייט, איבערהויפט דאמאלס ווען יוסיפון האט געזאגט:

— ביז יעטצט האבען מיר דעם שונא געשטאכען נור אין קאפ.

איצונד איז געקומען א צייט מיר זאללען זיך אראבלאזען עטוואס נידריגער און זיך נעהמען צו זייערע בייכער און הערצער. אויסער פיילע-בויגענס פערמאגען מיר דאך נאך שווערדען און פיסס צוצולויפען צום שונא און איהם שטעכען אין לייב.

— טרוקען האלץ פעהלט אונז אויך ניט אזוי ווי פאקעלעס און שוועבעל — האט זיך אבגערופען דער „יודישער גלות" — מיט דעם נאמען האבען גערופען צעסטיוס איבערגעבליעבענע סאלדאטען דעם יודישען העלד אלעזר בן-שמי.

— אלעזר הגלילי איז גערעכט! שווערטען און פייער! האט צופריעדען א געשריי געגעבען יוסיפון.

אלעזר איז געוועזן גרוים געוואקסען און ער איז געוועזן זעהער בעריהמט מיט זיינע גבורות.

אויף איהם ערצעהלט מען, אז מיט א קלאפ אין קאפ ווארפט ער אום דעם גראבסטען אקס און א מאל ביי א גרויסער יאגד האט ער מיט די האנד דערשטיקט א גרויסען לייב.

— איך האלט אויך צוזאמען מיט אלעזר'ן, שווערט און פייער! — האט זיך אבגערופען א צווייטער גבור פון גליל גתרא, וועלכער האט געטראפען ביי דער ערשטער קריעג אין טיטוסעס פאנציר.

— און אן מיר האסט דו פערגעססען? — האט זיך אבגערופען דעם גבורים ב[illegible]

איך אַ העלד מיט דעם נאָמען פּ י ל י פּ ו ס — פון איין ברוסט האָבען מיר געזויגען, צו־זאַמען ערצויגען און צוזאַמען וועללען מיר שטאַרבען.

— דערווייל האַלטען מיר נאָך ניט ביים שטאַרבען — האָט זיך הויך אָנגערופען אֶלְעָזָר, וועלכער האָט שוין געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצע באַנדע — ניט קשה, מיר וועללען נאָך דערלעבען דעם נצחון אויף רוים —, ווער געהט נאָך מיט מיר פון גליל — לייט?

און פּלוצלונג האָבען זיך געעפענט די טהויערען פון פעסטונג און דריי פּאָר־טיִען יודישע גבורים האָבען זיך געמאַכט ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג דעם שׂונא'ס בייזע קלעפּ פון די וואַרף־מאַשינען, מיט אַ ראַש זיינען זיי אַרויסגעלאָפען דורך די געעפענטע טויערען און מיט אַ געשריי בעפאַללען די רוימישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געווען בעשעפטיגט ביי דער אַרבייט פון דעם נייעם וואַל.

די רוימער, וואָס זיינען ביז יעצט געזעססען בעוואָרענט אונטער דעם דאַך פון די הושענות האָבען זיך ניט געריכט אויף אַזאַ מפּלה.

ס'איז געוואָרען צווישען זיי אַ געפּילדער און די וואָס זיינען צופעללינ גצול גע־וואָרען פון די יודישע שווערטען, זיינען געלאָפען ווי פון אַ מגפה...

די פאַקעלעס, דאָס שוועבעל מיט די טרוקענע האָלץ זיינען אויך צונוטץ גע־קומען, אין דריי ערטער האָבען שטאַרק געבראַנדט די אונטערגעצונדענע געפלאַכטענע דאַכער פון די רוימישע קלאָצער.

— וואָס טהוט זיך דאָ עפּעס? — האָט זיך געוואונדערט אַגריפּוס — די רוימער צינדען אַלליין אונט[...] זייערע אייגענע אַרבייט, אויף וועלכע זיי האָבען געאַרבייט מיט שווערען שווייסס.

— וואָס רעדסט דו? — האָט בּירניקה געענטוואָרט מיט אַ פראַגע — זעהסט דו דען ניט, אַז זיי שיסען מיט פייער נור אויף יותפת?

— פאַר וואָס־זשע ברענגען זייערע קלאָצער?

— דאָס איז „דעם געלענס" אַרבייט, ער האָט עס אונטערגעצונדען.

די יודישע גבורים אֶלְעָזָר גְתְרָא און פּ י ל י פּ ו ס, נאָכדעם ווען זיי האָבען זיך נוקם געווען מיט די רוימישע אַרבייטער, זיינען זיי צופריעדען מיט זייערע באַנדעס צוריק אַריין אין יותפת.

— ווי גוט איז עס און ווי פריילין צוצוקוקען פון דער ווייטענס, ווי די קינדער שפּיעלען זיך — האָט געזאָגט ברנבה, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם עלבינען אָרט.

— איך ווייסס ניט וואָס מיט דיר איז אַזוי די שמחה, ווען מענשען הרגעטען זיך איינער מיט דעם אַנדערען. — האָט מיט אַ זיפץ געענטוואָרט דער אַלטער סאַלאַפּיל.

— אַך, כבי סאַלאַפּיל, דו ביסט נאָך גאָר אַ קינד! — האָט איהם ברנבה גע־

אנטוואורט מיט א שמייכעל — און ווי לאנג איז נאך ווי דו האסט גאנץ רוים געפיהרט פאר'ן נאז...

וואס פערשטעהסט דו דא ניט... די קינדער שפיעלען זיך, רייצען זיך און צו מיר וועללען זיי קוממען נאך די גאלדענע קאשע... רויהע קאשע קאכט מען ניט... מען מוז עס פערבראטען מיט שמאלץ אדער שמאנט... פראצענט מיין איך... דאס איז מיין שמאנט.

X.

רוימס פייער לעשט דער יודישער שכל.

די יודען האבען אנגעווענדט אללע קראפטען צו שטערען די רוימער אים בויען דעם וואל, וועלכער האט געזאללט דערגרייכען יותפת'ס מויער, וועספאסיאנוסעס מיליטער אבער האבען אויך געהאט מיט וואס אבצושוואכען די יודישע זעלטענע גבורה.

אז וועספאסיאנוס האט בעמערקט ווי די ארבייט פון די ווארפ־מאשינען ווערד אבגעשוואכט דורך דעם, וואס די יודישע גבורים לויפען פון צייט צור צייט ארויס פון פעסטונג און צינדען אונטער די קלאצער מיט די געפלאכטענע דאכער, האט ער בעפאהלען אויסצושטעללען די ערבישע שיסער אזוי, זיי זאללען קעננען יעדע מינוט שיססען אין יותפת'ס לייט, ווען זיי וועללען נור זיך איינשטעללען ארויסצוקריכען פון זייערע נארעס.

דער וואל איז אלזא אויסגעוואכסען וואס אמאל העכער און ער האט שוין כמעט דערגרייכט דעם שפיטץ פון דער פעסטונג.

אז יותפת'ס לייט האבען עס בעמערקט, זיינען זיי ביי זיך עטוואס ארויבגעפאללען. דעמאלט האט יוסיפון געלאזט רופען צו זיך די אלטערע מענשען פון שטאדט ווי אויך די בעסטע גבורים: דעם העלד אלעזר און די צוויי ברידער די העלדען נתרא און פוליפוס.

— ווי פיעל האט איהר נאך אין יותפת אקסען? — האט יוסיפון געפרעגט די אסיפה.

— פלייש וועט אין שטאדט קלעקען אויף א לאנגע צייט. אויססערדעם האבען מיר נאך א גאנצע סטאדע אויף דעם וויגאן, האבען די אלטערע בעלי־בתים פון דער שטאדט געאנטווארט.

— און איך האב בעצייטענס נאך פארגעגרייט גענוג פוטער פאר די שטאדטישע בהמות — האט זיך פון זיין זייט אבגערופען דער אונטער גבאי.

א נחת צו הערען — האט יוסיפון צופריעדען געזאגט — און האלץ איז פיעל דא אויף די סקלאדעם?

— א הונדערט צעדערבוימען און אפשר נאך מעהר, ס'זיינען נאך דא צעדערען פון בארג לבנון, וועלכע הורדוס המלך האט געלאזט האקען...

דער מלך, וועלכער האט אונגליקליך געמאכט יהודה צוליעב זיינע פאלאצען, האט א מאל חשק געהאט אויסצובויען א פאלאץ אין יותפת די ווערעם האבען איהם אבער פריהער אויפגעגעססען, עהדער ער האט אויסגעפיהרט זיין פלאן.

— צו דעם פאלאץ זיינען געוויסס געוועזען אנגעגרייט שטיינער אויך?

— אהן א צאהל, און אלץ ארומגעהאקטע, געשליפענע.

יוסיפונען איז לייכטער געוואָרען אויפ'ן הארצען און ער האט צופריעדען אבגעצויגען דעם אטעם.

— אויב אזוי, וועללען מיר נאך קענענען אויסהאלטען פלאטץ — האט ער שטילל געזאגט ווי צו זיך אלליין.

— ווי איהר זעהט אלזא אלליין, מיינע בכבודע בעלי-בתים — האט ער שוין הויך געזאגט צו דער אסיפה — האלט שוין דער שונא מיט זיין וואל גאנץ הויך, גאר אין קורצען וועט ער דערגרייכען דעם שפיטץ פון אונזער פעסטונג.

אונזערע וואנד וועללען אלזא באלד אין גיכען אונז ניט קענענען פארשטעללען, און דעריבער בעדארף מען זיי אויפהויבען העכער אויף עטליכע קלאפטער, כדי דער שונא זאלל ניט קענענען אריינקוקען, וואס טהוט זיך ביי אונז אין פעסטונג.

— ווי אזוי וועללען מיר אבער זיי אויפהויבען, עדעלער יוסיפון? — האט געפרעגט דער ראש הקהל — אונזערע בעלי-מלאכות זיינען דאך אויך מעהר ניט ווי מענשען און ווי אזוי וועללען זיי קענענען ארבייטען אונטער דעם האגעל פון דעם שונא'ס פיילען?

— אויף אלץ איז דא א עצה, צום גליקק האבען מיר נאך אקסען.

— וואס האט דאס דען א שייכות מיט די אקסען? — האבען זיך געוואונדערט אללע מענשען, וועלכע זיינען געוועזען אויף דער אסיפה.

— א גאנץ גרויססע — האט קאלט-בלוטיג געאנטוואָרט יוסיפון — היינט ביי דער נאכט זאללט איהר צוזאממען רופען אויף די ארבייט אללע בעלי-בתים פון יותפת. ביי דער נאכט — און יעטצט זיינען גאטט צו דאנקען די נאכט זעהער פינסטערע — וועללען מיר שטיללערהייט אויפשטעללען די צעדערבוימען אויף אונזער וואנד געגענאיבער דעם רוימישען לאגער... אז אללע וועללען זיין בעשעפטיגט ביי דער ארבייט קענענען מיר פארטיג ווערען דערמיט ביז א האלבע נאכט און אפשר נאך פריהער... גלייכצייטיג וועללען מיר אויסקויילענען א היבשע צאהל אקסען און פון זייער האלב נאססע פעל מאכען א דאך איבער די צעדערבוימען, אזוי ווי די רוימער האבען בעוואָרענט זייערע ארבייטער מיט די געפלאכטענע דאכער פון די ערבות, אונזער דאך

וועט זיין דערמיט בעסער, וואס ער וועט ניט צולאזען קיין פייער, אזוי ווי ביי זיי.

— מיר האבען זיי ארדענטליך געבראנדט ביז דער טייפעל האט ניט געבראכט די ערבער מיט זייערע פערשאלטענע פיילען — האט זיך אבגערופען דער גבור אלעזר.

— אונזערע דאכער וועלען אבער ניט צולאזען קיין פייער — האט ווייטער געזאגט יוסיפון, ווייל די נאססע פעל וועלען איהם לעשען אונ אויסערדעם וועלען זיך פון די האלבברונדע לעדער צוריק אראבגליטשען דעם שונא'ס שטיינער אונ פיילען אונ אונז ניט טהון קיין שאדען.

די גאנצע אסיפה איז געווארען ענטציקט פון דעם זעלטענעם קלוגען איינפאל.

— לעבען זאלל יוסיפון, דער זעלטענער אנפיהרער פון גליל — האבען אויסגעשריען די עלטערע בעלי-בתים פון יותפת.

— אך, ווען איך האב אזא שטארקען קאפ ווי יוסיפון! —

האט נאאיוו זיך אבגערופען דער גבור אלעזר — אך, ווען מיין קאפ וואללט געהאט אזא גבורה, ווי מיינע האנד אונ פיסס — ווי פיעל וואללט איך דעמאלט אויפגעטהון!

— דאגה ניט, שטארקער אלעזר! דיינע אייזערנע מוסקולען שטעהען האבער פאר אנאנדערענס קאפ — האט יוסיפון געשמייכעלט — אלזא צו דער זאך, געעהרטע העררען; מיר מוזען באלד די מינוט אנהויבען צו טראגען די צעדערבוימען מיט די שטיינער צו די מויערען אונ פארבערייטען צעמענט.

די אקסען בעדארף מען קוילענען אויף דער נאכט כדי די פעל זאללען זיין נאך פריש, וואס נאססער איז בעססער אונ די פלייש וועללען מיר איינזאלצען אויף שפעטער.

דער עולם איז בעשטאנען אויף יוסיפונס פארשלאג אונ די ארבייט האט זיך אנגעהויבען. ס'האט געקאכט אין יותפת'ס מויערען. אפילו די נוייבער מיט די קליינע קינדער האבען צוגעהאלפען ווי ווייט מעגליך.

פאר נאכט איז שוין דער גאנצער מאטעריאל צו דער נייער וואנד געלעגען געגרייט.

די צעדערבוימען, די שטיינער, צעמענט, שטריק אונ קעטטען, מיט איין ווארט, אלץ איז געלעגען אויף זיין ארט.

אונ קוים איז צו געפאללען די פינסטערע נאכט, זיינען די קלאצער איינער נאך דעם אנדערען ווי אויסגעוואכסען פון אונטער דער ערד אונ נאך פאר א האלבע נאכט איז שוין געווען בעדעקט אויף זיי א דאך פון נאססע פעל.

— ווי ס'ווייזט אוים העלפט גאטט אליין זיין פאלק — האבען צווישען זיך גערעדט די עלטערע בעלי-בתים פון שטאדט.

גליידך נאך דעם האט זיך אנגעהויבען אין דער פינסטער דאס בויען פון דער וואנד, די פינסטערקייט האט ניט געשטערט דער ארבייט. די יודען, וואס זיינען פון

קינדערווייז אין געוואוינט געווען צו די הושבדיגע נאכט פון זייער פאטערלאנד, זייגען גלייך ווי די קאטץ ארומגעקראכען אין דער פינסטער און דאס, וואס זיי האבען ניט דערזעהען מיט די אויגען האבען זיי דערטאפט מיט די האנד אדער דערשמעקט מיט'ן נאז.

אין דער גיכען האבען זיי אויפגעהויבען די שטיינער מיט ציהע-בלאקען און געקלעבט די וואנד מיט דעם שנעלל פערפארטיגטען, נור גאנץ פעסטען צעמענט.

אין דער פריה איז די נייע פראנטאווע וואנד געווען אין גאנצען פארטיג און די רוימישע ווארטער זיינען געוואורען זעהער איבערראשט, ווען זיי האבען דערזעהען דעם נייעם בנין, וועלכער איז אויפגעוואכסען דורך די איינע נאכט.

אללע סאלדאטען פון רוימישען לאגער זיינען די מינוט געוואהר געווארען פון דעם אונפערהאפטען נייעם. איבערהויפט האבען זיי ניט געקענט בעגרייפען, פון וואנען ס'האט זיך גענומען דער אקסען-לעדער-דאך, וועלכער האט זיך אבגעגלאנצט פון דער זוננס שטראהלען.

— וואס איז דאס ווידער פאר א נייעס? — האט זיך געוואונדערט דער צענטוריאן הבל — וואס האבען זיי נאך אויסגעקלעהרט די מאוסע ברואים?

— זיי האבען זיך געוויסס פערהאנגען פון דער זונן — האט מיט א וויטץ זיך אבגערופען דער צענטוריאן טובא.

— זעהט איהר, איך ווייסס יא, וואס דאס האט צו בעדייטען — האט א מאך געגעבען מיט זיינע קליינע אויגעלעך דער צענטוריאן כאפיד — ניט דאס ערשטע יאהר האב איך צו טהון מיט די „שומרי שבתניקעס" ביי זיי איז געוויסס יעטצט „סוכות".

— וואס הייסט סוכות? — האט נייגעריג געפרעגט טובא.

— דאס איז אזא יום טוב, ווען זיי זיטצען אין פאלאטקעס. די יודען זיינען אזוי צוגעבונדען צו זייער געשיכטע, אז אין יעדער צייט ווילען זיי זיך אזוי אויפפיהרען ווי זייערע אבות.

אט צום ביישפיעל די „סוכות" אויך: אמאל, שוין גאר לאנג האבען די ערשטע יודען געוואוינט אין מצרים.

נו, אוודאי, אין דער פרעמד איז ניט, ווי אמבעסטען, צו וואהנען, בפרט אז די מצריים האבען זיי ניט געקענט אנקוקען. די יודען האבען אויך לאנג ניט געקלעהרט און געמאכט פיסס, געהענדיג אבער פון מצרים אהער האבען זיי פערבלאנדזעט אין דער וועגענס און פערציג יאהר זיך ארומגעטריבען אין דער מדבר.

— געה שוין געה מיט דיינע באבע מעשיות — האט הבל כאפידען איבערגעשלאגט די רייד — וואס הייסט געבלאנדזעט, די יודען זיינען דאך ניט קיין בלינדע?

— וואס בין איך שולדיג, אז זיי אליין האבען עס מיר אזוי ערצאהלט — האט

זיך ראפיד פעראנטווארט — אלזא קורץ דערפון, אין דעם מדבר האבען זיי געוואהנט אין פאלאטקעס, אדער, ווי זיי רופען עס אן „סוכות“ אונ דריבער יעטצט לזכרון פון יענע פירציג יאהר ציעהען זיי זיך אויף אכט טאג ארוים פון די הייזער אונ בעזעצען זיך אין סוכות.

— א ווילד פאלק האט געשאקעלט מיט'ן קאפ טובא. 1)

— אונ דריבער לאך איך — האט שוין דרייסטער גענאגט ראפיד, וואס זיי האבען זיך יעטצט אויך צוזעצט אין די „סוכות“, כדי צו עססען דארטען זייערע מצות.

— אך, כ'האב אבער מורא, אז אונז וועט ווערען געזאלצען פון זייערע סוכות מיט די מצות — האט ריכטיג בעמערקט דער קלוגער הבל.

אונ ווירקליך, אז וועספאסיאנוס איז ארויף צוזאממען מיט די אנדערע אנפירער אויף דעם טהורעם צוזעהען, וואס די יודען טהוען, האט ער צום אנהויב ניט געקענט פערשטעהען וואס דאס איז, נאכדעם אבער האט ער בייז געזאגט:

— איך וואללט געשווארען ביי מארס, אז זיי בויען אויף האבער די וואנד.

— אויסטערליש! האט טיטוס בעמערקט — ס'איז גאר ניט צו פערשטעהען ווי אזוי זיי האבען דורך איין נאכט אזוי פיעל אויפגעטהון.

ס'איז ניט קיין פאלק נור א שלאנג — האט וועספאסיאנוס געשאקעלט מיט'ן קאפ נירון קיסר האט ריכטיג געזאגט, אז דאס איז א בייזער שלאנג.

— וואס טויגען זיי אבער די פארהאנגען איבער די וואנד? — האט ניט פערשטאנען טראיאן.

— דאס מאכען זיי אונז נאך — האט זיך אבגערופען צערעאל — דערמיט בעווארענען זיי די ארבייטער פון אונזערע קוילען.

— פון וואס אבער איז דאס געמאכט? האט זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערען וועספאסיאנוס.

— פון אקסען-פעל, פאטער! — האט טיטוס א געשריי געגעבען. ער האט מיט זיינע יונגע אויגען בעססער געזעהען, ווי דער אלטער פאטער, זיי בויען ווירקליך צו די וואנד.

— א שלאנג, א שלאנג — האט דער בריטאנישער בעזיגער נאכגעזאגט דעם קיסרס ווארטער — אויף זיי איז אבער אויך דא א סגולה די מצרימשע שטארכען 2). כ'וועלל נור פרובירען אנרייצען אויף זיי מיינע פויגעלעך מיט די לאנגע פיסס אונ שנאפעלען.

1) די רוימער האבען יודען פיינד געהאט ניט בעססער פון היינטיגע שונאי ישראל אונ דריבער איז זיך ניט צו וואונדערען אויף זייערע רייד.

2) שטארך — א פויגעל מיט א לאנגען שנאבעל.

אויף דֶעם טְהוֹרָם זַײנֶען אַרויפְגֶעגאַנְגֶען אַגְרִיפּוּס מִיט בִּירֶינִיקָה׳ן, וֶועלְכֶע אִיז אויךְ גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִיבֶּערְבַעשְׁט פוּן דֶעם אוּנְפֶערְהָאפְטֶען בַייעֶם.

— דַײנֶע יוֹרְעלֶעךְ, שֶׁאנֶע פְּרִינְצֶעסִין ווילֶען זִיךְ רַייצֶען מִיט אַזַא אויפְגֶעהֶעצְטֶען וָואלְף, וִוי אִיךְ בִּין — הָאט פְּרַיינְדְלִיךְ וֶועספּאַסְיָאנוּס בֶּעגְרִיסְט בִּירֶינִיקָה׳ן, אִיךְ קֶענְן אָבֶּער גוֹבֵר זַיין דִי גְרֶעסְטֶע עַקְשָׁנוּת.

— וָואס הַיינְט אָבֶּער דָארְטֶען בַּיי זֵיי אויף דִי וָואנְד? — הָאט בִּירֶינִיקָה גֶעפְרֶעגְט, גְלַייךְ וִוי זִי וָואלְט נִיט גֶעהֶערְט זַיין בֶּעמֶערְקוּנְג.

— דָאס זַיינֶען שְׁלֵייעֶרְס, מִיט וֶועלְכֶע דִי מִזְרַח־וַויבֶּער פֶערְשְׁטֶעלֶען זִיךְ פוּן אַ עַיִן הָרָע אוּנ פוּן דֶער זוּנְן — הָאט זִיךְ דֶער אַלְטֶער הֶאפְלִיךְ גֶעווִיטְצֶעלְט — כְ׳וֶועלל אָבֶּער גָאר אִין קוּרְצֶען מוּזֶען אַרוּנְטֶערְרַייסֶען דֶעם שְׁלֵייעֶר פוּן יוֹתְפַת׳ס שֶׁאנְקַייט.

בִּירֶינִיקָה הָאט גֶעוָוארְפֶען אַ בְּלִיקק אויף טִיטוּסֶען, גְלַייךְ וִוי אַ מְכַשֵּׁפָה... וָואס הָאט זִי דֶערְמִיט גֶעוָואלְט זָאגֶען...

דֶער יוּנְגֶער רוּימִישֶׁער הֶעלְד אִיז גֶעוָוארֶען אויסֶער זִיךְ...

— פָאטֶער! — הָאט עֶר הַאסְטִיג גֶעזָאגְט — הֵייס דַיינֶע שְׁטַארְקֶען אָנְהוֹיבֶּען צוּ טְהוּן; זַיי אַזוי גוּט אוּנ עֶרְלוֹיבּ מִיר, כְ׳זָאלל אִיבֶּערְגֶעבֶּען דַיין בֶּעפֶעהל דֶעם מִילִיטֶאר.

— גֶעה, מַיין יוּנְגֶעל, אוּנ טְהוּ וָואס דוּ פֶערְשְׁטֶעהְסְט — הָאט דֶער אַלְטֶער מַסְכִּים גֶעוֶוען.

— „יוּנְגֶעל!“ אוּנ זִי הָאט עֶס גֶעהֶערְט" — טִיטוּס אִיז גֶעוָוארֶען רוֹיט וֶוענְן עֶר הָאט אָנְגֶעקוּקְט דִי שֶׁאנֶע פְּרִינְצֶעסִין, אִיהם הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז זִי שְׁמֵייכֶעלְט צַארְטְלִיךְ. דָאס בְּלוּט הָאט אִיהם אַרַיינְגֶעשְׁלָאגֶען אִין פָּנִים, דָאס הַארְץ הָאט שְׁטַארְק גֶעקְלַאפְּט אוּנ וִוי אַ צוּמִישְׁטֶער אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אָבְּגֶעבֶּען דִי מִילִיטֶאר דֶעם פָאטֶערְס בֶּעפֶעהל...

דִי וַוארְפ־מַאשִׁינֶען הָאבֶּען בַּא[illegible] אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ אַרְבֵּייטֶען נָאךְ מִיט מֶעהְר הִיטְץ, ס׳הָאט גֶערֶעגֶענְט מִיט פַייל֒עֶן אוּנ ס׳הָאט גֶערוֹישְׁט פוּן דִי אָנְגֶעצוּנְדֶענֶע שְׁטִיקֶער הָאלְץ.

— וָואס טְהוּט זִיךְ דָא? — הָאט זִיךְ שׁוֹין אויף דֶעם רֶעכְטֶען אֶמֶת גֶעבֵּייזֶערְט וֶועספּאַסְיָאנוּס — דִי פַיילֶען גְלִיצֶען זִיךְ אויף דִי לֶעדֶער אַזוי וִוי שְׁפִּילְקֶעס אויף אַ גֶעשְׁלִיפֶענֶעם גְלָאז.

— אוּנ דִי לַאוֶועשְׁקֶעס רוֹיכֶען נוּר אוּנ לֶעשֶׁען זִיךְ בַּאלְד אוֹיס — הָאט טְרַאיָאן בֶּעמֶערְקְט.

— ס׳אִיז עֶפֶּעס מַעֲשֶׂה־כִּשּׁוּף — הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען בִּירֶינִיקָה.

— נַיין, דָאס זַיינֶען נוּר אֵיינְפַאכֶע אָקְסֶענ־פֶעל — הָאט אִין כַּעַס זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען אַגְרִיפּוּס — אָבֶּער נַאסֶע אוּנ דְרִיבֶּער גְלִיצִיג... דָאס אִיז אַלְץ זַיינֶע, יוֹסִיפוּנְס שְׁטִיקְלֶעךְ... פֶערְשָׁאלְטֶען זָאלל עֶר וֶוערֶען.

— „דער געלער" איז ווירקליך א מכשף — האט בירניקה אויך איינגעשטימט וועספאסיאנוס איז רויט געווארען פון כעס, ווען ער האט בעמערקט אז זיינע נארפ־מאשינען טהוען דעם שונא גאר קיין בייז ניט. ער האט געהייסען צורופען צו זיך בר־גבה — בן־יהושע.

דער פראצענטניק איז די מינוט געקומען מיט א געמאכטער געלאסענער מיענע פון עגמת־נפש.

— וואס בעפעהלט דער אונבעזיגטער אנפיהרער פון דעם גאטליכען קיסר'ס לעגיאנען?— האט ער מיט רעשפעקט געפרעגט.

— אונטערוועמענס האגד איז ביי דיר דער פארראד פון די עססענווארג פאר מיין מיליטער? — האט וועספאסיאנוס האסטיג מיט א פראגע געאנטווארט.

— איך אליין מוז זיין אומעדום — האט דער געלד־מלך געאנטווארט.

— דו זיצט דאך אבער שטענדיג אין לאגער?

— כ'בין דיין קאססיר אונ צאהל אויס רעגולער געהאלט דיינע לעגיאנען.

— אונ עססענווארג? דאס האסט דו אויך אין דיינע לעדערנע זאק?

כ'ברויך צו וויסען, אויב מיין מיליטער איז גוט פערזארגט מיט עססענווארג.

— מיינע אגענטען גיבען מיר יעדע וואך צו וויסען, ווי ס'בעשטעהען די סקלא־דעם פון תבואות אין גליל אונ שומרון — האט דער רוימישער באנקיר אונ פאדבארציק דרייסט געאנטווארט.

— אונ ווי מיינסט דו? די זאפאסען וועללען קלעקען אויף לאנג?

— אזוי לאנג ביז דו וועסט איינשטיללען די יודישע עקשנות.

— דאס איז ניט קיין טערמין... ווער קענן וויסען ווי לאנג אזא ארבייט קענן זיך פערציעהען. דו זעהסט? — האט וועספאסיאנוס דעם פראצענטניק אנגעוויזען אויף די נייע וואנד מיט דעם לעדערנעם באך.

— א וועהטאג איז עס... מארס אונ בעללאנא וועלען דיך אבער ניט פערלאזען — האט צווייטייטיג געאנטווארט דער געלד־מלך.

— וואס טויגען מיר די איבריגע דבורים! זאג מיר אפפען, אויף ווי לאנג צייט קענגען קלעקען די זאפאסען פון תבואות אונ עססענווארג?

— אויף שטענדיג, גרויססער אנפיהרער פון דער רוימישער ממשלה — האט שטאל־ציג געאנטווארט דער פינאנסיסט, וועלבער איז געוועזען האכסט צופריעדען, וואס די מלחמה פארציעהט זיך אונ ער קענן אלץ מעהר אויסמעלקען, די רוימישע קיהעלע דורך פראצענט — אז דיינע לעגיאנען וועלען אבגריזען גליל, שומרון, יהודה אונ סיריע וועלל איך לאזען אבשניידען די ווייץ פון מצרים אונ עס אניעדער ווארפען צו דיר פיסס פון דעם וועלט־בעזיגער.

וועספאסיאנוס האט שטאלציג אויפגעהויבען זיין רונדען קאפ אויף דעם אקסען־האלז.

— גוט אלזא, כ'וועל יותפת אויסמארען מיט הונגער — האט ער זיך אלליין א קלאפ געגעבען מיט דעם פויסט אין ברוסט.

— כ'וועלל עס אומברייגען דורך דעם דורשט... ביז די הערבסט און ווינטער רעגענס איז נאך ווייט... יותפת'ס לייט וועללען נאך פארדעם אויסלעקען די לעטצטע טראפפען וואססער פון זיינע ברונענס... זאללען זיי שטיללען דעם דורשט מיט די טרערען פון זייערע ווייבער און קינדער, איך וועלל זיי ווייזען, וואס דאס הייססט מלחמה צו האלטען מיט רוימס ממשלה.

וועספאסיאנוס האט אויסגעזעהען שרעקליך. די בייזע בירניקה האט אבער פון איהם די אויגען ניט צראבגענוממען. דער אמאליגער אבגעפרעססענער חזיר האט איהר יעטצט אויסגעוויזען ווי א אבגאטט פון מלחמה.

— אין דיין קול האר איך יופיטערס דונערן! — האט די יודישע פרינצעססין מיט א צופריעדענע נקמה געזאגט — האלט-זע ניט איין דיינע אויערען! זאללען די אונפערשאמטע יודען טרינקען די טרערען פון זייערע ווייבער און קינדער!

וועספאסיאנוס האט א וואונק געגעבען דעם דוזורנעם טריבון.

— אבשטעללען די ווארפ-מאשינען! — האט ער געשריען — אין קורצען וועט גאנץ הודה זיך צווויינען מיט בלוטיגע טרערען...

XI.

וואססער פעהלט ניט.

וועספאסיאנוס האט געהאלטען ווארט, ער האט אויפגעהערט צו בעלאגערן די פעסטונג, וואס האט איהם געקאסט צו טהייער און ניט געבראכט צו קיין תכלית. מיט זיין קאלטען מח האט ער גוט בערעכענט, אז ער קענן געשווינדער ערדרייכען זיין ציעל, וועגן ער וועט וועניגער פערגיססען דאס בלוט פון זיין מיליטאר און פונדעסטוועגען מעהר פייניגען יותפת'ס לייט. זיין זוהן, דעם יונגען העלד טיטוס, וועלכער האט דורכאוים געוואללט צו פערציעהען די לאגער-מלחמה, כדי זיך אלץ מעהר אויסצווייזען פאר די יודישע פרינצעססין, האט ער קאלטבלוטיג בעמערקט:

— האלט דיך ווי א מענש, מיין זוהן, און זוך ניט בלויס כבוד... דער כבוד איז געגליכען צו א פרוי.

ער האט די זעלביגע קאפריזען, וואס יעדער שאנהייט וועלכע מען קענן ניט געהמען איבערגוואלט און ניט וועגן מען וויל. דער כבוד וועט פון דיר ניט ענטלויפען און סוף כל סוף וועט יותפת אלליין אויספלעכטען א לארבען-קראנץ אויף דיינע קאפ...

דו בעדארפסט אליזא צו וויססען, מיין שווערטס תלמיד, אז מיר מוזען זיך ריכטען אויף איינס פון די ביידע. אדער די בעלאגערטע וועללען אלליין זיך אונטערגעבען, וועגן אללע זאפאסען פון עססענוואארג און וואססער וועללען אויסגעהען. אדער אויב זייער ווילדע עקשנות וועט זיך ניט לאזען ביינען, וועללען מיר מוזען געדולדיג ווארטען, ביז זיי וועללען ביז איין נפש אויסשטארבען פון הונגער און דורשט. דאס איז ביי מיר ריכטיג און בעשלאססען אזוי ווי א שטיין פאללט זיכער אראב פון דער הויך אויף דער ערד איבריגענס, יונגער העלד, וועסט דו דאך לייכטער זיי קענען בעזיגען מיט דיין שווערט. ווען אבגעשמאכטעטע, וועללען זיי שוין קיין כח ניט האבען צו האלטען דאס געוועהר.

ווילליגענדיג ניט ווילליגענדיג האט טיטוס געמוזט זיין געהארזאם. און פאר די בעלאגערטע יודען האבען זיך וויעדער אנגעהויבען שרעקליכע טאג און נאכט, שרעקליכע דערמיט וואס זיי האבען אלליין געוואוסט, אז וואססער פעהלט וואס א מאהל מעהר און דאדורך וועללען זיי שוין דעם טויט ניט מיידען. אויסערדעם איז דעמאלס געוועזען שטארק הייסס.

די זוממערדיגע זונן האט געשמאלציעט די הויכע סקאליעס, די וואנד פון פעסטונג און זאגאר די שטענדיג קאלט ערד, איבער וועלכע יותפת'ס לייט זיינען געגאנגען זייער וועג און צוליעב דעם האט זיך נאך מעהר געשטארקט דער דורשט.

און וואססער איז שוין געבליעבען נור אין איין ברונען... די איינציגע האפפנונג איז נור געוועזען אויף א נאסס-רעגען, דאס איז אבער אויך געוועזען א תפלת-שוא, ווייל אין גליל הויבען זיך אן די רעגענס פיעל שפעטער, און אויף דעם הימעל, ווי אויף צו להכעיס בעוויזט זיך ניט אפילו א ברעקעל וואלקען.

יוסיפון האט דעריבער שוין איינגעפיהרט מען זאלל האלטען דאס רעשט וואססער אונטער א שליססעל און נור אין א געוויססע צייט פון טאג קענן יעדערער קריגען א טרונק, און ס'זיינען מקוים געווארען דעם נביא'ס ווערטער: מימינו בכסף שתינו — וואססער פאר געלד...

דער מיטטעל האט אבער נאך פערגרעססערט דעם חשק צו טרינקען און יעדעס מאל ביים ארויסגעבען דאס וואססער האט זיך דער עולם פערזאממעלט ארום דעם ברוננען און מיט תאוה געגאסען אין זיך דאס וואססער, נאך מעהר ווי פיעל זיי האבען בעדארפט...

טיטוס מיט זיין וויטער ראיה האט יעדען טאג בעטראכט פון זיין טהורם וואס טהוט זיך אין יותפת און ער האט געזעהען ווי די יודען טרינקען דורשטיג דאס שמוציגע וואססער פון דעם ברונען.

— דו ווייסט פאטער וואס מיר איז איינגעפאללען? — האט ער זיך א מאהל אבגערופען צו וועספאסיאנוסען.

— גו, לאזען מיר הערען, אודאי האסט דו אויסגעפונען א מיטטעל ווי אזוי צו

בעזינגען יוהתפת מיט לעדיגע האנד? — האט זיך געוויטצעלט דער רוימישער אנפיהרער.

— דו האסט געטראפפען, פאטער, אזוי האב איך טאקי געמיינט. קומט מיט מיר אויף דעם טהורם, וועל איך דיר ווייזען א זאך, פון וועלכער דו וועסט האבען א אמתע הנאה.

זיי זיינען ביידע ארויף אויף דעם טהורם.

— דו זעהסט, פאטער, ווי אויף דעם מארק פערזאממעלען זיך די יודען? — האט טיטוס געפרעגט אנווייזענדיג מיט דער האנד.

— עפעס זעה איך יא פון ווייטענס, גלייך ווי מוראשקעס שיטטען זיי זיך — האט וועספאסיאנוס געאנטווערט און זיך מיהע געגעבען צו קוקען אויף דעם ארט, וואו זיין זוהן האט איהם אנגעוויזען. —

— ניין, דאס זיינען ניט קיין מוראשקעס, נור יודען און כ׳זעה זאגאר ווי זיי טרינקען וואססער גלייך פון ברונען.

— זיי מוזען טרינקען מיט אפעטיט — האט זיך וועספאסיאנוס געוויטצעלט.

— לויט ווי כ׳זעה ציעהען זיי אין זיך דאס וואססער גלייך ווי דורשטיגע בהמות. און זיי וועללען זיך קיין מאל ניט זאט טרינקען — האט מיט נקמה זיך צולאכט דער רוימישער אנפיהרער, כ׳האב עס באלד געוואוסט...

דו ווייסט, מען דארף אבער באלד פערשיטטען זייער ברונען.

— ווי אזוי, פאטער?

— מיט אונזערע ווארף-מאשינען, מיט די גוטע פיילבעלעך...

גיב מיין זוהן, א בעפעהל, אז די טריבונען זאללען אנשטעללען די ווארף-מאשינען אויף די מוראשקעס.

טיטוס האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטטען און גלייך נאכדעם האבען זיך אנ-געהויבען צו שיטטען פיילען אויף דעם ארט, וואו די יודען האבען געטרונקען וואססער.

פון טהורם איז געווען לייכט צו זעהען ווי די ארעמע בעלי-בתים זיינען זיך צו-לאפען פון דעם ברונען, וועלכעם עטליכע זייערע ברידער האבען געפונען דעם טויט פון רוימס פיילען...

דער רוימישער טייפעלשער העלד האט געטראפפען... די פיילען האבען פערשאטטען א טייל פון דעם רעשט ביסעל וואססער.

און די לאגע אין פעסטונג איז געווארען נאך ערגער, ס׳איז געווארען א תקנה צו טיילען דאס וואססער ביי דער נאכט, כדי צו בעווארענען יוהתפת׳ס לייט פון די רוימישע בלוטיגע פיילען. די פארציאנען פון וואססער זיינען געווארען קלענער און די יודישע האפפנונג שוואכער... דאגעגען האט דער רוימישער „שד" ניט פערלאהרען קיין מוט און געדולדיג געווארט אויף דעם ביטערען סוף פון יוהתפת...

יוסיפון האט וואהל פערשטאנען די טרויעריגע לאגע און נאך א מאל צוזאמענ-גערופען א אסיפה.

— וואס זאלל איך אייך זאגען, איהר קלוגע מאנגער און זעלטענע גבורים, וואס איהר זייט געראטען אין אונזערע עלטערן די חשמונאים! — האט ער אנגעהויבען זיין רעדע און טרערען האבען זיך איהם געשטעללט אין די אויגען, מיט וועלכע ער האט אנגעקוקט די אסיפה-לייט.

— איז דענן חלילה געקוממען אזא צייט, וואס דער רבונו של עולם האט אבגע-קעהרט דאס געזיכט פון זיין פאלק?

ניין! גאט פערגעססט ניט אזוי לייכט דעם ברית (בונד) וואס ער האט געשלאססען מיט יעקב אבינו אין בית-אל. דאס איז נור א נייער נסיון און אונז בני-גליל וויל ער מקריב זיין צו דער עקדה פאר כל ישראל.

ער האט אויף אונז ארויפגעשיקט דעם „שר" אלליין — וועספאסיאנוס איז זיין מלאך-המות, דער „שר" איז ניט מעהר ווי א שטעקען ביי גאטט אין דער האנד און ניט טראכטענדיג טהוט ער דאס, וואס מען הייססט איהם; ער וועט ניט אבטרעטען פון אונזערע מויערען און וועט אויך ניט פראבירען צו נעהמען אונז איבער געוואלד — ער האט א בעססערען פלאן, אונז אומצוברינגען דורך דעם הונגער...

וואס איז אלזא בעססער! צו קראפירען ווי די הינט פון הונגער און דורשט, אדער שטארבען ווי די גבורים אין א עהרליכער מלחמה מיט געוואהר אין האנד, כדי אונזער פאלק זאלל האבען נאכדעם מיט וועמען צו שטאלצירען?

— מלחמה! מלחמה! דער טוידט אונזערע שונאים! — האט א געשריי געגעבען דער גבור אלעזר, זיך אויפהויבענדיג מיט דעם שווערט אין דער האנד.

— מיט געוואהר אין דער האנד! דער שד אלליין מיט זיין זוהן, ביידע זאללען זיי קראפירען! — האבען אין איין קול געשריען ביידע ברידער נתרא און פוליפוס.

— ער רופט אונז דאך אבער ניט אויס צו קיין מלחמה! ער ווארט מיר זאללען קראפירען ווי די הינט — האט יוסיפון געאנטווארט, וואס קענגען מיר אלזא דערצו טהון? זאגט אדרבה, גיבט א עצה, א הר, אנשי אסיפה, קלוגע מאנגער!

די מאנגער פון דער אסיפה זיינען געווען שטילל, יוסיפונס ווערטער האבען געמאכט א רושם.

כ'ווייסס נאר איין מיטטעל ווי אזוי זיך צו רייצען מיט איהם, ער זאלל אנהויבען די מלחמה ווייטער — האט זיך דער יודישער אנפיהרער אבגערופען נאך א קורצער פויזע.

— מיט וואס? זאג יוסיפון! — האבען מיט א מאל א געשריי געגעבען אלעזר, נתרא און פוליפוס.

— הערט אלזא אויס, ברידער! דער שד ווייסס גאנץ גוט, אז מיר זיינען ניט רייך אין וואססער און דריבער ווארט ער ביז מיר וועללען אויסגעהען פון דורשט, מיין עצה איז אלזא איהם צו פריציוועו און אריינצוברינגען אין כעס.

— מיט וואס אבער? — האבען ווייטער געפרעגט די יודישע גבורים.

— מיר וועללען אויסטהון אונזערע קליידער און זיי איינגעטצען אין וואססער.

נאך דעם אויפהאנגען טריקענען אזוי, אז דער „שר" מיט זיינע לעגיאנען זאללען עס בעמערקען פון דערווייטענס...

דעמאלס וועט ער דאך קלעהרען ביי זיך: „די יודען מוזען האבען צו פיעל וואססער, א סימן, אז זיי ערלויבען זיך אפילו די קליידער צו וואשען און האבען ניט קיין מורא זיי צו הענגען טריקענען פאר אונז אין די אויגען. אומזיסט אלזא, ווארטען מיר אויף זייער טוידט, די עקשנים וועללען זיך ניט אונטערגעבען"...

דער בייזער חזיר וועט ווערען ווילד פון כעס און די מינוט לויפען זיך שלאגען מיט אונז.

די אסיפה האט אבגעלעבט פון דעם נייעם איינפאלל.

— אה! יוסיפון! בעריהמט איז דיין חכמה, דו אנפיהרער פון גליל! נאך אין דער זעלבער נאכט, פאר טאג איז מקוים געווארען יוסיפונס פלאן, די ערשטע האבען עס בעמערקט די רוימישע וואכטער, הבל און טובא.

— אפרישע המצאה — האט זיך דער ערשטער געוואונדערט — עפעס האבען זיי ארויסגעהאנגען נאססע קליידער.

— די וואשערקעס פון יותפת האבען זיך געוויסס געפוילט אויסצוקוועטשען די נאססע וואש און דריבער עס אויסגעהאנגען פאר די זונן — האט זיך געוויטצעלט טובא.

— ניין, אין דעם שטעקט עפעס א שטיקעל, דאס איז א נייע איבער המצאה — האט א מורמעל געגעבען הבל — ביי אונז האט מען אלץ גערעדט אז דארטען פעהלט וואססער, אז זיי גוססען שוין פון דורשט און יעדע מינוט וועללען זיי אויסשטארבען ווי די פליעגען אין פריהלינג. צום סוף נא דיר אנא שפאס, זיי בעגיעססען גאר די וואנד פון וואהלטאג.

— ניין, ניט פון וואהלטאג, נור כדי די וואנד זאללען ניט פלאצען פון היטץ און מיר זאללען אויפשפרינגען פון עגמת-נפש — האט זיך ווייטער געוויטצעלט טובא.

— ביי דיר איז אלץ א געלעכטער און מיך ארגערט עס וויכקליך...

דער לאגער וועט זיך פערציעהען, ווייססען די גאטטער ווי לאנג — האט מיט פערדרוסס געאנטווארט הבל — א פערשאלטענעם פאלק, צעהן מאל ערגער ווי די בריטאנער.

— און דו האסט טאקי קיין צייט ניט, ס'ווילט זיך א היים?

— אודאי, גוט איז דיר צו רעדען, אז דו האסט ניט קיין ווייב און קיין קינדער.

דער גאנצער רוימישער לאגער איז בייז געווארען אויף די נייע יודישע „המצאה" געוויסס איז עס ניט אומזיסט? אין דעם מוז שטעקען א בעזונדערע פערבארגענע כונה...

אז בירניקה איז אריין אין אגריפוסעס פאלאטקע, איז זי געווען זעהר נערוועז און בייז צו איהם געזאגט:

— א נייער משה! „דער געלער" איז געווארען א צווייטער משה!

— וואס פאר א משה? וועלכער משה? — האט אגריפוס געפרעגט און אוועקגעליגט אן א זייט דאס בוך, וועלכעס ער האט געלעזען.

— געה קוק מיט די אויגען, וועסט דו זעהען דאס, וואס דו קענסט ניט פערשטעהען מיט נאטירליכען שכל... דער געלער" שלאגט מיט זיין שטעקען אזוי ווי משה רבינו אין דער מדבר און פון סקאלעס געהט וואסער... די נארישע רוימער האבען זיך איינגערעדט אז אין יותפת פעהלט וואסער... וועספאסיאנוס אליין איז געווען אין דעם איבערצייגט... קומם...

און בירניקה האט מיט געשלעפט דעם ברודער אויף דעם טהורעם. דארטען זענען שוין געשטאנען וועספאסיאנוס, טיטוס, טראיאן און צערעאל. אללע זיינען געווען זעהר אויפגערעגט איבער די נייע יודישע "אויבער המצאה".

וועספאסיאנוסעס געזיכט האט זיך אנגעגאסען מיט בלוט און ער האט ווילד געשריען.

— זיי רייצען זיך מיט מיר מיט דעם וואסער אזוי ווי די שפאניער רייצען די אקסען מיט רויטען פורפור...

"איהר ווייסט, רוימער, מיר האבען גענוג וואסער"! — האט דאס ווילען זיי דערמיט זאגען.

— ס'איז קאנטיג אז יוסף פלאוויוס מאכט חוזק פון דעם בעזיגער פון בריטאניען — האט מיט א פערבארגענער איראניע זיך אבגערופען בירניקה.

— ער מאכט חוזק... גוט צו וויסען! ביי מיר וועט ער לאנג ניט לאכען, ווען מיר וועלען זיך באדען אין יודיש בלוט!

XII.

יודען שטארבען ווי העלדען.

אויף מארגען, ווען בירניקה, אגריפוס און טיטוס מיט די איבריגע רוימישע אנפיהרערס זיינען ארויס פון וועספאסיאנוסעס פאלאטקע נאך א לאנגע אסיפה האבען זיי דערזעהען א זעלטענע מראה.

א ראטע רוימישע סאלדאטען האבען אריינגעפיהרט אין לאגער צ באנדע פארשוינען, וועלכע האבען געקענט עהנליך זיין צו מענשען און צו חיות. געהען זיינען זיי געגאנגען אויף צוויי פיסס, נור קאפ האבען זיי געהאט פון חיות און דער רעשט קערפער איז אויך געווען בעדעקט מיט וואל.

— וואס זאל דאס ווייטער בעדייטען? חיות אויף צוויי פיסס, א נייע פארשטעללונג! — האט בירניקה פערוואונדערט אנגעקוקט טיטוסען.

— דאס זיינען יודישע פערשטעללטע ציגען — האט טיטוס געשמייכעלט — אט עטליכע האבען זאגאר הערנער.

ווירקליך צווישען דער באנדרע זיינען געווען עטליכע מיט הערנער אויף די קאפ, אנדערע האבען אויסגעזעהען ווי הינט אדער וועלף.

אין קורצען זיינען די פערשטעללטע חיות שטעהען געבליבען פאר וועספאסיאנוס פאלאטקע.

— וואס איז דאס פאר א צירק? — האט ער געפרעגט.

— דאס זיינען פאדריאדציקעס פון יותפת, עדעלער אנפיהרער פון רוים! —

האט מיט רעשפעקט געאנטווארט דער טריבון סאבאנוס — אונזערע קאראַאולען האבען אין די לעטצטע צייט בעמערקט, ווי ביי נאכט פלעגען פון דער בעלאגערטער שטאדט ארויסלויפען הינט אדער קעלבער. זיי פלעגען זיך געוועהנליך בעהאלטען אין די גראבענס פון צפון-זייט, הינטער די וועלדער, מיר איז עס געווארען פערדאכטיג און כ'האב פערגרעסערט אין די ערטער דעם קאראַאול. היינט אויף דער נאכט האב איך ענטדעקט דעם סוד. די יודען האבען זיך מיט פלייסס פערשטעללט פאר חיות און בהמות, כדי דורך דעם זאלל זיי לייכטער זיין אריינצובריינגען אין שטאדט עסענווארג און וואסער.

— וואהל בערעכענט — האט וועספאסיאנוס בעמערקט.

די געפאנגענע יודען האבען טרויעריג געשוויגען, מיט דער איבערשראקענער מיענע האבען די אונגליקקליכע אויסגעזעהען נאך מעהר לאכערליך.

ס'איז א יושר ביי זיי געוואהר צו ווערען וואס ס'טהוט זיך אין יותפת — האט טיטוס בעמערקט דעם פאטער.

— איך ווייס אין פאראויס וואס זיי וועללען זאגען, אז מען שטארבט דארטען אין די גאססען פון הונגער און דורשט, פונדעסטוועגען זאלל מען זיי אויספרעגען — האט וועספאסיאנוס בעפאהלען די טריבונען.

וועספאסיאנוס האט ריכטיג פערשטאנען, אז די בעלאגערטע פעסטונג וועט זיך לאנג ניט האלטען.

דאס האבען געוואוסט די בעלאגערטע יודען אויך און מיט מעהר פערצווייפלונג געפרובירט יעדען טאג זיך נוקם צו זיין אן דעם שונא.

ווען מען איז אין פעסטונג געוואהר געווארען אז די פערשטעללטע יודען זיינען אריינגעפאללען אין דעם שונא'ס האנד האבען אללע פערשטאנען אז יעטצט איז — כלו כל הקצין, די לעטצטע האפפנונג האט זיך אויסגעלאזען, ס'איז נור געבליבען איין טרייסט צו שטארבען מיט כבוד ווי העלדען און זיך פרייוויללינג ניט איבערגעבען אין דעם שונא'ס האנד. זאללען די מאננער אונטערגעהען אין דער מלחמה, אלץ בעסער ווי פון הונגער, זאללען זיי אים פאראויס נוקם זיין דעם שפעטעריגען טויט פון זייערע ווייבער און קינדער.

— מלחמה! מלחמה! ציונס גבורים! — האט יוסיפון צו געגעבען מיט די יודישע העלדען — מיר האבען שוין פערלאהרען אללע האפנונגען געהאלפען צו ווערען... אונזער גאטט רופט אונז צו זיך דארטען, וואו אונזערע אבות זיינען, אזוי איז זיין וויללען...

מיט אונזער טוידט אין דער מלחמה וועללען מיר זיך קויפען א גוטען נאמען און די גאנצע וועלט וועט מיט כבוד שטענדיג דערמאנען די יודען, וואס האבען זייער בלוט פערגאססען פאר די פרייהייט; זאללען אללע נאציאנען פון דער וועלט וויססען, אז יודען זיינען דאס איינציג פאלק, וואס גאטט האט זיך אויסגעקליבען זיי זאללען בלייבען געטרייע קינדער פון זייער פאטערלאנד און ניט פערקויפט ווערען פאר קנעכט אין רוים... מלחמה, ציונס גבורים, מלחמה אויף לעבען און טוידט...

— הונדערט טוידטען פאר איין יודען! — האט מיט היטץ געשריען דער בעריהמטער העלד אלעזר און א מאך געגעבען מיט דעם שווערט אין די לופטען.

— א טוידט דעם שונא, א טוידט! — האבען איהם אונטערגעהאלטען די צוויי ברידער נתרא און פוליפוס.

די טויערען פון פעסטונג האבען זיך באלד געאפפענט און „ציונס גבורים" זיינען ווי א שטורמווינד בעפאללען אונפערהאפפט דעם שונא. זיי האבען זיך געהאלטען אין איין חברה און מיט ברענענדע שטיקער האלץ אין די האנד האבען זיי גלייך ווי „מלאכי חבלה" אנגעצונדען אללע בנינים פון רוימישען לאגער און וואס דער פייער האט ניט צושטערט האבען זיי געבראכען און געשטאכען מיט די האנד.

— די ראלעס האבען זיך געאנדערט — האט בירניקה איראניש בעמערקט טיטוסען — ניט די אונבעזיגטע מארס'ס קינדער בעלאגערען רבקה'ס זיהנס פעסטונג, נור אומגעקעהרט, רחל'ס קינדער בעלאגערען רוים.

דער פערליעבטער יונגער העלד איז רויט געווארען פון דער בעמערקונג, דאס געזיכט האט זיך איהם אנגעצונדען פון חרפה, ער האט אבער דאס מאל פערשוויגען.

— שיקט ארויס די ערבישע שיססער און די סירישע מיט זייערע בלייענע פיילען — האט ער בעפאהלען די טריבונעס.

— דעם באק, דעם באק! (באראן, באראן), האבען פריילך א געשריי געגעבען די רוימישע סאלדאטען, ווען זיי האבען בעמערקט ווי טראיאן מיט זיינע מענשען שטעללען אוועק אויף דעם וואל, ניט ווייט פון יותפת'ס מויערען דעם ריזיגען ארמאט וועלכער ברעכט די שטארקסטע וואנד.

יוסיפון שרייבט אזוי אב דעם באק;

„דאס איז א וואונדערבאר גרויססער באלקען, וועלכער איז אהנליך צו א זאגעל
„פון א שיף, נור ביים עק לאזט עס זיך אויס מיט א פעסטען אייזערנעם היטעל,
„גלייך ווי א קאפ פון א באראן; דערפון שטאמט דער נאמען. (איל הברזל) אין מיטטען איז
„עס צוגעבונדען אויף גראבע שטריק צו נאך א באלקען, וועלכער לאזט זיך אראב מיט

„ביידע עקען אויף שטאַרקע קלאַצער. אַ גאַנצע ראָטע סאָלדאַטען הויבען עס קוים „אויף, זיי געהען עטליכע טריטט צוריק און נאָכדעם געבען זיי מיט אַמאָל אַ וואָרף „דעם באָק״ אויף די וואַנד, פון דעם קלאַפּ ציטערט דער שטאַרקסטער מויער, די „דיקסטע וואַנד״.

אין דער זעלבער צייט האָבען די רוימער אויסגעשטעללט אַללע וואַרף-מאַשינען מיט „דעם פערון״ אויבען אָן, כדי צו פערטרייבען פון דער פעסטונג וואַנד די יודען. וועלכע האָבען מיט זייערע פיילע-בויגענס ניט צוגעלאָזען „דעם באָק״.

— אָה, ווי דער גהנום דונערט — האָט צופריעדען בירניקה געזאָגט — גרויסער יופּיטער שיק זיי נאָך דיינע פיילען!

— וועמען מיינט עס, די קעניגין פון יהודה? — האָט מיט אַ שמייכעל געפרעגט ברנבה בן-יהושע, וועלכער איז אויפגעוואַקסען ווי פון אונטער דער ערד — די פּרינצעסין ביינט אָן יופּיטערן אויף די יודען, אַ גאָטץ אויף גאָטט?

— יאָ, ברנבה בן יהושע, וואָס דו ביסט אַ יוד און רוימס אונטערטאַנער — האָט דרייסטיג געאַנטוואָרט בירניקה — כ'לערען מיך פון דיר, דו געהסט מיט גאָלד און איך מיט יופּיטערען געגען דעם יודישען גאָטט.

— מיין מעטאַל צופּט אויס די פליגלען מיט דעם עק פון יופּיטערס אָדלער — האָט אויך איראָניש געאַנטוואָרט יהושע'ס זוהן — פערגעסס ניט, שאָנע פּרינצעססין, אַז פון מיין גאָלד זיינען געוועזען אויסגעגאָססען די קעניגליכע קראַנץ פון דיינע ביידע מאַנען:

הורדוס און פּאַלעמאָן, ווי אויך דיינע אין דעם ברודערס קראַנץ, וואָס האָבען זיך שוין לאַנג אַראָבגעגליצט פון אייערע קאָפּ.

בירניקה האָט בייז אַ פונק געגעבען מיט די אויגען.

— וואַרט, דו עבד עבדים, גאָר אין קורצען וועלל איך הייסען אנגיסען דיין מיאוס מויל מיט דעם גאָלד, וואָס דו האָסט אַלליין געשמאָלצען, און דעמאָלס וועללען מיר זעהען, אויב דו וועסט דיך נאָך אַזוי גוט יחצן.

ברנבה האָט גאָר ניט געאַנטוואָרט, דער קלוגער פּראַצענטניק האָט וואָהל פערשטאַנען, אַז דאָס איז מעהר ניט ווי געזאָגט.

דערווייל איז דער מוראדיגער „באָק״ שוין געשטאַנען אויף זיין אָרט און איבער איהם איז געוועזען אויסגעשפּרייט אַ געפלאָכטענער דאַך פון ערבות, בעצויגען מיט לעדער, דאָס האָבען שוין די רוימער נאָכגעטהון די יודען.

— דער באָק! — האָבען ניט אויפגעהערט צו שרייען די רוימישע סאָלדאַטען — זאָללען מיר זעהען, וואָס די יודען וועללען אונז יעצט טהון.

גלייך נאָכדעם האָט געגעבען אַ שרעקליכען קלאַפּ.

יותפת'ס מויערען האָבען אַ ציטער געגעבען און פון הינטער די וואַנד האָבען

זיך געלאזט הערען יללות פון די יודישע ווייבער און קינדער; די געשרייען האבען אנגענומען פאר'ן הארצען.

— וואהל געטראפפען! — האבען די רוימער וויטער געשריען, גלייך ווי אין צירק, ווען איין גלאדיאטאר [2] טרעפפט דעם צווייטען — יופיטער ווייזט זיינע גבורות.

— יא, געטראפפען! — האט אויך מיט נקמה זיך אבגערופען בירניקה ווען זי האט געהערט די געשרייען, — יופיטער האט געטראפפען דעם יודישען גאטט גלייך אין הארץ!

די בעלאגערטע יודען האבען זיך אבער געריכט אויף די ביטטערע קלאפ פון דעם שרעקליכען „אנשיקענעס" און זיי האבען בעצייטענס מכין געווען א רפואה פאר דער מכה.

גלייך נאך דעם ערשטען שטויסס פון „דעם שלאק" האבען זיך בעוויזען די יודישע גבורים אויף די מויערען און אראבגעלאזען אויף די וואנד גרויסע זאק אנגעשטאפטע מיט פלעווען, כדי די קלאפ זאללען ניט טרעפפען גלייך אין מויער נור זיך אבשלאגען אן די ווייכע זאק.

„דער באק" האט נאך א מאל א זעטץ געגעבען, דאס מאל אבער שוין שטיללער, וויל ער האט זיך אבגעשלאגען אן די ווייכע זאק.

די רוימישע סאלדאטען האבען עס גלייך בעמערקט און בייז א געשריי געגעבען:

— דונער וועטטער! זיי האבען שוין ווידער עפעס אויסגעקלעהרט, פארשאלטען זאללען זיי ווערען מיט זייער שכל... זיי מיינען אונטערצוקויפען „דעם באק" מיט היי.

בירניקה האט עס אלץ צוגעקוקט און אויסגעהערט, איהר פערשטיינערט הארץ איז נאך מעהר געווארען אויפגערעגט געגען די אייגענע לאנדס-לייט.

וועספאסיאנוס איז אבער אויך געווען געווינט אין מלחמות, די יודען האבען איהם שוין אויסגעלערנט צו זיין פארזיכטיג...

און געגרייט אויף אלץ, די בשורה פון דעם נייעם איינפאלל מיט די זאק האבען שוין אויף איהם קיין רושם ניט געמאכט און ער האט געזאגט צו טיטוסען, וועלכער איז געשטאנען ניט וויט פון איהם און זיך צוגעקוקט ווי „דער באק" זעטצט אין יותפת'ס מויערען:

— רוף אהער די שניידערס מיט די „קאסעס", זאללען זיי שניידען די ציכיגע לאנקעס.

---

2) גלאדיאטאר — דאס זיינען געווען ס-עציעללע „גבורים" וועלכע פלעגען זיך שלאגען ביז בלוט אויף דער ארענע פון רוימישע צירקען, אין געגענווארט פון דעם קיסר און דאס גאנצע פובליקום. דאס גראעססטע פערגעניגען פאר די ווילדע מע-שען פלעגט זיין צו זעהען ווי דער מנצח דערהרגעט דעם שוואכערען.

אין עטליכע מינוט ארום זיינען געקומען „די שניידער" מיט לאנגע קאסעס און די זאק זיינען איינער נאך דעם אנדערן אראבגעפאללען אויף דער ערד.

דער „באק" האט יעטצט געארבייט מיט נייע קראפטען,

דעמאלס האבען זיך די בעלאגערטע בעשלאססען אויף נאך א גראססערן געפאהרליכען איינפאלל.

זיי האבען זיך צוטיילט אויף דריי פארטיעס און בעפאללען די רוימער פון דריי זייטען.

יעדער יודישער סאלדאט האט געהאלטען אין האנד א גרויסען פאק טרוקענע צווייגען, בעגאססען מיט סמאלע און שוועבעל.

די מינוט האט זיך עס אלץ אנגעצונדען מיט א מאל און פון ווייטען האט עס אויסגעזעהען, ווי ברענענדיגע וועלדער טראגען זיך אויף דעם שונא'ס וואל און די ווארף-מאשינען, אלץ איז געשטאנען אין איין פייער. זינט זיי לעבען האבען די רוימער נאך אזוינס ניט געזעהען ווילד זיינען זיי געלאפען פון דער אונפערהאפטער שרפה און שוין געקלעהרט וועגען די אללע ווארף-מאשינען וואס זיינען געבליבען שטעהען ווי אהן א בעל-הבית.

— אה, אדוני! — האט בירניקה תשובה געטהון, ווען זי האט פלוצלונג דערזעהען דעם ים מיט פייער, וועלכער איז געוועזען אים שטאנד צו פערפלייצען זי מיט אללע רוימישע לעגיאנען — גאטט פון מיינע עלטערען, כ'האב געזינדיגט געגען דיר... האב רחמנות אויף דיין דיענסט! אה, גאטט פון אונזערע אבות אבותינו... האב רחמנות...

דער פייער איז געווארען וואס א מאל שטארקער... די גאנצע האלצערנע געביידע האבען זיך אנגעצונדען און דער פלאמם האט געטראסקעט, די לופט איז געווארען פולל מיט דונסט און דער מערב ווינד האט געטראגען די פונקען אויף דעם רוימישען לאגער.

וועספאסיאנוס איז געווארען אויפגערעגט און כדי איינצושטיללען דאס איבערשראקען מיליטאר איז ער אלליין ארויסגעלאפען אויף זיין רייט-פערד און מיט א ריזיגען קול בעפאהלען צו ברינגען נייע ווארף-מאשינען און נאך מיט מעהר כח שטעטערען די וואנד. און איין מאל פאר אללע מאל מאכען א סוף פון דעם פערפוילטען נעסט.

— נאך א מאל „דעם באק" — האבען די סאלדאטען ווידער מיט פריש מוט זיך אבגערופען — דער אנפיהרער אלליין געהט פאראוים —

דער אונבעזיגטער וועספאסיאנוס... „דעם באק". דעם באק".

און די אויסטערלישע מאשינע האט ווייטער אנגעהויבען צו ארבייטען מיט א שרעקליכען כח, די וואנד האט געציטערט, גלייך ווי א לעבענדיגע.

— וואהל געטראפפען! — האבען די רוימער הויך געשריען.

פלוצלונג האט זיך אויף דער וואנד בעוויזען א ריזען – פיגור, אין דער האנד האט ער געהאלטען אגרויססען שטיין.

בירניקה האט דערקאננט דעם ריז פון דערווייטענס, אבוואהל דעם „פערון" האט איהם פערשטעללט, זי האט דערקאננט אלעזר בן שמעי, דער גבור פון גליל, וועלכען זי געדיינקט נאך פון דעם טאג אן, זינט זי האט געהאלטען איהר רעדע. זי האט איהם דעמאלט בעמערקט, ווייל ער איז געווען מיט זיין וואוקס האהער פון אללעמען.

די רוימער האבען איהם אויך דערזעהען און מיט מעהר כח א קלאפ געגעבען מיט דער מאשין.

די וואנד האט ווידער א צאפעל געגעבען, אין דעם זעלבען מאמענט אבער האט דער יודישער גבור מיט אזא אימפעט א ווארף געגעבען זיין שטיין, אז „דעם באקס" קאפ איז אראבגעפאללען אויף דער ערד. די רוימישע סאלדאטען האבען זיך איבערגעשראקען.

– דאס איז ניט קיין מענש, נור מארס אליין – האבען זיך געהערט קולות.

– אה! אדוני, אה יופיטער! – האט בירניקה צומישט געשריען און שוין אליין ניט געוואוסט צו וועמען זי זאלל פריהער מתפלל זיין.

דער יודישער גבור האט זיך אבער ניט בענוגענט מיט דעם ערשטען נצחון, ער איז פלינק אראבגעשפרונגען פון דער וואנד, אויפגעהויבען דעם באקס אראבגע-קלאפטען קאפ און צוריק ארויף אויף די וואנד.

אין וועג האבען איהם אבער געטראפען פינף פיילען פון די ערבישע שיסער און ער איז טויט צוריק אראבגעפאללען אויף דער ערד.

דעם גבורס מפלה האט צוגעגעבען מוט וועספאסיאנוסען.

ער האט שוין פערגעסען די גאנצע פארזיכטיגקייט און צוגעלאפען האסטיג אויף זיין פערד צו דעם ארט, אויף וועלכעם דער יודישער גבור איז געפאללען טויט.

– מיט מיר, איהר בעזיגער פון דער וועלט! – האט ער געשריען און אנגע-וויזען מיט דער פיקע אויף די געפלאטצטע וואנד.

קוים אבער האט ער געענדיגט דאס לעטצטע ווארט, איז אין זיין פוס ביי דער קניע אביין דעם גבור נתרא'ס פייל און פוליפוס מיט זיין פייל האט איהם געטראפפען אין פאנציר.

די מינוט האבען איהם פערשטעללט די לייב-וואכטער מיט זייערע פאנצערעס, יעטצט אבער האבען זיי בעמערקט, אז פון זיין קניע געהט בלוט...

– אה, דו בייזער גהנום! דער אנפיהרער אליין איז פערוואונדעט! דער אונבע-זיגבארער וועספאסיאנוס איז געראניעט!! –

– האבען געשריען די לייב-וואכטער, און ווי א בליץ איז דורכגעלאפען די

יעה דורך אללע לעגיאנען, וועלכע האבען אוועקגעווארפען אללע ארבייט און ווי א מויער ארומגערינגעלט דעם אנפיהרער.

— דאס האט נאך געפעהלט צו אונזערע צרות — האט געבראכען מיט די האנד בירינקה.

— דאס רעכענט זיך אב מיט דיר גאטט, וואס דו האסט מחלל השם געווען — האט טרויעריג געזאגט אגריפוס — דו האסט דענן פערגעסען, וואס גאטט האט געזאגט דורך זיינע נביאים: „אל נקמות ה'", ער פערשווייגט ניט, און דיין יופיטער קענן גאר ניט העלפען געגען איהם...

וועספאסיאנוסעס וואונדען זיינען געווען אהן סכנה. זיי האבען אבער שרעקליך אויפגעהעטצט די רוימישע סאלדאטען. יעדערער פון זיי — ערצעהלט די געשיכטע פון דער מלחמה — האט געוואלט זיין דער ערשטער און זיך נוקם זיין פאר דעם אנפיהרערס פארגאסענע בלוט. איינער האט צוגעגעבען מוט דעם אנדערען און אללע צוזאממען האבען ניט אויפגעהערט צו שמעטטערען יותפת'ס מויערען.

ס'איז געווארען פינסטער און ס'האט זיך אנגעהויבען א שרעקליכע נאכט.

די וואנד איז שוין געווען האלב צושמעטטערט. וואו ניט וואו האבען זיך שוין בעוויזען לאכער.

— א שרעקליכע נאכט!

דער בעשרייבער פון דער מלחמה, אליין א מיליטאר-מענש, שילדערט שרעקליך אב די נאכט.

„די ווארף-מאשינען האבען חרוב געמאכט אלץ ארום זיך, א שטיין האט געטראפען א יודען וועלכער איז געשטאנגען אויף דער וואנד, און דעם יודענס קאפ איז אוועקגעפלויגען א שטיק וועגס ווייט פון דעם גוף.

„א טראגעדיגע יודענע איז צופאלליג ארויסגעגאנגען אויף דער גאסס. און א שטיין פון די ווארף-מאשינען האט זי געטראפפען און מיט א כח ארויסגעווארפען דאס נפעלע אויף דער צווייטער גאסס.

„אזא כח האט געשטעקט אין די ווארף-מאשינען.

„נאך שרעקליכער איז געווען דער גערויש פון די ארמאטען און דער ליארם און דאס פייפעריי פון די פיילען. יעדער מינוט האט די ערד געציטטערט פון די טוידטע קערפערס, וועלכע זיינען מיט א אימפעט אראבגעפאללען פון די וואנד, און ביי יעדעם פאלל פלעגט זיך אויפהויבען א ילֵלה פון די ווייבער אויסגעמישט מיט די קרעכצען פון די גוססים.

„אויף דעם ארט, וואו ס'איז פארגעקוממען די מלחמה איז די גאנצע וואנד געווען בעגאססען מיט בלוט און די טוידטע פגרים זיינען געלעגען אויף א בארג. איינער אויף

„דעם אנדערן גלייך ווי אַ ליטער. דאס געראויש האט זיך נאך אָבגעשלאָגען מיט אַ
„ווידער קול אין די בּארג און דער געפילדער איז געוואָרען נאך גראָססער, ס'האָבּען
„גיט געפעהלט קיין שרעקליכע בּילדער פאר די אויגען און מוראדיגע געשרייען פאר
„די אויערען".

אַזוי ווערט געשילדערט די נאכט נאכדעם ווי וועספּאַסיאַנוס איז געוואָרען גע־ראַניעט.

ער האט געהייסען איבּערטראָגען זיין בּעטטעל אויף דעם טהורם די גאנצע נאכט איז ער געלעגען מיט אַ באנדאזירטער פוס און די אויגען ניט אָראָבּגענומען פון דער מלחמה.

בּירניקה איז פון איהם ניט אָבּגעטרעטען און דערלאַנגט דעם רוימישען לייב די בּערוהיגענדע געטראַנק.

ערשט פאַרטאָג האט וועספּאַסיאַנוס איינגעדרעמעלט אויף אַ קורצע צייט און ווען אַגריפּוס איז שטילערהייט ארויף אויף דעם טהורם האט ער בּעמערקט אַז זיין שוועסטער זיצט אָנגעשפּאַרט אויף בּיידע הענד און שלאָפט אויך געשמאַק.

דער שלאָף האט וועספּאַסיאַנוסען אויפגעפרישט און ער האט זיך געשטארקט צו ווייזען מיט אַ פריער מיענע, אַז די פוס טהוט איהם שוין ניט וועה. ער האט גלייך בּעפאָהלען צו בּרינגען אַ קרבּן פאר די גאָטטער און מיט מעהר פרישקייט זיך צו געהמען צו די פעסטונג, וועלכע ס'איז שוין בּעשערט געוועזען אונטערצוגעהן זיינע לעגיאָנען האט ער אַלליין בּעגלייט...

יוסיפון ערצעהלט אין זיין געשיכטע, אַז ווען די ווייבּער און די קליינע קינדער פון יותפת האָבּען דערזעהען ארום זיך פון אַללע זייטען דעם שונא און ווען זיי האָבּען נאָכדעם בּעמערקט אַז די רוימער קוממען צו וואס אַמאל נאהענטער, די בּארג ארום די פעסטונג גלאַנצען פון געוועהר און פאַנצערס און די ערבּישע שיסער האלטען גע־גרייט די פיילען-בּויגענס און וואַרטען נור דעם בּעפעהל צו שיסען — איז דעמאָלס געוואָרען אין יותפת אַזא יללה, גלייך ווי מען בּעוויינט אַ טויטען.

אַט האָבּען אויף דעם געגעבּענעם סיגנאַל אַ בּלאָז געגעבּען די טרובּעס פון אַללע לעגיאָנען, דאס מיליטאר האט אין איין קול אַ געשריי געגעבּען און פון אַללע זייטען האט אויסגעשאָסען מיט אַמאל, אַז די ערד האט געציטטערט און דער הימעל איז שוואַרץ געוואָרען פון שטיינער און פיילען, גלייכצייטיג זיינען אַריבּערגעוואָרפען גע־וואָרען אויף די וואַנד געמאַכטע בּריקען...

— אַה, וועה נור וואס די יודען טהוען — האט זיך פון שרעק געטרייסעלט בּירי־ניקה, אָנגעהמענדיג אַגריפּוסען פאר די האַנד — גאָטט העלפט זיי ווידער!... אַה אדוני!... און ס'איז געוועזען וואס צו זעהען...

נאך עהדער ווי די רוימער האָבּען זיך צייט גענוממען אַ פוס צו שטעללען אויף די שטורם-בּריקען, וואס זיי האָבּען ערשט ניט לאַנג אַריבּערגעוואָרפען איבּער זייער

וואל און יותפת'ס וואנד, האבען די יודען שוין פערנומען דעם פלאַטץ און מיט א זעלטענעם אימפעט אבגעשטויסען דעם שונא פון זייערע אייגענע בריקען.

— צערעפאכעס! צערעפאכעס! — — האט וועספאסיאנוס הויך בעפאהלען.

— צפרעפאכעס! צערעפאכעס! — האבען איהם נאכגעשריען די טריבונען מיט די צענטוריאנען.

און די געניטע רוימישע סאלדאטען האבען די מינוט ארונטערגעכאפט פון זיך די פאנצערס און זיי אויסגעצויגען גלייך ווי לעבענדיגע צערעפאכעס פון דער יבשה איינע נעבען די אנדערע, א פעסטער דאך פון קינסטליכע צערעפאכעס האט יעטצט בעדעקט זייערע קאפ און אויף אזא ארט האבען זיי זיך ביסלעכווייז אויפגעהויבען וואס א מאל העכער צו די בריקען.

— ס'איז שוין געקומען א סוף אויף יותפת — האט שוין לייכטער אבגעצויגען דעם אטעם ביריניקה — יעטצט וועט זיי שוין גאטט אליין ניט העלפען...

די שאנע פרינצעססין האט זיך צו פיעל געאיילט מיט איהר פסק.

אין דער געשווינדיגקייט האט זי ניט געהערט ווי יוסיפון האט געשריען פון אלע כוחות:

— שמאלץ גיבט אהער, יודישע קינדער, וואס מעהר שמאלץ.

און גלייך ווי פון א קוואל האט זיך א גאסס געגעבען פון דערהויך א מבול פון קאכעדיגעם שמאלץ.

די סאלדאטען אונטער די צערעפאכעס האבען זיך צושריען ווי קליינע קינדער פון גרויסס שרעק און יסורים.

— מיט א גוואלט-געשריי — ערצעהלט די בעשרייבונג — זיינען די אבגעגאססענע סאלדאטען געפאללען פון די וואנד און פון די בריקען, דער קאכעדיגער שמאלץ איז גערינען איבער די געוועהר און אבגעבראנדט די הויט איבערן גאנצען קערפער, פון קאפ ביז די פיסס. די צערעפאכעס האבען נאך מעהר צוגעדריקט די סאלדאטען, וועלכע האבען ניט געקענט אזוי לייכט אנטלויפען פון דעם הייססען שמאלץ-מבול...

דער ערשטער שטורם איז אלזא ניט געראטען. די סאלדאטען זיינען זיך צו-לאפען אבגעבריטערהייט און פון די צערעפאכעס איז גאר ניט געבליבען...

וועספאסיאנוס האט אבער מוט ניט פערלאהרען. דאגעגען ביריניקה איז גע-ווארען אויסער זיך.

— זיי מתפלל צו אונזער גאטט, ברודער אגריפוס! — האט זי אויפגעהויבען די האנד צום הימעל — אה, אדוני אלהים! זיי מיר מוחל וואס כ'האב מחלל השם גע-ווען! מיט רחמנות, גאטט, אונזער גאטט, מיט רחמנות!

וועספאסיאנוס האט בעפאהלען אויפצושפיעלען א סיגנאל אז די ערשטע ליגיע זאלל אבטרעטען צוריק.

— אַיִם מִיט פֶּעטְן אִיז בַּיי זֵיי דָא — הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען צוּ שִׁיטוּסָען, וֶועלכֶער אִיז פוּן אִיהם נִיט אָבְּגֶעטְרֶעטֶען אוֹיף אַ טְרִיטְט — זֵיי הָאבֶּען אָבֶּער אוֹיף מַייְנֶע צֶערֶעפַּאכֶּעס אוֹיסְגֶעגָאסֶען זֵייעֶר רֶעשְׁט בִּיסִיל שְׁמַאלְץ; מֶעהר אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי נִיט גֶעבְּלִיבֶּען.

אוּנ אוֹיף דֶעם סָמֶךְ הָאט וֶועספַּאסְיָאנוּס בֶּעפָאהלֶען צוּ מַאכֶען נַייֶע צֶערֶעפַּאכֶּעס פוּן פְרִישֶׁע סָאלְדַאטֶען, וֶועלכֶע הָאבֶּען נָאךְ נִיט פַארְזוּכְט יוּדִישֶׁען שְׁמַאלְץ.

צוּזַאמֶען מִיט דֶער גְבוּרוֹת הָאבֶּען יוּדֶען אוֹיךְ בֶּעוויזֶען זֶעלְטֶענֶע חֲרִיפוּת אוֹיף נַייֶע הַמְצָאוֹת. קוֹים אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דֶער שְׁמַאלְץ, הָאבֶּען זֵיי אוֹיף גֶעשְׁווִינְד אוֹיסְגֶעקָאכְט קָאנָאפְּלֶעס אוּנ מִיט זֵייעֶר זַאפְט בֶּעגָאסֶען דִי שְׁטוּרֶם־בְּרִיקֶען, דֶער אֵייל צוּזַאמֶען מִיט דֶעם פָאדֶעם פֶערְגָאסֶענֶעם שְׁמַאלְץ, הָאבֶּען אַזוֹי גְלִיטְשִׁיג גֶעמַאכְט דִי בְּרִיקֶען, אַז סְ'אִיז גֶעוָוארֶען אַ אוּנמֶעגְלִיכֶע זַאךְ אוֹיף זֵיי אַרוֹיפצוּגֶעהֶען.

אוֹיף דֶעם סִיגְנַאל פוּן דִי טְרוּבֶּעס הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען דִי נַייֶע „צֶערֶעפַּאכֶּעס" זִיךְ אוֹיפצוּהוֹיבֶּען אוֹיף דִי בְּרִיקֶען. קוֹים אָבֶּער הָאבֶּען דִי סָאלְדַאטֶען גֶעשְׁטֶעלְט אַ פוּסס אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶעטֶער, הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיצְט אוּנ דִי „צֶערֶעפַּאכֶּעס" זַיינֶען זִיךְ ווִידֶער צוּפַאלֶען.

— שְׁלַאנְגֶען זָאלְלֶען מִיט זֵיי מִלְחָמָה הַאלְטֶען אָבֶּער נִיט מֶענְשֶׁען — הָאט בַּייז גֶעמוּרְמֶעלְט וֶועסְפַּאסְיָאנוּס — דָאס אִיז נִיט קַיין פָאלְק נוּר אַ בַּאנְדֶע שֵׁדִים.

דֶעם בֶּעזִיגֶער פוּן בְּרִיטַאנְיֶען אִיז נִיט אַזוֹי לַייכְט גֶעוָוען מוֹחֵל צוּ זַיין אוֹיף זַיין שְׁטָאלְצִיגְקַייט אוּנ גְלַייכְגִילְטִיג צוּ צוּקוּקֶען, וָואס זֶעס וֶוערְט פוּן זַיינֶע אוּנבֶּעזִיגְטֶע לֶעגְיָאנֶען, וֶועלכֶע הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט זֶעהֶען דִי סַכָּנָה אוּנ מִיט אִימְפֶּעט גֶעלָאפֶען צוּ דִי בְּרִיקֶען, כְּדֵי גְלַייךְ נָאכְדֶעם פוּן דָארְטֶען אַרָאבצוּפַאלְלֶען טוֹידְט אוֹיף דֶער עֶרְד.

— נִיט דִי סָאלְדַאטֶען, עֶרְצֶעהלְט דִי בֶּעשְׁרֵייבוּנג, — וָואס זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק, אוּנ נִיט דִי, וֶועלכֶע זַיינֶען אִיבֶּער דִי כּחוֹת גֶעלָאפֶען ווַייטֶער. בֵּיידֶע זַיינֶען נִיט גֶעוֶועןْ אִים שְׁטַאנְד צוּ בְּלַייבֶּען שְׁטֶעהֶען אוֹיף דִי גְלַייכֶע פִּיסס.

דִי עֶרְשְׁטֶע הָאבֶּען זִיךְ אַרָאבְּגֶעגְלִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ גְלַייךְ צוּטְרֶעטֶען גֶעוָוארֶען אוּנטֶער דִי פִּיסס פוּן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בְּרִידֶער אוּנ דִי אַנְדֶערֶע זַיינֶען אַרָאבְּגֶעפַאלְלֶען אוֹיף דֶעם וַואל, וואוּ סְ'הָאבֶּען זֵיי נַאכְבֶּעיָאגְט דִי יוּדִישֶׁע פַּיילֶען; בֵּיידֶע הָאבֶּען מִיט טְרֶערֶען גֶעבֶּעטֶען אוֹיף זִיךְ דֶעם טוֹידְט אוּנ קְרֶעכְצֶענְדִיג אִין שְׁמֶערְצְלִיכֶע קָאנְווּולְסֶען גֶעשָׁאלְטֶען דֶעם הִימֶעל אוּנ דִי עֶרְד.

בִּירִינִיקָה, בְּלַאסס ווִי אַ מַארְמוֹרְנֶער בִּילְד, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם טְהוּרֶם אוּנ גֶעצִיטֶערְט מִיט דֶעם גַאנְצֶען קָארְפֶּער.

זִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִי הָאנְד אִין דֶער הוֹיךְ אוּנ גֶעבֶּעטֶען דֶעם גָאטְט פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, פוּן וֶועלכֶעם זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט אֵיין מָאל אָבְּגֶעזָאגְט.

ס'איז ווידער געוואַרען פינסטער און וועספאסיאנוס האט בעפאהלען אויפצו־
הערען אויף היינט די מלחמה.

XIII.

רחמנות אכזריות.

אנדערהאלבען מאנאט האט געדויערט דאס בעלאגערונג פון יותפת אויף דעם זיעבען און פיערציגסטען טאג איז אונפערהאפט אריינגעקוממען אין וועספאסיאנוס'עס פאלאטקע דער אלטער סאלאפיל, אנגעטהון ווי א בעטלער.

— שלום עליכם צו גאטטס שווערט, מיט וועלכעם ער בעשטראפט די זינדיגע מענשען — האט ער געזאגט צו דעם אנפיהרער פון רוימס לעגיאנען.

— הא, דער עדעלער סאלאפיל, דער יודישער דיאגענוס![1] — האט מיט א שמייכעל געאנטווארט וועספאסיאנוס — מיינע גאטטער זאללען בעגריססען דיין קומ־מען! זעטץ דיך אניעדער — מיך פרייד זעהער דיך צו זעהען, וואס ברינגסט דו נייעס קלוגער דיאגענוס?

— פון מיין קאפ קענן איך דיר גאר ניט זאגען — האט דער אלטער בעטלער זיך אבגערופען, כ'בין נור א שליח פון זיין ליעבען נאמען.

— א שליח? און ווער האט דיך צו מיר געשיקט?

— דער, וואס די וועלט איז פאר איהם צו קליין.

— אה, דאס מוז זיין א גרויסס בעשעפעניש, נאך גראססער פאר רוים, ווער איז דאס א זוינם?

— דער, פון וועמען ס'קוממט ארויס אלץ, וואס ס'איז דא און אהן איהם וואללט ניט געווען דאס, וואס איז.

— געעהרטער סאלאפיל! — האט וועספאסיאנוס ווייטער געשמייכעלט — כ'בין ניט קיין רעדנער און קיין געבילדעטער חכם. מיך האט מען ניט געלערנט צו טרעפפען חדות (רעטזעל) און כ'בין ניט קיין בקיה אויף שכלדיגע ווארטער... רעדט מיט מיר פראסט, וואס האט דיר געהייססען זאגען דער, וואס איז גראססער פון רוים?

— ער האט מיר בעפאהלען צו זאגען: לייג אריין דיין שווערט אין זיין שייד.

— אה! — האט מיט א איראניע איבערגעשלאגען דעם אלטענס רייד וועספאסיא־נוס — א מאל האסט דו אזוי ניט גערעדט, ווען כ'האב מיט דיין גאלד בעזיגט ברי־

---

1) דיאגענוס — א בעריהמטער גריעכישער פילאזאף.

טאניען. אך, סאלאפיל — דיין גאלד איז געווען מזלדיגער ווי ברנבה'ס... מיט דיין גאלד האב איך גאר אין א קורצע צייט בעזיגט גאנץ בריטאניען און מיט ברנבה'ס גאלד שלאג איך מיך שוין ארום דעם זיבען און פערציגסטען טאג מיט דער לומפיגער פעכטונג יותפת.

— כ'קומם טאקי פון דארטען.

— פון יותפת?

— יא... כ'זאג דיר נאך א מאל... וועספאסיאנוס... ליגט צוריק אביין דיין שווערט אין שייד... צו פיעל פערגאסען בלוט... דאס בלוט שרייט צו גאטט...

— עפעס האר איך גאר ניט ס'זאלל שרייען — האט זיך געוויצעלט דער רוימישער אנפיהרער.

— זיי ניט מחלל השם, גאטצענדיענער! — האט האלב אין כעס בעמערקט סאלאפיל.

— איך רעכט, קלוגער דיאגענוס! — האט שוין ערנסטער זיך אבגערופען וועספאסיאנוס — דו האסט דאך מיר געוואללט עפעס זאגען איבער יותפת, אלזא איך האר.

— האר־זע מיט קאפ; איך, סאלאפיל, בין געקוממען דיך צו לערנען ווי צו'ור איינצונעהמען יותפת.

— און דו האסט גאר ניט קיין רחמנות אויף דיינע ברידער? — האט זיך דער רוימישער אנפיהרער געוואונדערט.

— ניין, רחמנות, אין דעם פאלל, הייססט אכזריות... ווייל איך בין א יוד קענן איך שוין מעהר ניט גלייכגילטי'ג אנקוקען ווי ברידער פיהרען צווישען זיך אזא בלוטיגע מלחמה...

אללע זיינען ברידער, די רוימער ווי די יודען... די ערשטע בעפאללען און די אנדערע לאזען זיך ניט, אזוי איז דער מנהג פון דער וועלט. יודען זיינען אבער ניט אזא פאלק, גלייך ווי די, וואס רוים האט שוין מנצח געווען. יודישע קינדער גיבען זיך פרייוויללי'ג ניט אונטער — נור זיי האלטען פלאץ ביז דעם לעצטען אטעם, ביז דעם לעצטען בלוטס־טראפפען! און ווי פיעל איז שוין פערגאסען רוימיש בלוט! קוק דיך גוט אום, וועסט דו זעהען, ווי פיעל סאלדאטען דו האסט פערלאהרען פון דיין מיליטאר אין די 46 טאג. דעריבער בין איך געקוממען צו דיר, רוימס שווערט, מיט א עצה. ווי אזוי דו זאללסט בעזיגען יותפת און דאביי גאנץ ווענינ פערגיסען פריש בלוט.

— און דאס זאגט א יוד? — האט וועספאסיאנוס געפרעגט מיט א מינע פון א מענשען, וואס גלויבט ניט אין דעם, וואס זיינע אויערען הערען.

— יא, דאס רעדט א יוד פון גליל. דערצו אבער א מענש, וויססען זאללסט דו אלזא, רוימס שווערט, אז די בעלאגערטע יותפת'ס־לייט ווערען אזוי מיעד אין דער מלחמה ביי טאג, אז יעדע נאכט בלייבען זיי ליעגען אבגעמאטערט גלייך ווי טוידטע

פארטאג שלאפען איין אפילו די וואכטער... דאס האב איך אליין געזעהען מיט מיינע אייגענע אויגען, ווען איך בין געווען אין יותפת.

אט ערשט ניט לאנג בין איך אויך ארויסגעגאנגען פון שטאדט און קיינער פון די פערשלאפענע וואכטערס האט מיך ניט בעמערקט:

עטליכע זיינען געווען אנגעלעהנט אויף די געוואהר און געדרימעלט, אנדערע האבען זיך אנגעשפארט אן די וואנד און עטליכע האבען זיך זאגאר אויסגעצויגען ברייטליך אויף דר'ערד און אונטערגעלייגט די פאנצערס צו קאפען.

וועספאסיאנוס האט זיך שוין יעטצט איינגעהארט מיט גרויסס כונה.

סאלאפילס רוהיגער, ערנסטער טאן האט אויף איהם געמאכט א רושם. פונדעסט־וועגען האט ער געוואללט זיין פארזיכטיגער. ווער ווייסס, „א יודישע נשמה איז ניט צו שאטצען"...

דארטען קענן זיין א פערבארגענע כונה... א אויבער המצאה.

— סאלאפיל! — האט וועספאסיאנוס נאך א קורצער פויזע געפרעגט און שארף אנגעקוקט דעם יודישען בעטלער אין די אויגען — דו האסט געזעהען וואס פאר א סוף קאסטאבאר האט געהאט.

— כ'האב געזעהען — האט דער אלטער געאנטווארט — ער איז געשטארבען בתליה. דאס איז איינער פון די בעסטע טוידטען פאר דעם, וואס שטארבט על קדוש השם. איבריגענס האב איך דאס מייניגע געטהון און געזאגט, וואס מען בעדארף. יעטצט מאגסט דו טהון, ווי דו פערשטעהסט.

און ביי די ווארטער איז סאלאפיל האסטיג ארויס פון דער פאלאטקע.

וועספאסיאנוס איז געבליבען אלליין, ער האט זיך שטארק פערטראכט.

— ס'איז א יושר צו זעהען — האט ער א מורמעל געגעבען — אפשר האט דער בטלן רעכט. לויט'ן שכל נאך איז ער ניט ווייט פון וועג. עפעס רעדט ער דאך יא צו דער זאך — וואס ווייניגער בלוט פערגיססען איז אלץ גלייכער... ביי בטלנים און משוגעים אין קאפ פערוואלגערט זיך גאנץ אפט א טיעפער געדאנקען גלייך ווי א ווילדען שטיין גאלדענע קארענדלעך... ער האט רעכט...

פאר טאג שלאפט יעדערער געשמאק, הארט... און מיט יותפת איז שוין טאקי צייט צו מאכען א סוף...

מיין מושל דער קאמענדאנט קענן נאך מיינען אז כ'בין דא אויך איינגעשלאפען אזוי ווי דאמאלס אין רוים אויף דעם מאהלצייט, ווען נירון קיסר האט זיך געבראכען פאר אונז, גלייך ווי א קונצענמאכער אויף א יריד, כ'וואללט איהם געוואונשען אהער־קוממען און זיך שלאגען מיט די יודען... געוויסס איז לייכט צו קאממענדירען פון דערווייטענס, ליגענדיג ביי זיך אין שטוב אויף דעם געלאגער.

ביי די לעטצטע ווארטער האט זיך דער פארהאנג פון דער פאלאטקע אויפגע־הויבען און בירניקה האט זיך בעוויזען אין איינגאנג.

— ס'איז ערלויבט אריינצוגעהען? — האט זי געפרעגט.

— א געטין פרעגט ניט נאך קיין ערלויבניס, זי מעג אומעדום אונ שטענדיג קומען — האט מיט א שמייכעל געענטווערט וועספאסיאנוס אונ זיך אויפגעהויבען אנטקעגען די יודישע פרינצעססין. — פאר די שאנע גיגעיא 1) איז שטענדיג די טהיר אפען אונ נאך מעהר מיין טהיר, ווייל וועספאסיאנוס וועט קיין מאל ניט פערגעססען ווי די שאנע גיגעיא איז געזעסען ביי זיין קראנקער בעט.

— איך וואלט אבער בעסער געוואלט זיין קאססאנדרא 2)? —

האט בירעניקה ערנסט געענטווערט — וועלכע האט נביאות געזאגט אויף טראיאס חורבן.

— פאר וואס? — האט וועספאסיאנוס זיך געוואונדערט.

— כדי אנצוזאגען יוהתפת'ס אונטערגאנג.

— הא! — האט דער אלטער האלב ביז א ברוגז געגעבען, ערשט יעמצט האט ער פערשטאנען דעם וויטץ.

— היינט — האט ווידער אנגעהויבען בירעניקה אונ זיך געמאכט ניט הארענדיג זיין בעמערקונג — איז געקומען פון רוים מיינער א קרוב, וועלכער שטודירט דארטען פערשידענע גריכישע אונ לאטיינישע חכמות. ער האט מיר געבראכט א בריעף פון די גאטליכע פאפעיא, דעם קיסר'ס פרוי.

— וואס שרייבט זי? — האט שוין אויך ערנסט געפרעגט וועספאסיאנוס.

— זי גיבט אנצוהערענס אז איהר מאנן, נירון קיסר הויבט אן ביז צו ווערען אויף דעם אנפיהרער, וועלכער ווייסס ניט ווי אזוי א סוף צו מאכען מיט אזא קליינער פעסטונג ווי יוהתפת איז. —

וועספאסיאנוס'עס פוללע באקען זיינען בעדעקט געווארען מיט רויטע פלעקען. ער האט זיך אבער מיט שטאלץ געשטארקט צו פערבארגען דעם עגמת-נפש פון דער ניט גוטער בשורה.

ער האט ניט מורא פאר נירון קיסר, אין זיינע לעגיאנען איז ער זיכער, זיי וועללען פאר איהם געהען אין פייער אונ אין וואססער, ס'איז גענוג איין פיפס זיי זאללען איהם אויף די האנד אריינטראגען מיט טריאומף אין רוים. דער קיסרת'ס בריעף האט נור בעליידיגט דעם כבוד פון דעם אונבעזיגטען אנפיהרער.

— היינט אויף דער נאכט נאך — האט ער געזאגט נאך א קורצע פויזע — האפף איך א סוף צו מאכען מיט „דער קליינער פעסטונג", וואס שטעהט אזוי רוים אין די אויגען. כ'בין נור וואס געווארען געווארען וויכטיגע נייעס פון דעם בטלן, וועלכער איז ערשט ניט לאנג ארויסגעגאנגען פון מיר.

---

1) גיגעיא — האט געהייסען ביי די רוימער די גאטטין פון געזונדהייט, אזוי ווי ביי יודען דער מלאך רפאל.

2) קאססאנדרא — א נביאה, וואס האט געזאגט פאראויס, אז טראיא וועט חרוב ווערען.

— װער, סאַלאַפּיל?

— יאָ, ער קומט יעטצט פון יותפת.

— ער איז אָבער אַ געפּאַהרליכער בטלן — האט בּירעניקה בּעמערקט — ער געהאַרט, דאַכט זיך צו דער פינסטערער סעקטע, װאס איז כופר אין אַלץ, די װילדע בּרואים זאָגען אַז די רייכע לייט האָבען צוגענומען זייער עשירות בּגנבה פון די אָרעמע לייט; מיר זיינען אַלזאָ לויט זייער מיינונג, רוצחים, גנבים... די סעקטע האט איינגעפיהרט אַ געװיסער יודישער בעטלער פון גליל, װעלבער האט זיך איינגערעדט אַז ער איז דער יודישער קיסר, איך בּין נאָך דעמאלס געװען אַ קינד און געדיינק װי מען האט דעם בעטלער געפיהרט הייגגען.

— כ'האָב עפּעס אויך געהאַרט פון דעם — האט װעספּאַסיאַנוס פערטראַכט געאַנטװאָרט — אין רוים פעהלען יעטצט ניט די סעקטע-לייט, װאס אַ מאל װערען אַלץ מעהר בטלנים...

ביי די װאַרטער איז אַריינגעקומען טיטוס. בּירעניקה'ס בעזוך אין פּאַטערס פּאַלאַטקע האט איהם עטװאס אויפגערעגט.

— כ'האָב מיך בּעשלאָסען היינט ביי דער נאַכט דורכצואוס חרוב צו מאַכען דעם פערפּוילטען נעסט — האט װעספּאַסיאַנוס געזאָגט און אָנגעװיזען מיט דעם פינגער אויף יותפת —

איך בּין היינט געװאָהר געװאָרען װיכטיגע ידיעות. יותפת'ס לייט װערען אַזוי אָבגעשװאַכט ביי טאָג פון דעם שטענדיגען ראַנגלען זיך, אַז ביי נאַכט בּלייבען זיי ליעגען װי טויטע, און זאָגאַר די װאַכטער, װאס שטעהען אויף קאַראַאול, שלאָפען אויך איין פּאָר טאָג, אַלזאָ, מיין זוהן דו צונאַממען מיט דעם טריבון סאַבּינוס, װעט איהר אויסקלייבען די פעהיגסטע און שטאַרקסטע סאָלדאַטען פון דעם פינפטען און צעהנטען לעגיאָן און היינט ביי דער נאַכט, גאַנץ פריה פאַר טאָג, װען דער טהוי װעט נאָך בעדעקען די ערד, זאָללט איהר גאַנץ שטיל זיך אַריינגנבהנען אין פעסטונג און אָהן געראַדער אויסשכטען אַללע סאָלדאַטען, װעלבע שטעהען אויף דעם קאַראַאול און גלייך נאָך אייך װעללען די איבּריגע טריבונען אַריינפיהרען דאס רעשט מיליטער אין שטאָדט.

היינט מוז עס נעהמען אַ סוף, ס'פעהלט שוין געדולד. דו מוזט אָבער אַללעמען אָנזאָגען אַז פון דעם טאָרען זיי אין יותפת אויף קיין פאלל זיך ניט דערװיסען פאַר דער צייט. אַללע טריבונען און צענטוריאָנען זיינען פעראַנטװאָרטליך פאַר דעם סוד, כ'בּין ניט מקנא דעם, װער ס'װעט ניט האַלטען סוד......

אַלץ איז געשעהען אַזוי װי װעספּאַסיאַנוס האט געװאָללט.

די קאַראַאול — װאַכטער זיינען שלאָפענדיג דערהרגעט געװאָרען פון די רוימישע שװערטען.

די פעסטונג איז שוין געווען איינגענומען — ערצעהלט יוסיפון אין בעשרייבונג — דער שונא איז שוין געשטאנען אין מיטען שטאדט און די בעלאגערטע האבען נאך דעמאלס געשמאק געשלאפען און ניט געוואוסט פון וואס צו זאגען.

צום אונגליק איז נאך גראדע אין דעם פריה — מארגען געווען, א געדיכטער טהוי, און די וואס האבען זיך זאגאר אויפגעחאפט פון דעם אונפערהאפטען גערויש, זיינען ערשט שטארבענדיג געוואהר געווארען, ווי גרויס די סכנה איז געווען. די רוימער האבען זיך יעטצט אהן רחמנות נוקם געווען פאר די גאנצע צייט. זיי האבען גע־קוואללט און געממיתט אויף יעדען שריט און טריט, לעבענדיגע מענשען האבען זיי מיט רציחה געווארפען פון א הויכען בארג אונטען אראב אויף שטיינער.

אויסערדעם איז גאר געווען אונמאגליך. די יודען זאללען זיך אין אזא מעמד קענען פערטיידיגען, אלץ איז געווען געגען זיי; צוגעדריקט אין א שמאלע גאסעל אדער אויף א גליטשיגע סקאלע זענען זיי ניט געווען אים שטאנד די האנד אויפצוהויבען און האבען געמוזט קוקען דעם טויד גלייך אין די אויגען, און פון דעסטוועגען האבען זיי דא אויך ניט געשוויגען, און ניט ווארטענדיג אויף דעם שונא'ס, א קלאפ, זיך אליין דערשטיקט אדער ווי ס'איז געהרגעט.

סך הכל זיינען אין יותפת פערלאהרען געגאנגען אין דער קורצער צייט פערציג טויזענד יודען...

די צייט האט ניט גערוהט. די וועלט געשיכטע שלאפט ניט.

גלייך נאך יותפת'ס חורבן איז אומגעקוממען נירון קיסר. אויף איהם איז אויך געקוממען א סוף, און ער האט זיך אליין דאס לעבען גענוממען.

זיינע נאכפאלגער גאלבא אטטאן, און וויטעלליום האבען אויך לאנג ניט געוועלטיגט.

סוף כל סוף האט דאס מיליטאר צוגעשוואהרען געטריי צו זיין דעם נייעם קיסר וועספאסיאנוס.

פאהרענדיג אין רוים זיך צו בעזעטצען אויף דעם טראן האט דער נייער קיסר בעפאהלען דעם זוהן חרוב צו מאכען די יודישע מלוכה און טיטוס האט מקיים געווען דעם פאטערס צואה...

XIV.

די לעטצטע טאג פון ירושלים.

ירושלים איז אונטערגעגאנגען פון טאג צו טאג די בעלאגערטע יי

ניט געקוקט אויף קיין סכנה און זיך געראנגעלט מיט אללע כחות, ס'איז ניט מעגליך צו איבערגעבען מיט טוידטע ווארטער אללע זייערע גבורות, מיט וועלכע די יודישע העלדען האבען זיך מוסר נפש געווען פאר דאס געליעבטע פאטערלאנד.

דעם שונא איז נאך פיל מיהע און מאטערנעס געלונגען צו צושמעטטערען די צוויי וואנד, וואס האבען ארומגערינגעלט די שטאדט און נאך א בלוטיגער מלחמה צו צוטרעטען צום בית המקדש צו דער עזרה און טהורעמס, אין וועלכע ס'האבען זיך פערריגעלט דאס רעשטעל פערביסענע גבורים אונטער דער קאמאנדא פון די כהן גדול'ס יוחנן און שמעון.

א גאנץ זוממער איז שוין ירושלים בעלאגערט און יעטצט געהען די איינוואהנער אויס פון הונגער, דורך די שטאדטישע וואנד זיינען שוין ארויסגעווארפען איבער זעכציג טויזענד פגרים, וואס זיינען געשטארבען פון הונגער. 60000 טוידטע מענשען ווי שרעקליך איז פאר די לעבענדיגע.

יוסף פלאוויוס, אדער יוסיפון, וועלכער האט אויסגעוויזען אזוי פיעל פערשטאנד און גבורות ביי יותפת האט צום סוף אויך אראבגעלאזען די האנד, און פון גרויסס פערצווייפלונג אריבערגעגאנגען אויף די רוימערס זייט, ס'קענן זיין אז איהם האט זיך געדאכט, ער וועט אויף אזא ארט בעססער קענגען העלפען זיין פאלק און צייטענווייז איינשטיללען טיטוסעס רציחות, ווייל אללענפאלס איז ער געווען א גרויססער חשוב ביי די רוימער.

אין זיין טרויעריגער בעשרייבונג פון ירושלים'ס לעטצטע טאג ערצעהלט יוסיפון אזוי:

„אז די בעלאגערונג האט שוין געהאלטען ביים סוף האט טיטוס ארומגערינגעלט
„די שטאדט מיט וואלען און א טייל פון די רייטער ארויסגעשיקט אויפזוכען און צו
„חאפען די אנטשלאפענע יודען וועלכע האבען ניט געוואלט שטארבען פון הונגער
„אין ירושלים און מיט מסירת נפש זיך ארונטערגעלאזען פון די מויערען, כדי אין
„פעלד צו געפינדען, עפעס גרינם — אדער סתם גראז, אבי נור צו שטיללען דעם
„הונגער!... און אזעלכע אונגליקליכע האבען די סאלדאטען געפאנגען, וועניגסטענס
„פינף הונדערט א טאג און צו געשטעללט צו טיטוסען, וועלכער האט זיי באלד דן
„געווען למיתה.

„מען קענן ניט זאגען, ערצעהלט ווייטער יוסיפון, אז טיטוס האט עס געטהון
„פון בייזעם וויללען, געשווינדער האט ער דאביי געהאט זיין אויסרעכנונג, פריי צו
„לאזען פינף הונדערט יודען, וועלכע ס'איז ניט געווען אזוי לייכט צו קריגען דארויף
„האט ער מורא געהאט זיך צו בעשליסען. און האלטען זיי אין געפאנגענשאפט לעבע
„דיג האט ער אויך מורא געהאט ווייל מיט דער צייט וואלט די מחנה פון די יודישע
„געפאנגענע געווארען גראססער פאר זיין מיליטאר.

„אויססערדעם און אפשר דער. עיקר האט טיטוס גערעכענט דערויף איינצו„

„שרעקען די עקשנות. צו קוקענדיג דעם סוף פון זייערע ברידער וועלען אפשר די
„רעשט איינוואהנער פון ירושלים זיך אלליין אונטערגעבען.

„מיט ווענינער געפיהל אונ מיט מעהר אכזריות האבען די סאלדאטען זיך נוקם
„געוועזען אן די ארעמע געפאנגענע יודען, אין פערשידענע פאזען האבען זיי די יודישע
„הרוגים געצעלמט אונ אויסגעשלאגען מיט צוועקעס אין פערשידענע ארטער פון לייב,
„אונ ווי אויף צו להכעיס אויפגעהאנגען מיט'ן קאפ - אראב אדער איינעם אויף דעם
אנדערען.

„אין א קורצע צייט האט מען אויפגעהאנגען אזוי פיל יודען, אז ס'האט פער-
„פעהלט ארט אויף צלמים אונ צלמים אויף קערפערס.

„אללע וואלדער ארום ירושלים, וועלכע זיינען ניט אויסגענוצט געווארען אויף מאטער-
„יאלען צום לאגער, זיינען אויסגעהאקט געווארען אויף צלמים.

„מען בעדארף אויך ניט צו פערגעססען אז געצלמט צו זיין איז געוועזען ביי יודען
„געדעכענט פאר די גראססטע חרפה ערגער ווי געהאנגען אדער בעשאטען צו ווערען
מיט שטיינער.

נאך שרעקליכער שילדערט יוסיפון דעם הונגער.

אין שטארט בעשרייבט ער אין זיין היסטאריע. — האט דער ווייל דער הונגער
געמאכט א חורבן פון אלץ.

די גראסטע מלחמה, זאגאר אין די ארדענטליכסטע הייזער, צווישען אייגענע
מענשען, איז פארגעקומען צוליעב א בראק ברויט צוליעב א קארענדעל תבואה אדער
אנאנדער זאך. וואס ס'איז נור געוועזען מעגליך צו נעהמען אין די צאהנער אונ צו קאיען,
די בעסטע גוטע פריינד האבען זיך צוקריגט איבער דעם. די קינדער האבען געגנ'בעט
איינער פון דעם אנדערען, אונ גאנץ אפט פון די עלטערען אויך, די עלטערען האבען
ווייטער שטילערהייט צוגענוממען ביי די קינדער יעדע זאך, וואס איז נור געוועזען
אים שטאנד זאגאר אויף איין שעה זיי צו דערהאלטען ביי לעבען. ס'האט אויפגעהערט
יעדער דרך ארץ, זאגאר פאר די טוידטע אונ די לעבענדיגע האבען פון זיי מיט געוואלט
אראבגעריססען יעדען געגענשטאנד וואס ס'איז אין הונדערסטען טייל געוועזען אהנליך
צו א עססענווארג, ווי צום ביישפיל א שטיקעל פארעשווא פון א אלטען פאנטאפעל.
א לעדערנער רימען אדער אנאנדער זאך...

גאנץ אפט פלעגען מיט א שטורם אריינפאללען אין א הויז יודישע סאלדאטען.
וועלכע זיינען געווארען אויססער זיך פון הונגער אונ גלייך ווילדע-מערדער פלעגען
זיי בעזוכען זאגאר די גוססים אין דער מיינונג אז מיט א כונה פערשטעללען זיי זיך פאר
טוידטע כדי שטיללערהייט אויפצועססען א פערבארגענע שטיקעל עססענווארג, מיט
ברייט געאפפענטע מיילער געשוואללענע פון הונגער, פלעגען זיי גלייך ווי דוללע הונד
זוכען אין יעדעם ווינקעל, אונ צען מאל אין טאג ווי צומישטע לויפען אין דעם
זעלבען הויז, פון וועלכען ס'איז שוין גאר ניט געוועזען וואס צו נעהמען.

די נויט האט געצוואונגען די איינוואוינער פון ירושלים ווערען אוים מענשען, און געהמען אין מויל, וואס ס'האט זיך נור געלאזען...

עס איז געקומען א צייט, ווען די מענשען האבען זיך נים געשאמט צו גריזען מיט די ציינער דאס, וואס זאגאר די אונרייגע בהמות האבען נים געוואללט אנריהרען; ביסלעכווייז האבען די סאלדאטען געגעססען די רוימעענס פון די פאנצערס, אנדערע האבען געקאיעט פערפוילט היי און שטרוי...

איבער ירושלים איז ווידער געשטאנען א וואונדערשאנע, גאטטליבע נאכט, וועלכע האט גאר נים הארמאנירט מיט דעם אונגליק פון דער היילינער שטאדט. אין רוימישען לאגער איז שוין לאנג דער פייער אויסגעלאשען. אין דער יודישער סטאליציע איז אויך פינסטער, נור הויך, גאנץ הויך אויף דעם בלויען הימעל בלישצען די עבינע פייערלעך — די שטערען. זיי קוקען אהנמוטיג אן צום לעטצטען מאל גאטטס הויז, דעם בית המקדש...

זינט די וועלט שטעהט — און דאס איז שוין גאנץ לאנג — קוקען זיי אן מיט דער זעלבער שטיללקייט דעם קליינעם ווינקעל פון דער ערד, זיי געדיינקען נאך ווי די היילינע שטאדט האט זיך אנגעהויבען צו בויען...

זיי האבען געזעהען ווי אברהם אבינו האט דא געפאשעט זיינע סטאדעס... און זיי האבען געהארט הגרס געוויין אין דער מדבר...

פאר זייער שיין איז לוט געלאפען פון סדום און עמורה, ווען גאטט האט שוין נים געקענט דערטראגען די גרויססע עברות פון די זינדיגע מענשען און זיי געשטראפט מיט א רעגען פון שוועבעל און פייער...

יאהרען לויפען, יאהרען פליהען, ביי גאטט זיינען טויזענד יאהר ווי א געכטיגער טאג „כיום אתמול כי יעבור"...

און יעטצט איז ירושלים בעלאגערט פון טיטוסעס מיליטאר...

ס'איז ווידער א וואונדערבארע, שאנע נאכט... אבער נים א שטיללע, פון דעם וואלד צלמס גרוילען קרעכצען און וועהען...

די פערמאטערטע יודען אין ירושלים זיינען א דרימעלט געווארען. די צייט אבער שלאפט נים...

און פלוצלונג האט א הילך געגעבען אין דער לופט:

— אה, גאטט, אה, אדוני אלהים! דער בית המקדש בראנדט, גאטטס הויז שטעהט אין פייער...

דער געשריי וועקט אויף די איינגעשלאפענע. אללע חאפען זיך אויף אויף די פיסס און קוקען צומישט, מיט שרעק, אן, ווי איין ווינקעל פון בית המקדש בראנדט. די ווייבער מיט די קליינע קינדער הויבען אויך אן צו וויינען...

— די זילבערנע טויערן בראנגען, דער שער הכסף... ווילל עמעציר איינשטיללען דאס געוויין.

אה, גאטט, אה אדוני!

גאטטס הויז וועט דער פלאמם ניט נעהמען... זיינע וואנד האבען מעהר" כח פאר דעם פייער...

אין שטאדט רוישט א געפילדער, ס'טרעסקעט דער פייער...

פארלייפיג בראנגען די מאססיווע טויערן פון בית־המקדש, וועלכע זיינען בעדעקט מיט זילבער. דאס זילבער ווערד צושמאלצען און דער פייער פערצעהרט נאך מיט מעהר קראפט דאס האלץ. דעמאלט האבען די רוימער אונטערגעצונדען די עזרות פון די איבריגע טויערן, וואס האבען פון ווייטען געגלאנצט פון גאלד און זילבער. די טהויערן פון דעם רייכען און גרויססען גאטטליכען טעמפעל, וועלכער האט ניט געהאט קיין גלייכען, ניט אין היינטיגע רוים און ניט אין א מאליגע גריעכענלאנד, אבוואהל זיי האבען ביידע געהערשט איבער די גאנצער וועלט.

און דער היילינער בנין איז יעטצט געשטאנען אין פייער.

— א ים מיט פייער, א פייער־ים!

טיטוס אלליין האט זיך איבערשראקען פון דער שרפה אין גאטטס הויז. ביי דעם צללעמען האט ער ניט געוואללט ס'זאלל אונטערגעהן דער הכשיט פון דער וועלט די מצבה פון דער אבגעשטארבענער גרויסקייט פון דעם מענשליכען גייסט...

און דריבער האט ער די מינוט בעפאהלען צו לעשען דעם פייער און ריין מאכען דעם טעמפעל־הויף, כדי די לעגיאנען זאללען קענען פריי אריינגעהען, אויף מארגען האט ער צוזאממענגערופען א אסיפה פון זיינע מיטהעלפער.

אין א קורצע רעדע האט ער זיי געפרעגט וואס מען זאלל מאכען מיט דעם בית המקדש.

איינער פון די אנפיהרער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז אזוי לאנג ווי דער טעמפעל וועט געוועלטיגען וועללען די יודען ניט אויפהערען זיך צו בונטעווען.

דער צווייטער נייטער האט זיך אבגערופען:

— זאלל דער קיסר מאכען די לעטצטע פראבע און פארשלאגען די יודען, זיי זאללען ארויסגעהען פון דעם בית המקדש, וואו זיי האבען זיך יעטצט איינגעשלאססען ווי אין א פעסטונג.

אויב זיי וועללען פאלגען און אויפהערען צו שיססען פון דארטען, וועט זייער גאטטס הויז בלייבען גאנץ, און אויב ניט וועט די עבירה זיין אויף זיי, ווייל די יודען צווינגען אונז הרוב צו מאכען זייער טעמפעל.

— ניין — האט זיך ענדליך אבגערופען טיטוס — מיר טארען ניט פערברענגען אזא גאטטליכען בנין, זאגאר דעמאלס ווען די יודען וועללען ניט פאלגען אונזער פארשלאג, די טויטע געגענשטאנדען בעדארפען ניט צו ליידען פאר די מענשליכע זינד,

דער בית המקדש זאלל חרוב ווערען איז א שאד. פאר רוים איז גלייכגילטיג זאלל בלייבען גאנץ, דאס וועט זיין א ציערונג פאר אונזער ממשלה.

דאס רוב פון דער אסיפה האבען צוגעשטיממט צו טיטוסען.

„גאטט אבער האט אנדערש געוואללט און דעם בית המקדש איז בעשערט געווען פערבראנדט צו ווערען" ענדיגט דער יודישער. היסטאריקער...

די יודען זיינען אלליין געלאפען צום אונגליקק, מיט די איינענע האנד איבערגעפיהרט אפילו טיטוסעס גוטען וויללען...

פון גרויסס האסט און פערצווייפלונג האבען זיי פערלאהרען דעם פערשטאנד און דורך דעם אויך די פרייהייט, און ערגער פון אלץ דאס פאטערלאנד.

טיטוס, ווי מיר ווייסען שוין, האט בעפאהלען צו לעשען דעם פייער פון די עזרות, פארלייפיג האט נאך דער בית המקדש אלליין נים געברענט, דער פייער האט זיך אומזיסט געראנגעלט מיט די וואנד, וועלכע זיינען געווען צוזאממענגעלייגט פון אזעלכע גראניטען, אויף וועלכע מיר זיינען היינט גאר קיין מבינים ניט; יעדער גראניט האט געהאלטען פינף מיט א האלבען קלאפטער די לאנג צוויי מיט א האלבען די ברייט און איינס מיט א האלבען קלאפטער די דיקק... וועלכער פלאממ פייער אין דער וועלט קענן גובר זיין אזעלכע וואנד..

טיטוס האט אלזא געהייססען לעשען זאגאר דעם פייער פון די עזרות. די יודען זיינען אבער געוועזן אזוי פערבלאנדט און בייז אויף די רוימער, אז זיי האבען פון זייער בעהאלטענים געשאססען אויף די ארבייטער, וואס האבען אויף טיטוסעס בעפעהל געלאשען דעם פייער. און ס'האט זיך אנגעהויבען א נייע מלחמה אין די עזרות—... ביידע צדדים זיינען געווארען שטארק אויפגערעגט... די רוימער סאלדאטען זיינען געווארען אויסער זיך...

— ווי — האבען זיי געשריען אין כעס — מיר ראטעוועץ זייער גאטטעס הויז און אנשטאט אונז דאנקבאר צו זיין, שיססען זיי נאך אויף אונז! אה. גאטטער, אה, יופיטער... שיק אן אויף זיי דיינע פייערדיגע פיילען.

— אים יופיטערס נאמען — האט זיך צולאכט א סאלדאט, מיט א ברענענדיגע שטיק האלץ אין דער האנד. — בייג דיך איין — האט דער זעלביגער ווייטער געשריען צו זיין קאממעראד וואס איז געשטאנגען פאר איהם.

דער צווייטער סאלדאט האט זיך איינגעבויגען.

און דאס אונגליקק איז געשעהען!... דאס אנגעצונדענע שטיק האלץ איז גלייך ווי א פייערדיגער בליטץ דורכגעפלויגען דורך דעם גאלדענעם פענסטער" פון דעם בית המקדש.

— אז דער פייער האט אנגעהאפט די אינווענינגע געשיער פון גאטטעס הויז — ער-

צעהלט דער היסטאריגער, וועלכער איז דאבײ געווען — האבען די יודען זיך צווײנט ווי ס'בעדארף צו זײן.

דער געשרײ און דער יאממער האט ארומגענוממען אללע געגענדען פון א ם ירושלים, זאגאר דארטען, וואס ס'האבען געגוססען די הונדערטער און טויזענדער געצלמטע יודען...

אז דער שטיפעט האט אנגעזאגט טיטוסען פון דער נײער שׂרפה, איז ווער ספאסיאנוסעס זוהן אויפגעשפרונגען פון זײן לאגער אין דער פאלאטקע, וואו ער האט זיך נור וואס געלײגט אברוהען נאך דער בלוטיגער מלחמה אין די עזרות, און ווי ער שטעהט און געהט, אהן געוואהר און אהן בעפוצונגען. איז ער האסטיג געלאפען צום בית המקדש, כדי צו לעשען דעם פײער.

איהם זײנען נאכגעלאפען אללע אנפיהרער און נאך זײ די איבערגעשראקענע לעגיאנען אויך, די מענשען האבען זיך געטראגען גלײך ווי די כוואליעס פון א ים און זײ האבען מיט זיך פול געמאכט אללע עזרות, כמעט געטרעטען אין פײער. א געפילדער, א קלאפערײ פון פיסס, א גערויש פון געוואהר, געשרײען, קללות, קרעכצען... מיט אײן ווארט ס'איז געווען שרעקליך...

טיטוסעס קול זײן בײזער געשרײ און די הויכע קללות אויף די וואס האבען איהם ניט געפאלגט זײנען בטל געווארען אין דעם געפילדער, וואו ס'האבען געדונגערט מענשליכע קללות פון כעס, אדער פון צרות... און ווער איז געווען אים שטאנד יעטצט אײנצוהאלטען די לעגיאנען... די אונטערשטע רײהען האבען געדריקט די פאדערשטע און געשטויסען זײ ווײטער. אין פײער. בײדע האבען צוגעטרעטען מיט די פיסס יעדערען, וואס האט נור געהאט דאס אונגליקק צו פאללען אין דעם מבול פון לעבענדיגע מענשען... דער מבול מענשען האט אויסגעזעהען ווי א גרויסער מזבח (אלטאר), וואו מען איז אללעמען מקריב, פאר גאט...

אך, בײ די טרעפפען פון דעם הײליגען גאטטעס-הויז האבען זיך שוין געוואלגערט גאנצע הויפענס פון טויטע מענשען און איבער די שטיגען האט זיך געגאססען א ים מיט בלוט פון די הרוגים...

טיטוס איז צוזאממען מיט די אנפיהרער אריינגעגאנגען אין „קדשי קדשים. אין חלום זאגאר האט ער קײן מאל ניט פאנטאזירט וועגען אזוינס וואס ער האט דארטען יעטצט דערזעהען.

זײן בליקק האט זיך געטראפפען מיט דעם גראססטען וואונדערבילד פון דער וועלט — אזא ארט האט נאר געפאסט פאר גאטטעס הויז: „בית-אלהים"

און דער בײזער פײער האט יעטצט אהן רחמנות חרוב געמאכט דעם געטליך-וואונדערליכען בנין, וועלכער האט געציערט די וועלט אײן טויזענד מיט הונדערט דרײסיג יאהר זיעבען מאנאט און פופצעהן טאג...

XV.

דער בית-המקדש.

אין קורצע ווערטער ווילען מיר שילדערען א טייל, פון דעם, וואס די געשיכטע ערצאהלט אונז פון דעם וואונדערבנין.

דער בית המקדש איז געווען געבוידט אויף א שפיטציגען בארג.

צום אנהויב האט דער פלאטץ קוים געקלעקט פאר דעם טעמפעל מיט דעם מזבח, וייל דער בארג איז פון אללע זייטען געווען האלב רונד. און דריבער האט שלמה המלך געשטעללט א וואנד אויף דער מזרח-זייט פון דעם בארג און א שטיק פלאטץ ביז דער וואנד איז אנגעשאטען געווארען מיט ערד און אויסגעגלייכט מיט דעם בארג. מיט דער צייט האט מען אלץ מעהר צוגעפיהרט ערד און פערגרעסערט דעם בארג. ביסלעכווייז, אין א משך פון יאהרען איז דער בארג שוין פון דריי זייטען געווען ארומגענומען מיט א וואנד און דעמאלט איז פארטיג געווארען דערזעלטענער בנין, וועלכער האט געקאסט גאלד און צייט אהן א שיעור.

דער פארטער פון דעם בית-המקדש האט זיך אנגעשפארט אויף א פונדאמענט פון דריי הונדערט עללען, אונגעפעהר 43 קלאפטער, יעדער פלאטע פון וועלכע דער פונדאמענט איז געווען געבוידט האט אויך געהאלטען 40 עללען. וואס אמת גאלד און זילבער האבען זיך דאמאלס געוואלגערט אין ירושלים גאססען אזוי ווי שטיינער און די יודען האבען אנגעווענדט אללע קרעפטען, דער בנין זאלל ארויסקומען וואס שענער. און א דאנק דעם איז אין פערלויף פון הונדערטע יאהרען פארטיג געווארען מיט זיין גאנצען פראכט דער גרויססארטיגער בית-המקדש וואס ס'האט זיך געדאכט צום אנהויב, אז ס'וועט גאר קיין מאל קיין סוף ניט נעהמען.

פיעל חן האבען אויך צוגעגעבען די גרויססארטיגע בנינים, וואס זיינען געווען ניט ווייט פון גאטטעס הויז. איבעראלל דאפפעלטע גאללעריען, וועלכע האבען זיך אנגעשפארט אויף זאילען. פון וועלכע יעדע האט געהאלטען 25 עללען אין דער הויך און איינער גלייך צום אנדערען, אללע פון א זעלטען ווייסען מאמור.

די סופיטען פון די גאללעריען זיינען געווען פון צעדערבוימען, וועלכע וואכסען אויף דעם בארג לבנון.

די טיערע, גוט און שאן אויסגעארבייטע מאטעריאלען, איינם ווי דאס אנדערע האבען זיך געווארפען אין די אויגען פיעל מעהר ווי די שאנסטע בילדער פון א מאהלער אדער פון א קריטצער.

די ברייט פון יעדער גאלעריע אדער פון א עזרה, איז געווען דרייססיג עללען.

דער הויף איז געוועזן ברוקירט מיט געצאצקעטע שטיינער פון פערשיעדענע פארבען (מאזאאיקא).

צווישען דעם ערשטען און דעם צווייטען „מקום קדוש" האט זיך געצויגען א שטיינערנער צוים פון זעלטענער שאנער ארבייט, הויך דריי עללען. אויף איהם איז געשטאנען א גלייכע רייהע פון זיילען, אויף וועלכע ס'איז געוועזן אויסגעקריצט א מודעה אין לאטיין און גריכישער שפראך אז אפרעמדער דאס הייסט ניט קיין יוד טאר ניט אריינגעהען אין ערשטען „מקום-קדוש".

דער ערשטער היילינער ארט איז געוועזן א פירקאנטיגער בנין, ארומגערינגעלט מיט א בעזונדערער וואנד. אין דער הויף האט זיך דער לייטער אויסגעלאזען מיט א שטיק פלאטץ 10 עללען ווייט פון דעם היילינען ארט, פון דארטען האבען זיך אנגעהויבען אנדערע לייטערס, יעדערער צו פינף שטיגען, וועלכע האבען געפיהרט צו פערשיעדענע טהויערען, ארט אויף צפון-זייט און אין מזרח צוויי.

די טויערען האבען געמאכט א גרויסען רושם מיט זייערע עשירות; פון אויבען ביז אונטען, זאגאר ביי די שוועללען, זיינען זיי געוועזן בעגאססען מיט געשמאלצענעם [illegible] גליבע זאגאר מיט קארינטישען קופער (א צוזאממענמישונג פון [illegible] ער), וועלכע איז דאמאלס געוועזן טייערער פאר גאלד אליין. [illegible] מיט יראת הכבוד (עהרע-פורכט) זיך אויפטרייסלען, אנקוקענדיג [illegible] קע טויערען.

יעדער טהויער פון בידע זייטען זיינען געוועזן טהורעמס דרייססיג עללען קוואדראט ברייט און מעהר ווי פירציג עללען הויך. יעדען טהורם האט אונטערגעהאלטען א מארמורנער זאיל פון צוועלף עללען שטארק.

אלץ, אומעדום — ריזיג געוואלטיג!

און אינוועניג אין בית המקדש, גאלד און גאלד אהן א סוף און אהן א עקק!!

אינוועניג האט זיך דער בית המקדש צוטיילט אויף צוויי אבטיילונגען, אפפען אבער איז נור געוועזן די לעטצטע. איבער די ריזיגע טהויערען, וועלכע האבען אריינגעפיהרט אין די צוגעמאכטע אבטהיילונג זיינען געוועזן ארומגעוויקעלט אויך זעלטען גרויסע וויינטרויבען — צווייגען, געמאכטע פון גאלד און פון זיי זיינען אראבגעהאנגען גאנצע קאפ גאלדענע וויינטרויבען, גרויסם ווי א מענש...

דאס איז נאך אבער אלץ קיין אנהויב ניט פון די דארטיגע עשירות די טהויערען פון „קדשי-קדשים זיינען געוועזן פון ריין גאלד און געהאלטען 50 עללען הויך און 19 ברייט... איבער זיי האט זיך געשלעפט ביז דער ערד א אונגעהויער פארהאנג אויסגענעהט פון בלאה[illegible] זיידונם און שארלאך פורפור. דער פארהאנג האט דערמאנט די פיעו[illegible] ון דער וועלט: — שארלאך איז רויט ווי פייער, די זייד איז געגליכען צו [illegible] ט צו דער לופט און אין פורפור שלאגט זיך אב אלץ, ווי אין דעם וואַ[illegible].

אויסגעקרעכעם איז אויף דעם פּרוכת געווען אויסגענייהט דער הימעל מיט די גרויסע און קליינע שטערן.

דורך דעם אונגעהויערן פּרוכת זיינען אריינגעגאנגען די כהנים אין די הייליגע אָבּטהיילונג, וועלכע האט געהאט 60 עלען הויך 60 לאנג און 20 ברייט. אין דער לענג פון דער זאל זיינען אויך געווען דריי קליינע אָבּטהיילונגען.

אין דער ערשטער זיינען געווען בעהאלטען די וועלטבעריהמטע דריי קינסטליכע זאכען: די גאלדענע מנורה, דער טיש און דער מזבח. די מנורה מיט די זיעבען לאמפען זיינען געווען געגען די זיעבען פּלאנעטען, פון וועלכע די חכמים האבען געוואוסט, דער טיש מיט די צוועלף חלות — התמיד — געגען די צוועלף מזלות און חדשים פון יאהר.

און אין דער פאנן פון דעם מזבח זיינען געווען דרייצעהן גאָטטונגען רויכער וואַרג אויף קטורת, וועלכע זיינען געווען צוזאממענגעקליבען פון ים, פון דער ערד און פון דער מדבר, א בעווייז אז אלץ קוממט פון גאָטט און צו איהם געהערט די גאנצע וועלט.

די מיטטעלע אָבּטהיילונג פון דער הייליגער זאל, וועלכע האט געהאט 20 עלען אין דער הויך, אין דער לענג און אין דער ברייט, איז אויך געווען פאַרהאנגען מיט א פּרוכת.

ביים צווייטען חורבן איז זי געווען פוסט, נור א מאל איז דארטען געשטאנגען דער „ארון הקדש", וועלכער איז פערפאללען געוואָרען פאר'ן ערשטען חורבן און קיינער ווייסס ניט וואו ער איז אהינגעקוממען... ס'איז נור געבליבען א פערשלאָססענער „קדשי קדשים"...

בעת דער שרפה איז טיטוס אריין אין „קדשי-קדשים", ער איז אבער באלד ארויסגעגאנגען צוריק — וועניגסטענס אזוי ערצעהלט יוסיפון.

פון דרויסען האט דער בית המקדש געהאט אלץ, וואס קענן נור ענטציקקען די אויגען און די נשמה. בעדעקט פון אללע זייטען מיט שווערע גאלדענע טאָפּעלען, האט זיך גאנטס הויז אָבּגעשלאגען פאר דער זונן, מיט א ליכטיגער שיין, וועלכען האט געבלענדט די אויגען גלייך ווי די זונן שטראהלען.

פאר די עולי-רגל האט דער בית המקדש אויסגעזעהען פון ווייטען ווי בעדעקט מיט שניי, אזוי ווייסס איז געווען דער מאַרמור פון די וואנד.

און אויף די גרויססע און רייכע עשירות איז אויך געקוממען א סוף.

דאס גאלד און זילבער זיינען צושמאלצען געוואָרען אויף דיקקע שטיקער, כדי די רוימישע סאלדאטען זאללען האבען וואס צו שלעפּפּען!

נאך דעם צווייטען חורבן פון בית המקדש איז מיט א מאל געוואָרען אזוי פיעל

גאלד, אז אין סירען איז דער פרייז פון דעם מעטאלל אראבגעפאלען פונקט אויף א העלפט...

XVI.

פון ירושלים אין רוים.

ס'איז שוין נאכ'ן חורבן, שטילל פינסטער טרויעריג... קיין איינציגער לעבענדיגער גוף טרייבט זיך יעטצט ניט ארום אויף די גאססען פון דער אמאליגער שאנער און רייכער ירושלים.

אוים!! אלץ, וואס האט געלעבט איז אדער געהרגעט, אדער פערברענדט אין דער גרויסער שרפה. א קליין רעשטעל איז אויך פערקויפט געווארען פאר שקלאפען, אדער געפאנגענערהייט אוועקגעפיהרט אין רוים...

צווישען די איינגעפאללענע צושמעטטערטע חורבות לויפען ארום די שאקאלען און פרעססען מיט א פעטיט די ניט בעגראבענע יודישע הרוגים. פון רינגס-ארום קוממען צופליהען גאנצע חמארעס אדלערס, וואראנעס און אנדערע רויב-פויגלען און מיט א געפילדער בעפאללען זיי די טוידטע קערפער...

ביי זיי איז יעטצט א באל, אויף וועלכעס זיי האבען זיך קוים דערוואַרט, אזא ברייטע שמחה האבען זיי שוין לאנג ניט געהאט!!!...

אט דארטען ווייט, גאנץ ווייט, וואו ס'קליעעט זיך נאך א פונקען פון בית המקדש, זיטצט א אלטער מאנן, אנגעטהון ווי א בעטטלער, מיט א גראבען שטעקען אין דער האנד.

פון זיינע אויגען גיססען זיך טרערען ווי פון א קוואלל וואססער און מיט א צובראכענעם קול קלאגט ער נאך דעם מקונן:

-- „איינזאם איז געבליבען די שטאדט, וואס האט א מאל געפיהרט א גרויססע
„ראלע און געהערשט מיט מענשען! די גראססטע פון נאציאנען, איז היינט געבליבען
„ווי א אלמנה... אמאל געהערשט איבער פיעל מדינות און יעטצט אליין חרוב גע-
„ווארען... זי וויינט טאג ווי נאכט און די טרערען בלייבען אויף די באקקען, זיי
„רינגען ניט ווייטער...
„ציון'ס וועגען זיינען טרויעריג, ס'איז ניט דא, ווער ס'זאלל עולה-רגל זיין...
„די טהויערען זיינען וויסט, די כהנים אין גלות און די שאנע טאכטער פון ציון אויך
„געפאנגען...
„ניט אויף אייך, וואס איהר געהט דא פארביי, געזאגט געווארען אזא אונגליק,
„וואס האט אונזער לאנד געטראפפען, גאטט האט אבגעקעהרט זיין געזיכט פון אונז.
„זיך בעדעקט מיט א וואלקען, כדי אונזערע תפלות זאללען ניט קענען צוקוממען;
„דער מזבח צושמעטטערט, א סוף געמאכט מיט אללע הייליגע זאכען, און פון
„ירושלים וואנד איז געווארען אש און בלאטע"...

אזוי האט נאכגעזאגט דעם מקונן דער פרומער סאלאפיל, און די שאקאלען, די אדלערס מיט די ווארונעס האבען געטהון דאס זייעריגע און זיך משמח געווען אויף דער זאטטער סעודה...

אנדערש אבער איז געווען אין רוים...

דארטען איז פריילין, לוסטיג... ס'האט לאנג געדויערט, אבער דאך אויסגעפיהרט, די שטארקסטע און שטאלצינגסטע נאציאן, דער גרעסטער עקשן פון דער וועלט, דאס יודישע פאלק איז אויך בעזיגט.

און רוים איז איבערגליקקליך מקבל פנים דעם העלדישען טיטוס מיט זיינע אייזערנע לעגיאנען, וועלכע זיינען נאך יעטצט פעסטער אין זיך און זאגען נאך דרייסטיגער, אז נור זיי זיינען די אמתע בעזיגער פון דער וועלט.

טיטוס פאהרט אריין איבער דעם „היילינען וועג" אין א רייכען וואגען. פאראויס לויפט, ווי דער מנהג איז, א „מארשאלעק". ער לאכט, ווי שטענדיג, פון דעם בעזיגער, אבער דאס מאל הארט ניט דאס פאלק זיינע גלייכווארטלעך און מאכט נאך חוזק פון איהם אליין... דאגעגען ווערען אללע ענטציקט פון טיטוסען.

הינטער זיין וואגען שלעפען זיך נאך די געפאנגענע יודען, די געוועזענע אנפיהרער, כהנים און אדעל-לייט. אללע געהען געשמידט אין קעטטען.

די אנפיהרער האבען נאך אויף די האנד און פיסס מאססיווע שווערע גאלדענע קעטטען, אויסגעגאססענע פון דעם צושמאלצענעם גאלד, בעת די שרפה פון בית המקדש......

אויף מארגען האט געזאללט פארקוממען אין צירק דאס געשלאג צווישען די גלאדיאטארען און אויף צום לעטצט. דאס שפייזען, די ווילדע חיות מיט מענשען־פלייש — נאך מעהר מיט פלייש פון לעבענדיגע מענשען...

אין גרויסען צירק האט זיך פערזאממעלט גאנץ רוים, דארטען איז געוועזען פלאטץ פאר א האלב מיליאן מענשען, קיין זאך איז ניט געווען אים שטאנד אזוי צו ציעהען די רוימישע שלעכטע, פערדארבענע הערצער, ווי די פארשטעללונגען מיט מענשענבלוט. היינטיגער טאג איז איבערהויפט געווען אינטערעססאנט, ווייל מיט די גלאדיאטארען האבען געזאללט זיך ראנגלען צוויי יודישע גבורים וואס טיטוס האט מיטגעבראכט פון ירושלים און געגען דעם לייב פון מדין וועט פארטרעטטען א יודישע פרוי מיט איהר שאנער טאכטער. די העלדען זיינען געווען: יהודה בן מאיר און שמעון בן יאיר, וועלכע האבען בעוויזען א זעלטענע גבורה אין דער מלחמה מיט די רוימער.

די לאזשען און די גאללעריע פון צירק זיינען געווען פול געפאקט מיט מענשען אויף די בעסטע פלאצער, נאהענט צו דער ארענע, זיינען געזעססען די סענאטארען, די אנפיהרער פון די לעגיאנען און די אנגעזעהענע בעאמטע פון רוים, ווייטער זיינען געזעססען די איינפאכערע בעלי בתים און סאלדאטען.

די אויבערשטע רייהען זיינען געווען אנגעפאקט מיט פערשיעדענע פרויען. אללע האבען גערן געזעהען ווי ס'גיססט זיך מענשליכע בלוט.

פון דער ברייטער, קיסרליכער לאזשע האט פויל ארויסגעקוקט וועספאסיאנוסעס אבגעבראזירטער פנים בעגאססען מיט פעטץ.

נעבען איהם איז געזעססען דער יונגער העלד טיטוס, זיין שטארקער קאפ האט זיך פעסט געהאלטען אויף דעם אקסענעם קארק. דער קיסר האט פויל א מאך געגעבען מיט דער האנד, די פארשטעללונג זאלל זיך אנהויבען.

אויף דער ארענע האבען זיך בעוויזען נור עטליכע גלאדיאטארען, ווייל וועס־

פאסיאנים איז געווען שלאפפעריג און ער האט געוואללט וואס גיכער פטור צו ווערען די פארשטעללונג.

די טרובעס האבען אויפגעשפיעלט און די פיער גלאדיאטארם, צוויי שטענדיגע און די צוויי יודישע גבורים, זיינען ארויסגעטרעטטען אויף דער ארענע לאנגזאם מיט געצאהלטע טריטט. זייערע קערפערס זיינען געווען נאקערט, נור מיט נארטלען איבער די לענדען.

ביי דעם קיסר'ס לאזשע זיינען זיי שטעהען געבליבען, די טרובעס האבען אויפגעהערט צו שפיעלען.

—לעבען זאלל דער קיסר! דיך בעגריססען דיינע קנעכט, וואס געהען שטארבען! — האבען הויך אויסגעשריען די ביידע גערמאנישע גלאדיאטארס. דעם בעוואוסטען פזמון די יודען האבען זאגאר מיט דעם פנים זיך ניט אומגעקעהרט צו דעם קיסר'ס לאזשע, די האנד האבען זיי נור אויפגעהויבען אין דער הויך.

— אה, אדוני אלהים! — האבען זיי אין איין קול אויסגעשריען— דו גאטט פון אברהם, יצחק און יעקב! אה, ירושלים, גאטטס שטאדט!

נאכדעם זיינען אללע פיער פאמעלעך ארומגעגאנגען די ארענע כדי די צוזעהער זאללען בעססער קענען בעקוקען זייער וואוכס, די שטארקע מוסקעלען און געשיקליכקייט, ווייל געוואהנליך ביי אזא פארשטעללונג האט מען זיך געוועט, וועלכער צד וועט גובר זיין.

— אה, יופיטער! — האט א פרוי פון דער הויך אויסגעשריען — זעהט נור ווי די גערמאנער זיינען שאן!

די מאנגער האבען זיך צולאכט, די גערמאנער זיינען ווירקליך געווען הערקולעסען, הויך געוואכסען און שאן געבוידט, מיט בריטע פלייצעס און געזונדטע בעוואקסענע ברוסטען און מיט בלאנדע בארד.

די יודען האבען אנטקעגען זיי אויסגעזעהען גאר קליין; דאגעגען אבער האט א גוטע אויג געקענט בעמערקען, אז ביי דעם מיטטעלען געוואוקס פערמאגען די יודישע גבורים מוסקולען ווי שטאהל און פלינקקייט פון א קאטץ.

נאך אללע צערמאניעס, האט דער אנפיהרער פון דעם פארשטעללונג געגעבען א צייכען דער ערשטער פאר, די טרובעס האבען ווידער אויפגעשפיעלט, דער גאנצער צירק איז ווי אויסגעשטארבען, יעדערער האט איינגעהאלטען דעם אטעם פון גרויסע ענטציקונג איבער דעם ערשטען רושם פון בלוט.

אויף יהודה בן מאיר איז אויסגעפאללען אנצוהויבען די פארשטעללונג, ער איז זיך צוגאנגען מיט זיין געגנער און זיי האבען ביידע זיך שארף אנגעקוקט. דער גערמאניער האט אויף איהם געווארפען א ווילדען בליק. א לאנגע צייט האבען זיי זיך ביידע געיאגט ווי א קאטץ מיט א מויז.

דער גערמאניער איז געווען גוט בעוואפפענט און מיט כח א קלאפ געגעבען יהודה'ן, ס'האט א שפריץ געגעבען בלוט...

— געפאקט! — האט פריילך א ציטטער געגעבען דער צירק פון געשרייען, די רוימער זיינען געווען שוין זיכער, אז דער יוד ליעגט טוידט.

— ניט געפאקט! — האט רוהיג געאנטווארט יהודה און זיין קורצער שווערט האט דורכגעשטאכען דעם גערמאניערס הארץ.

דער ריז איז אניעדערגעפאללען גלייך ווי א אונטערגעזעגטער דוב... יהודה האט א ווארף געטהון ווייט פון זיך דעם שווערט און אויפגעהויבען די האנד צום הימעל.

— אה, גאטט! — האט ער געזאגט מיט האַרץ — זיי מיר מוחל וואס כ'האב געהרגעט א אונשולדיגען מענשען, כ'האב ניט געמיינט מיין כבוד נור געוואללט זיך אנגעהמען פאר אונזער יודישען כבוד.

די דיענער פון צירק האבען דערווייל ארויסגעטראגען דעם טויטען גערמאניער.

די טרובעס האבען נאך א מאל אויפגעשפיעלט און שמעון בן יאיר איז פארגעטרעטען געגען דעם צווייטען גערמאניער.

דער גלאדיאטאר איז געוועזען בעריהמט אין רוים. פון קינדהייט אן האט ער זיך געלערענט אין דער קיסרליכער גלאדיאטאר-שוהלע. ער איז דריבער גלייך געגאנגען אויף זיין געגנער. אין דער לופט האבען א בלישץ געגעבען צוויי שווערטען.

ביידע געגנער זיינען אבער געוועזען געניטע מענשען אין די זאכען און דער נצחון איז ניט אזוי לייכט אנגעקומען.

דער גערמאניער האט זיך געווארפען הין און הער, יעדעס מאהל האט אבער דער יודישער גבור פערשטאנען וועגן אבצושפרינגען צוריק אדער אן א זייט. ענדליך איז דער גערמאניער געפאללען אויף די קניע און פון הינטען פלינק א מאך געגעבען מיט דעם שווערט.

דער צירק האט וויעדער געציטערט פון קלאפעניי, די רוימער האבען מיט אללע כוחות געשריען,

— געפאקט, געפאקט.

— ניט געפאקט! — האט מיט די לעטצטע כוחות אויסגעשריען שמעון און זיין קליין שווערט האט געטראפפען דעם געגנער. ביידע זיינען געוועזען טויט.

די טראגער האבען זיי אויפגעראמט און די מוזיק האט וויעדער אויפגעשפיעלט.

אויף דער ארענע האט זיך בעוויזען א יונגע פרוי מיט א זעלטענעם שאן קינד.

— צו וואס איז דאס? — האט וועספאסיאנוס געפרעגט, וועלכער האט ניט ליעב געהאט צו זעהען קליינע קינדער אויף דער ארענע.

— אללע לעגיאנען האבען עס דורכאויס פערלאנגט, די יודענע מיט דעם קינד האבען בעליידיגט דעם רוימישען אדלער — האט טיטוס זיך פערענטווארט פאר דעם פאטער.

אין צירק האבען אללע מיט וואונדער אנגעקוקט דאס שאן קינד.

— א גאטטין. א גאטטין! — האט זיך געהערט פון אללע זייטען.

— זאלל נאר אבער דאס קליין שלאנגעל אויסוואכסען, וועללען אללע מאנגער צוליעב איהר געהען ווי אהן א קאפ — האט מיט קנאה זיך אבגערופען א הייזעריגע וויבערשער קולכעל.

פלוצלונג האט זיך געלאזט הערען פון דער ווייטענס א קלאפ, ווי פון א דונער.. דער צירק האט א ציטטער געגעבען — די יודישע פרוי איז בלאסס געווארען — דאס האט דער לייב א ברום געגעבען...

— דו הערסט מיין קינד — האט זיך די פרוי געשטארקט צו טראסטען דאס קינד — אט געהט שוין די גרויססע, גוטע קאטץ, וועלכע וועט אונז אהינטראגען צו דיין פאטער אין ירושלים, וואס ס'איז אויף דעם הימעל...

דער גרויסער לייב איז געווען גאנץ צופריעדען, ווען ער האט פלוצלונג דערזעהען די שיין און זיך געשפירט פריי אויף דער ארענע, וואו ס'איז איהם אללע-פאללס געווען בעססער, ווי אין דער ענגער קליאטקע. אנקוקענדיג יעטצט דעם ריינעם בלויען הימעל און די הייסע קלאהרע זונן, די זעלבע, וואס ער האט א מאל געזעהען אין זיין ווייטען היים, האט זיך דער מלך פון די חיות אויף א ווייל פער-טראכט און ביי זיין קליין מח'ל האט זיך איהם געדאכט אז ער איז שוין ווידער צו-ריק אין דעם ווייטען מדבר פון אפריקא...

אפשר האט ער זיך אויך דערמאנט אן די בעשערטע, ווייל ער האט אויסגע-שטעללט דעם גרויסען קאפ מיט דער שרעקליכער מארדע גלייך געגען דער זונן און זיך אזוי צורוציעט, אז דער צירק האט געציטערט.

אז ער האט זיך זאטט אנגעקוקט מיט דער זונן, האט ער אנגעהויבען פלינק צו שפרינגען, גלייך ווי א ריזיגע קאטץ איבער די ארענע, צו זעהען אויב ער קען נאך אלץ אזוי געשיקט לויפען און ארבייטען מיט אללע גליעדער...

— דו זעהסט, מיין קינד — האט די יודישע פרוי זיך ווידער אבגערופען — ווי די גרויסע קאטץ שפיעלט זיך.

ערשט יעטצט האט דער לייב בעמערקט, אז אויף דער ארענע זיינען דא מענשען אויך.

דער גאנצער צירק האט אונגעדולדיג געווארט, וואס וועט זיין ווייטער...

— צו וואס האט עס דיר געטויגט? — האט וועספאסיאנוס נאך א מאל געפרעגט זיין זוהן — אזא קליין קינד?

— די לעגיאנען האבען דורכאוים פערלאנגט דאס קינד...

די קליינע. האט מיט איהרע פיסלעך געטרעטטען אונזער אדלער.

דער לייב האט זיך דערווייל צוזעטצט אויף דער ערד, ווי א קאטץ און ניט ארונטערגעהמענדיג די אויגען פון די מענשען, האט ער געקלאפט מיט'ן עק איבער'ן זאמד פון דער ארענע, גלייך ווי מיט א בעזעם.

— געה, מיין קינד, צו דער גוטער קאטץ — האט די יודענע געזאגט און איהר קול האט נאך מעהר געציטערט, דאס געזיכט איז געווארען בלאסער.

— מאמא! און די גוטע קאטץ בייסט ניט? — האט דאס קינד געפרעגט מיט איהר קליינגענדען קולכעל.

— ניין, מיין קינד...

דאס קינד האט געשטעללט א פאר טריטט, אט אט, דאכט זיך, וועט ווערען זיין סוף...

דער לייב האט זיך אבער ניט געריהרט פון ארט...

ער איז געווען צופריעדען פון זיך און מיט פערגניגען געווארט, דאס קינד זאלל זיך מיט איהם שפיעלען...

— דו זעהסט ווי די קאטץ שפיעלט זיך ? — האט די אונגליקליכע מוטטער ווייטער געזאגט.

גלייך ווי דער לאיב וואללט פערשטאנגען די לעטצטע ווארטער, האט ער אנגעהויבען צו שפרינגען אויף אללע זייטען ווי א אמתע קאטצעל וועלכעס, האט זיך נור וואס אויסגעשלאפען און שפיעלט זיך מיט א קינד.

נאכדעם האט ער זיך ווידער אויסגעצויגען אויף דער ערד און ווי א קאטץ צוגעקראכען אויפ'ן בויך צו דעם קינד...

— רבונו של עולם! האב רחמנות און שאנק איהר א לייכטען טוידט! — האט די אונגליקליכע מוטטער הייסס מתפלל געווען און זיך פלייססיג אומגעקעהרט ניט צו זעהען דעם קינדס ביטטערען סוף...

אט איז שוין דער לאיב ניט ווייט פון קינד, וועלכעס שטעהט ווי פערכשופט...

— א נס מן השמים... דאס קינד לעבט און דער לאיב לעקט מיט זיין גרויססען צונג איהר דראבנע פיססעלעך.

די גאסט פון צירק זעהען אזא בילד צום ערשטען מאל, דאס איז עפעס גאר א נייעס...

זיי פאטשען „בראווא" מיט אללע כוחות...

דער לאיב דערשרעקט זיך פון דעם גערויש און אנטלויפט האסטיג צוריק אין זיין קלאטקע...

— גענוג אויף היינט... האט פלוצלונג א געשריי געגעבען וועספאסיאנוס — פיהרט אוועק די פרוי מיט איהר קינד...

די גאטטער האבען רחמנות געהאט אויף דאס קינד און מיר וועללען צוליעב איהם לאזען לעבען די מוטטער... מיר מאגען זיין צופריעדען דערמיט אלליין, וואס ירושלים איז חרוב.....

און בירניקה? — וועט געוויסס פראגען דער לעזער, ווענן ער וועט זעהען, אז די ערצעהלונג ענדיגט זיך. —

דעריף קעננען מיר אנטווארען אויך אין קורצען.

— זי איז נאכגעגאנגען טיטוסען אין אללע בלוטיגע וועגען און צוזאממען מיט איהם זיך איינגעקוקט ווי ירושלים איז חרוב געווארען און דער בית המקדש האט געבראנט.

איהר האט זיך נאך אלץ געחלומט, אז טיטוס וועט מיט איהר סוף כל סוף חתונה האבען און אנשטאט די יודישע וועט זי נאך א מאל האבען די רוימישע קרוין. דאס איז אבער געווען א טעות.

מיט דער מינוט, וואס טיטוס איז ארויף אויף דעם טראן, האט ער די ערשטע זאך געזעהען מרחיק צו זיין פון זיך די יודישע פרינצעססין.

SEP 2 4 1911

א מאליגע היטץ האט אויפגעהערט אין דער יעטצטיגער קיסר האט זיך געשאמט מיט די אלטע חטאים.

צום לעטצטען מאל האט בירניקה טיטוסען געזעהען, ווען ער איז געווארען א משנה למלך...

— דו ביסט געקומען זיך מיט מיר צו געזעגענען? — האט זי געפרעגט, ווען ער איז אריין צו איהר אין דעם פורפורנעם מאנטעל, וואס די קיסרים טראגען.

— יא, דו האסט געטראפען, און דאס אויף שטענדיג — האט ער געזאגט און מיט כונה געמיידט איהר פייערדיגען בליקק.

בירניקה האט פערשטאנען, אז זי האט פערשפילט און זי האט פלייסיג פער־רעדט די זאך.

— דו האסט היינט ביי נאכט געזעהען א חלום? — האט זי געפרעגט נאך א קורצער פויזע..

— פון וואנען ווייססט דו דאס? — האט טיטוס געאנטווארט מיט א פראגע.

— וויל מיך האט אויך געקוואלט דער זעלבער חלום.

— דו מיינסט געוויסס די שרעקליכע בילדער פון חורבן ירושלים.

— יא... כ'האב אויך געזעהען דעם חורבן... און מיר ביידע האבען זיך גע־הויבען אין די לופטען... און די ווארטער געדיינקסט דו אויך? דאס זיינען געווען שרעקליכע ווארטער...

— און דו האסט זיי גענוי געהערט? — האט שוין ערשראקען געפרעגט טיטוס.

— גאנץ גענוי.

— און די וועלט מוז טאקי ליידען דאדורך, וואס מיר ביידע האבען אזוי פיעל אנגעגעבען איבער דאס אונשולדיג פאלק.

ווענינגסטענס, אזוי האט דער קול נביאות געזאגט.

— און יודען וועללען בלייבען עביג?

— דו האסט דאך געהערט דאס זעלבע וואס איך.

טיטוס האט זיך מיט שרעק אבגעשאקעלט.

— צו וואס אלזא האט מיר געטויגט די גאנצע ארבייט? — האט ער זיך אלליין געפרעגט — יודען בלייבען יודען.

און וואס האב איך אויפגעטהון?...

ער האט עקסטרא פערשטעללט מיט די האנד זיין געזיכט, בירניקה זאלל ניט בעמערקען זיינע פייכטע אויגען...

ע נ ד ע